STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05887

YIDISHE GESHIKHTE FAR SHUL UN HOYZ

H. Efrati

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידישע געשיכטע

פאר שול און הויז

— פון —

ח. אפרתי

ערשטער טייל

די ביבלישע תקופה

הוצאת:

סטאר היברו בוק קאמפאני

58-54 קאנעל סטריט, ניו יארק

תרפ״ח

Printed in the United States of America

אינהאַלט:

ערשטער טייל

1. די צייטן פון די אבות — — — — — — — — — — — — — 5
די עברים. — דאָס כלל לעבן. — דער שטוביקער לעבנס-שטייגער. — גלויבונגען.

2. די סיפורים פון חומש וועגן די אבות — — — — — — 10
אברהם אבינו אין כנען. — יצחק נעמט א פרוי. — יצחק אבינוס זין. — יעקב אין ארם נהרים. — יעקב קערט זיך אום קיין כנען.

3. די צייט, ווען מלכים פון מצרים האָבן געוועלטיקט איבער ארץ ישראל — — — — — — — — — — — — 18
די מצרים. — די בני ישראל אין מצרים.

4. סיפורים פון חומש וועגן לעבן פון יידן אין מצרים און וועגן יציאת מצרים — — — — — — — — — — 23
די זין פון יעקב-ישראל. — די בני ישראל אין מצרים. — משה רבינו. — דער מופת. — די מכות מצרים. — יציאת מצרים.—די בני ישראל אין מדבר סני.—די עשרת הדברות.

5. די איינוואנדערונג פון די בני ישראל קיין פּאַלעסטינע 34
די נאַטור און דער קלימאַט פון ארץ ישראל. — די מלחמות מיט די כנענים.

6. סיפורים פון תנ״ך וועגן דעם כיבוש פון ארץ ישראל — 39
די מלחמה מיט די אמורים. — דער כיבוש פון יריחו און פון עי.

7. די צייט פון די שופטים. (XI-XIII יארהונדערט) — — 42
באַשעפטיקונגען. — די מנהגים. — די גלויבונגען. — די שופטים.

8. סיפורים פון תנ״ך וועגן די שופטים — — — — — — — 50
ברק און דבורה הנביאה. — גדעון. — אבימלך. — שמשון הגבור.

9. גרינדונג פון דער יידישער מלוכה (אין יאָר 1020) — — 58
די נויטיקייט פון דער קיניגלאַכער מאַכט. — שאול דער ערשטער קיניג פון ישראל (1020—1000).

10. סיפורים פון תנ״ך וועגן שאול המלך — — — — — — 60
שאולס באַגעגעניש מיט שמואל הנביא. — שאול ווערט א קיניג. — שאולס טויט.

11. די צייט פון דוד המלך (1000-970) — — — — — — — — 63
דוד המלך. — דער שטייגער-לעבן און די פרנסות פון די יידן. — דער אינווייניקסטער סדר.

12. סיפורים פון תנ״ך וועגן דוד המלך — — — — — — — 70
דוד און גלית. — דוד אין מדבר. — דוד ווערט קיניג. — דער ארון ווערט איבערגעטראָגן קיין ירושלים.

13. די צייט פון שלמה המלך (970-933) — — — — — — — — 78
דער קיניג שלמה. — די פּרנסות. — די אינוווייניקסטע אָר-
דענונגען. — דער לוקסוס ביים קיניגלעכן הויף און דער
בנין בית-המקדש.

14. סיפּורים פון תנ"ך וועגן שלמה המלך — — — — — — — 84
שלמהס חכמה. — שלמה המלכס גרויסקייט. — דער בנין
בית המקדש. — די הייליגונג פון בית-המקדש. — שלמה
המלכס רייכקייט. — אומצופרידנקייט מיט דער רעגירונג
פון שלמה המלך. — צעטיילונג פון דער מלוכה.

15. סיפּורים פון תנ"ך וועגן דער צעטיילונג פון דער יידי-
שער מלוכה — — — — — — — — — — — — — 93
שלמהס זינד און די נבואה פון'ם נביא אחיה. — די צע-
טיילונג פון דער יידישער מלוכה.

16. דאָס קיניגרייך ישראל (933-722) — — — — — — — — — 96
קיניג ירבעם (933—912). — די פּרנסות און דער געזעל-
שאַפטלאַכער לעבנסשטייגער. — מהומות. — די פעני-
קיער. — קיניג אחאב (876—854) און די השפּעה פון די
פעניקיער.

17. סיפּורים פון תנ"ך וועגן קיניג אחאב און אליהו הנביא 103
דער קאַמף פון אליהו הנביא מיט די כהנים פון בעל. —
אחאב און נבות. — מלחמות מיט די ארמים. — די אשורים.

18. דאָס קיניגרייך יהודה (933-586) — — — — — — — 115
פּרנסות און געזעלשאַפטלעכער לעבן-שטייגער. — די צייט
פון קיניג רחבעם און זיינע יורשים.

19. סיפּורים פון תנ"ך וועגן קיניג יאשיהו און וועגן דעם
ספר התורה — — — — — — — — — — — — — — 126
דער אויפטו פון קיניג יאשיהו. — רעליגיעזע כללים און
מידות. — מלכות יהודה אונטער דער אויבערהערשאַפט פון
אשור. — די מלחמה מיט די מצרים און די ממשלה פון
פּרעה איבער מלכות יהודה.

20. די צייט פון גלות בבל — — — — — — — — — — — — 145
די בבלים אָדער כשדים. — די פּרנסות פון די יידן אין
בבל. — דער סדר פון די קהילות. — ווי אַזוי די פּאַרטרי-
בענע האָבן געהאַלטן זייער אמונה.
הנביא. — פּסוקים פון ספר יחזקאל.

21. די צייט פון דער פּערסישער אויבערהערשאַפט
(538-332) — — — — — — — — — — — — — — — 152
די פּערסער. — די יידן קערן זיך אום קיין ארץ ישראל. —
די פּרנסות. — דאָס כלל לעבן. — ווי אַזוי איז מלכות יהודה
געוואָרן רעגירט. — די כהנים גדולים. — דער צווייטער
בית המקדש ווערט געבויט.



הרי אררט
ארמניה (מני)
הים הכספי
אור-כשדים
חרן
פדן-ארם
(ארם נהרים)
נינוה
כלח
אשור
מדי
ארם (סוריה)
חמת
ארץ
עילם
צידון
צור
עכו
דמשק
מדבר סוריה
אכד
בבל
שושן
ארץ כשדים
ארך
פרת
יפו
ירושלים
עזה
ערב
פרס
קיל.
0 50 100 200 300 400
ים-סוף
ת.ג.

1.

די ציטן פון די אָבות.

מיט אַן ערך פיר טויזנט יאָר צוריק האָבן די עלטערזיידעס פון די איצטיקע יידן אַרומגעוואַנדערט איבער די הייסע מדבריות פון אַראַביע (ערב), סיריע (סוריאָ) און פונם האַלב-אינזל סיני. זיי האָבן געהערט צו דער גרויסער משפחה פעלקער און שבטים, וואָס האָבן גערעדט אויף שפּראַכן, וואָס זיינען זייער נאָענט איי- נע צו דער אַנדערער און וואָס ווערן אָנגערופן סעמיטישע אָדער שמישע*).

פון איין גרופּע פון די דאָזיקע סעמיטישע שבטים, וואָס ווערט אָנגערופן עבר, קומען אַרויס די איצטיקע יידן, ווי מיר וועלן דאָס זען פון דער וויטערדיקער דערציילונג.

אין יענער אַלטער צייט האָבן די עברים זיך פאַרנומען מיט בהמות-האָדעווען. זיי האָבן פאַרמאָגט גרויסע סטאַדעס אָקסן, ציגן און שאָף און פלעגן זיך אַרומפירן מיט זיי פון איין פיטער- פלאַץ צום צווייטן. די גוטע פיטער-פלעצער געפינען זיך גע- ווינלאַך דאָרט, וואו ס'איז פאַראַן וואַסער—ביי די ברעגעס פון

*) עס איז מעגלאך, אַז אָט די אַלע שבטים שטאַמען אָפּ פון איין פאָלק, וואָס האָט אַמאָל געוואוינט אויף איין אָרט און גערעדט אויף איין שפּראַך—גיכער פון אַלץ אויפן אַראַבישן האַלב-אינזל, נאָר מיט דער צייט האָבן זיך איינציקע טיילן פונם דאָזיקן פאָלק ביסלעכווייז אָפּגעטיילט און אַוועקגע- לאָזט זיך אין פאַרשיידענע מקומות. נאָר דאָך זיינען די סעמיטישע פעלקער דורות-לאַנג געבליבן נאָענט איינס דעם אַנדערן לויט דער שפּראַך, אויסזעען און מנהגים.

אַ טייכל אָדער אַן אָזערע. אָנגעקומען אין אַ גוטען פיטער־פלאַץ, פלעגן די עברים אויפשלאָגן זייערע געצעלטן און בלייבן דאָרט וואוינען, כל־זמן עס פלעגט קלעקן שפּייז פאַר די בהמות.

געוויינלאַך פלעגן זיי ניט לאַנג בלייבן זיצן אויף איין אָרט. די בהמות פלעגן בּיסלאַכוויז אָפּפרעסן דאָס גראָז, און פאַשע פלעגט ווערן אַלץ ווינציקער. אַז ס'פלעגט אויסגיין דאָס גאַנצע פוטער פאַר די בהמות, האָט מען געמוזט פונאַנדערנעמען די געצעלטן, אויפלאָדן די גאַנצע בעל־הבתישקייט אויף קעמלען און זיך לאָזן ווייטער גיין איבערן מדבר זוכן אַ נייעם פיטער־פלאַץ. מער ניט טיילמאָל, ווען די עברים פלעגן אָנטרעפן גוטע און געבענטשטע פלעצער מיט אַ סך ביימער און גראָזן, האָבן זיי געקאָנט פאַרבלייבן אַ לאַנגע צייט. אין אַזעלכע ערטער פלעגן זיי אָנהייבן באַאַרבעטן די ערד און זייען געריסטן און אַנדערע תבואה־געוויקסן.

דאָס כלל־לעבן.

די עברים האָבן געלעבט אינאייינעם, אין גרויסע געזינדן אָדער משפּחות. צו דער משפּחה האָבן געהערט, חוץ די ברי־דער און זין מיט זייערע ווייבער און קינדער, אויך די קנעכט און דינסטן, געקויפטע אָדער גענומענע געפאַנגענע אין מלחמה. די קנעכט זיינען ביי די עברים געווען פאַררעכנט כמעט ווי איי־גענע. אַלע האָבן געאַרבעט אינאייינעם און געלעבט אינאייינעם. אַמאָל פלעגט אַ משפּחה אַזוי אויסוואַקסן אַז עס פלעגט ווערן ענג צו זיצן אינאייינעם, ווייל אויפן פיטער־פלאַץ פלעגט ניט קלעקן קיין אָרט פאַר אַלעמען. דעמאָלט פלעגט זיך די משפּחה פונאַנדערטיילן: אַנשטאָט איין משפּחה פלעגן ווערן צוויי, און זיי פלעגן זיך צעגיין אין פאַרשיידענע זייטן. איטלעכע משפּחה (בית אָב) האָט זיך געהאַט איר עלטסטן, וואָס אים איז דאָס

גאַנצע הויזגעזינד געווען אונטערטעניג, און אַלע האָבן געפאָלגט אַלץ, וואָס ער פלעגט באַפעלן.

פונקט ווי ביי אַנדערע אַמאָליקע פעלקער, איז אויך ביי די עברים געווען אַ מנהג פון בלוטיקער נקמה. ווען עמיץ פלעגט הרגענען איינעם פון דער משפחה, האָט איטלעכער פון דעם דער־הרגטנס משפחה געמוזט טויטן דעם רוצח, אָדער אַן אַנדער מיטגליד פון זיין משפחה. דאָס האָט געהייסן: אויסלייזן דעם דערהרגעטנס בלוט. אַזוי פלעגן זיך פאַרפירן הריגות און מלחמות צווישן משפחות, וואָס פלעגן געדויערן יאָרן־לאַנג.

דער שטוביקער לעבנסשטייגער.

די עברים האָבן געמעגט האָבן צו עטלעכע ווייבער. די ווייבער פלעגט מען, געוויינלאַך, קויפן ביי די עלטערן. איין ווייב פלעגט זיך רעכענען פאַר דער עלטסטער; חוץ איר, פלעגט דער בעל־הבית נעמען אַמאָל ווייבער פון זיינע שקלאַפינס. דער עלטסטער זון פון דער הויפט־ווייב, דער בכור, איז געווען דער יורש פונם בעל־הבית, און נאָך דעם פאָטערס טויט פלעגט ער ווערן דער ראש פון דער משפחה. די בכורה האָט מען געהאַלטן זייער טייער, און דער פאָטער פלעגט דעם בכור שיינקען אַ באַ־זונדער ברכה.

די עברים האָבן געוואוינט אין געצעלטן, געמאַכטע פון קעמל־פעלן. אינמיטן געצעלט איז געווען צונויפגעלייגט פון שטיינער אַ פייערפלאַץ; שטרוי, באַדעקט מיט פעלן, פלעגט דינען פאַר געלעגערס. אין אַזעלכע ערטער, וואו די עברים פלעגן בלייבן זיצן אַ לענגערע צייט, פלעגן זיי זיך בויען הייזער פון צונויפגעלייגטע שטיינער און פאַרשטאָפּן די שפּאַלטן מיט גראָז. קיין מעבל האָבן זיי ניט געהאַט, און פון שטוביקע כלים האָבן זיי געהאַט נאָר די סאַמע נויטיקסטע. אויך זייער קליידונג איז

געווען גאָר פשוט. סיי מאַנסבילן און סיי ווייבער זיינען גע־גאַנגען אין בלויזע לאַנגע העמדער. נאָר פרויען און מיידלאַך פלעגן שוין דעמאָלט זיך פוצן מיט פאַרשיידענע צירונגען — אוירינגלאַך, נאָז־רינגען, בראַנזלעטן.

עסן פלעגן די עברים ניט נאָר פלייש און מילך־שפייזן, נאָר אויך ברויט, לינזן, ציבעלע, קנאָבל, איילבערטן, טייטלען. דאָס אַלץ פלעגן זיי באַקומען ביי די שכנישע איינגעזעסענע פעלקער, מיט וועלכע זיי פלעגן זיך טרעפן בעתן וואַנדערן. פאַר דער תבואה, פרוכטן און גרינסן, וואָס זיי פלעגן באַקומען פון זייערע שכנים, פלעגן די עברים זיי געבן בהמות פון זייערע רייכע סטאַדעס.

גלויבונגען.

די עברים האָבן געגלויבט, אַז איבערן מדבר שוועבן אַרום אַזעלכע גייסטער, רוחות, וואָס שלעפן אַוועק ציגן און שעפסן פון דער טשערעדע און שיקן אָן אויפן מענטשן פאַרשיידענע קרענק און צרות. בכדי צו פאַרגיטיקן די דאָזיקע רוחות, פלעגט מען ברענגען זיי קרבנות פון די שאָף און רינדער.

די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע עלטערן און קרובים האָבן די עברים געהאַלטן פאַר זייערע באַשיצער קעגן אַלדאָס בייז. דעריבער פלעגן זיי די טויטע אָפּגעבן כבוד, און אַז עמיץ פון דער משפחה פלעגט שטאַרבן, פלעגט מען זען אַרויסוויזן וואָס מער דעם טרויער. מ׳פלעגט זיך דעמאָלט אָנטאָן אין צעריסענע קליידער, באַשיטן דעם קאָפּ מיט אַש, שטעכן זיך אין לייב ביז בלוט, וויינען און קלאָגן ביטערלעך. קלאָג־לידער אויף געשטאָר־בענע געהערן צו די עלטסטע שירים, וואָס זיינען אונז געבליבן פון יענער צייט. די געשטאָרבענע פלעגט מען געוויינלאַך מקבר זיין אין היילן; ווען מען פלעגט זיי באַגראָבן אין דער

ערד, פלעגט מען שטעלן אויפן קבר אַ מצבה, אַ בוים אָדער אַ שטיין. מאַן און ווייב פלעגט מען אָפטמאָל מקבר זיין איינס לעבן אַנדערן.

אין איטלאַכן געצעלט האָבן זיך געפונען געצנבילדער אין דער געשטאַלט פון מענטשן. צו די דאָזיקע שטוב-געצן (תרפים) פלעגן די עברים מקריב זיין די בכורות פון זייערע סטאַדעס—בעק, שאָף-בעק און אָקסן פלעגט מען ברענגען אין איינגע-שטעלטע הייליקע ערטער, וואו עס פלעגט געוויינלאַך וואַקסן אַ הייליקער בוים—אַ דעמב, אַ פאַלם-בוים, אַ טאַמאַריסקן-בוים, און דאָרט פלעגט אויך פליסן אַ קוואַל אָדער אַ טייכל. פאַר אַ מזבח האָט געדינט אַ גרויסער שטיין, וואָס אויף אים פלעגט מען אויסגיסן דאָס בלוט פון דער געשאָכטענער בהמה, און דאָס פלייש פלעגט מען אָדער אויפעסן אויפן זעלבן אָרט, אָדער מען פלעגט עס לאָזן ליגן אויף שפייז פאַר רויב-פייגלען און ווילדע חיות.

ביים ברענגען די דאָזיקע קרבנות פלעגן די עברים מתפלל זיין צו די געצן, זיי זאָלן באַשיצן זייערע סטאַדעס פון בייזע רוחות און ווילדע חיות, און זיי זאָלן זיי העלפן אין שטרייט מיט די אַרומיקע וואַנדער-פעלקער, וואָס מיט זיי פלעגט אויסקומען אָפט צו פירן מלחמות פאַר די פיטער-פלעצער און ברונימער.

בכדי ס׳זאָל בלייבן אַ זכר וועגן אַ וואָסער עס איז געשע-עניש אויף לאַנגע צייטן, פלעגן די עברים צוזונויפלייגן שטיינער אין גרויסע הויפנס (גל) אָדער אַוועקשטעלן שטיינערנע סלופעס (מצבה). אַזעלכע מצבות פלעגן זיך האַלטן זייער לאַנג. ליי-ענען און שרייבן האָבן זיי אין יענער צייט נאָך ניט געקאָנט. נאָר בעל-פה, פון מויל צו אויער, פלעגן זיי זיך דערציילן פאַר-שיידענע שיינע מעשיות, און די זיידעס פלעגן איבערגעבן די אייניקלאַך אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געהערט פון זייערע זיידעס,

און וואָס מיט זיי גופא האָט געטראָפן אין לעבן. טייל געשע־עגישן זיינען געוואָרן באַזונגען אין לידער, וואָס מען פלעגט זיי זינגען אין פאַרזאַמלונגען און אין די געצעלטן. אָט די אַלע שיינע מעשיות און לידער זיינען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, פון פאָטער צום זון ביז דער צייט, ווען דאָס פאָלק האָט זיך אויסגעלערנט די קונסט פון שרייבן. אַ סך סיפּורים וועגן דעם לעבן פון אונזערע אָבות, אברהם, יצחק און יעקב, זיינען פאַראַן אין דער תורה.

2.

די סיפּורים פון חומש וועגן די אָבות.

אברהם אבינו אין כנען.

און גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען: „גיי אַרויס פון דיין לאַנד, פון דיין געבוירן־אָרט און פון דיין פאָטערס הויז אין לאַנד, וואָס איך וועל דיר אָנווייזן, און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק און איך וועל דיך בענטשן און וועל גרויס מאַכן דיין נאָמען“...

איז געגאַנגען אברהם, ווי גאָט האָט צו אים געזאָגט. און אברהם האָט גענומען מיט זיך שרהן, זיין ווייב, לוטן, זיין ברודערס זון, און דאָס גאַנצע גוטס, וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן, און אַלע מענטשן, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעשאַפט, און האָבן זיך געלאָזט גיין אין לאַנד כנען.

און דאָס לאַנד האָט ניט געקאָנט זיי אויסהאַלטן ביידן, וואָרום זייער פאַרמעגן איז געווען גרויס און זיי האָבן ניט געקאָנט וואוינען צוזאַמען. און אַ שטרייט איז געווען און אַ קריגעריי

צווישן די פאסטוכער פון אברהם און צווישן די פאסטוכער פון לוט. האט אברהם געזאגט צו לוטן: „זאל ניט זיין קיין קריגעריי צווישן מיר און דיר, צווישן מיינע פאסטוכער און דיינע פאסטוכער — איז דען ניט דאס גאנצע לאנד פאר דיר? שייד זיך אפ פון מיר: וועסטו גיין אויף לינקס, וועל איך גיין רעכטס, וועסטו גיין רעכטס, וועל איך גיין לינקס“.

און אברהם האט זיך געלאזט אין וועג אריין מיט זיינע געצעלטן און האט זיך אפגעשטעלט ביים וועלדל ממרא און האט דארט אויסגעבויט א מזבח פאר גאט.

יצחק נעמט א פרוי.

און אברהם איז געווען שוין אלט, און ער האט געזאגט צו זיין קנעכט, דעם עלטסטן פון זיין הויזגעזינד, וואס האט געוועלטיקט איבער אלץ, וואס ער פארמאגט: „לייג דיין האנט אונטער מיין דעך און שווער מיר צו אין נאמען פון גאט, דעם גאט פון הימל און דעם גאט פון דער ערד, אז דו וועסט ניט נעמען פאר מיין זון א פרוי פון די טעכטער פון די כנענים, וואס איך וואוין צווישן זיי, נאר אין מיין לאנד, אין מיין געבוירן ארט, וועסטו גיין און דו וועסט נעמען פון דארט א פרוי פאר יצחקן“.

האט דער קנעכט גענומען צען קעמלען פון זיין האר און האט זיך געלאזט אין וועג אריין, און אויך זיין הארס גוטס האט ער ביי זיך אין האנט געהאט. ער איז געקומען אין ארם־נהרים און האט זיך אפגעשטעלט מיט זיינע קעמלען אויסער דער שטאט ביי א ברונים פארנאכט, אין דער צייט, ווען די פרויען זיינען ארויס שעפן וואסער.

און ארויסגעגאנגען איז רבקה, וואס איז געבוירן געווארן בתואלן (דעם זון פון נחור, אברהמס א ברודער), מיט איר קרוג

אויפֿן אַקסל. דאָס מיידל איז געווען זייער אַ שיינס. זי האָט אַראָפּגעניידערט צום קוואַל, האָט אָנגעשעפּט איר קרוג און איז געגאַנגען אַרויף. און דער קנעכט איז געלאָפֿן איר אַנטקעגן און האָט געזאָגט: „לאָז מיר טרינקען אַ ביסל וואַסער פֿון דיין קרוג". און זי האָט געזאָגט: „טרינק, מיין האַר". און זי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קרוג אויף דער האַנט, האָט אים געגעבן צו טרינקען און האָט געזאָגט: „אויך פֿאַר דיינע קעמלען וועל איך אָנשעפּן וואַסער, ביז זיי וועלן זיך אָנטרינקען". און זי האָט באַלד אויסגעגאָסן דאָס וואַסער פֿון איר קרוג און איז ווידער געלאָפֿן צום ברונים אָנשעפּן וואַסער און האָט אָנגעשעפּט פֿאַר אַלע זיינע קעמלען.

און עס איז געווען, אַז די קעמלען האָבן געענדיקט טרינקען, האָט דער מאַן גענומען אַ גאָלדענעם רינג, אַ האַלבן שקל זיין וואָג, און צוויי אָרים-בענדער פֿאַר די הענט, צען שקל די וואָג, און האָט געזאָגט: „וועמעס טאָכטער ביסטו? זאָג מיר, צי איז פֿאַראַן פֿאַר אונז אין דיין פֿאָטערס שטוב אַן אָרט פֿאַר נאַכט-לעגער?" און זי האָט געזאָגט: „איך בין בתואלס טאָכטער; פֿאַראַן ביי אונז אַ סך שטרוי און פֿיטערונג, אויך אַן אָרט פֿאַר נאַכטלעגער איז פֿאַראַן". און דאָס מיידל איז געלאָפֿן און האָט דערציילט אין איר מוטערס שטוב אַלץ, וואָס מיט איר האָט גע-טראָפֿן.

רבקה האָט געהאַט אַ ברודער, און זיין נאָמען איז געווען לבן. אַז ער האָט דערזען דעם רינג און די אָרימבענדער אין זיין שוועסטערס האַנט און דערהערט, וואָס רבקה דערציילט, איז לבן אַרויסגעלאָפֿן צום קוואַל און האָט געזאָגט: „קום אַריין, דו גאָט-געבענטשטער! פֿאַרוואָס שטייסטו אויסער דער שטאָט? איך האָב אויסגעריייניקט די שטוב און געמאַכט אַן אָרט פֿאַר די קעמלען".

אַז דער מאַן איז אַריין אין שטוב, האָט לבן אָפּגעזאָטלט די קעמלען, געגעבן זיי שטרוי און פיטערונג און געבראַכט וואַסער צום וואַשן די פיס פאַר אים און פאַר די מענטשן, וואָס מיט אים. אַז מען האָט דעם קנעכט געגעבן צו עסן, האָט ער געזאָגט: „איך וועל ניט עסן, איידער איך וועל דערציילן מיין זאַך: איך בין אברהמס קנעכט. גאָט האָט געבענטשט מיין האַר מיט אַלץ: ער האָט אים געגעבן שאָף און רינדער, זילבער און גאָלד, קנעכט און דינסטן, קעמלען און אייזלען, און מיין האַר האָט מיך באַשוואָרן און האָט געזאָגט: „זאָלסט ניט נעמען פאַר מיין זון קיין פרוי פון די כנענים, וואָס אין זייער לאַנד וואוין איך, נאָר צו מיין משפחה זאָלסטו גיין און נעמען פון דאָרט אַ פרוי פאַר מיין זון“.

און לבן האָט געענטפערט: „פון גאָט איז די זאַך געוואָרן. אָט איז רבקה פאַר דיר, נעם זי און גיי, זאָל זי זיין אַ פרוי פאַר דיין האַרס זון“, אַז אברהמס קנעכט האָט דערהערט די דאָזיקע רייד, האָט ער זיך געבוקט פאַר גאָט ביז צו דער ערד און האָט אַרויסגענומען כלים פון זילבער און כלים פון גאָלד און קליידער און האָט געגעבן רבקהן; אויך איר ברודער און איר מוטער האָט ער געגעבן מתנות. און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, ער און די מענטשן, וואָס מיט אים, און פאַרבראַכט די נאַכט.

אַז זיי זיינען אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָט ער געזאָגט: „לאָזט מיך אָפּ און איך וועל זיך אומקערן צו מיין האַר“. נאָר דער ברודער און די מוטער האָבן געזאָגט: „זאָל דאָס מיידל נאָך בלייבן מיט אונז אַ טאָג צען, דערנאָך וועסטו גיין“. האָט ער צו זיי געזאָגט: „האַלט מיך ניט אָפּ, וואָרום גאָט האָט באַגליקט מיין וועג. לאָזט מיך אָפּ, און איך וועל זיך אומקערן צו מיין האַר“. און זיי האָבן גערופן רבקהן און געזאָגט צו איר: „צי

וועסטו גיין מיטן דאַזיקן מאַן?" האָט זי געזאָגט: „איך וועל גיין". — און זיי האָבן אָפּגעלאָזט רבקן און איר אַם און אברהמס קנעכט און זיינע מענטשן. און עס זיינען אויפגעשטאַנען רבקה און אירע דינסטן, האָבן זיך געזעצט אויף די קעמלען און זיינען אָפּגעפאָרן.

יצחק אבינוס זין.

און יצחק האָט מתפלל געווען צו גאָט פון וועגן זיין ווייב, וואָס זי האָט קיין קינדער נים. און גאָט האָט אים דערהערט, און רבקה איז געוואָרן טראָגעדיק. און עס איז געקומען איר צייט צום געבוירן, און זע—אַ צווילינג איז אין איר לייב. און עס איז אַרויס דער ערשטער אַ רויטער אינגאַנצן ווי אַ וואָל-מאַנטל, און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן עשו. נאָך אים איז אַרויס זיין ברודער, און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן יעקב.

און די קינדער זיינען אויסגעוואַקסן, און עשו איז געוואָרן אַ העלד אויף געיעג, אַ מאַן פון פעלד, און יעקב אַ מאַן, וואָס וואוינט אין געצעלטן. און יצחק האָט ליב געהאַט עשון, ווייל דאָס געפאַנג האָט אים געשמעקט, און רבקה האָט ליב געהאַט יעקבן.

עס איז געווען אַ טאָג, האָט יעקב אָפּגעקאָכט אַ געקעכטס פון לינזן, און עשו איז געקומען פון פעלד אַ מידער און האָט געזאָגט: „גיב מיר צו עסן פון דעם דאָזיקן רויטן". האָט יעקב געזאָגט: „פאַרקויף מיר די בכורה". האָט עשו געזאָגט: „איך וועל דאָך שטאַרבן, צו וואָס דאַרף איך די בכורה?" און עשו האָט פאַר נישט געהאַלטן די בכורה.

אַז יצחק איז אַלט געוואָרן און זיינע אויגן זיינען שוואַך געוואָרן, האָט ער גערופן צו זיך זיין עלטסטן זון, עשון, און האָט

צו אים אזוי געזאגט: „מיין זון, נעם דיין געווער, דיין פיילנ־בייטל און בויגן, גיי אין פעלד, פאנג א געפאנג, גרייט צו א גע־ריכט, וואס איך האב ליב, און ברענג מיר עסן, בכדי מיין נשמה זאל דיך בענטשן, איידער איך שטארב“.

איז עשו אוועק אין פעלד פאנגען געווילד. און רבקה האט געזאגט צו יעקבן: „איך האב געהערט, ווי דיין פאטער האט

יצחק באגעגנט רבקהן

געזאגט צו עשון: „ברענג געווילד און גרייט מיר א געריכט, איך וועל עסן און דיך בענטשן פאר מיין טויט“. איצט, מיין זון, גיי צו דער טשערעדע, נעם פון דארט צוויי ציגן־בעקלאך גוטע, און איך וועל צוגרייטן פון זיי פאר דיין פאטער א גע־ריכט, ווי ער האט ליב, און דו וועסט עס ברענגען דעם פאטער, בכדי ער זאל דיך בענטשן“.

ווי נאָר יצחק האָט געענדיקט בענטשן יעקבן, איז געקומען עשו פון זיין פאַנג. און עשו האָט פיינט געקראָגן יעקבן און האָט געזאָגט: „עס קומען אָן די טעג פון קלאָג איבער מיין פאָטער, און איך וועל טויטן יעקבן מיין ברודער".

האָט מען דערציילט רבקהן עשוס רייד. האָט זי גערופן יעקבן און געזאָגט צו אים: „דיין ברודער וויל דיך הרגענען. שטיי אויף און אַנטלויף צו לבנען קיין חרן און וואוין ביי אים אַ געוויסע צייט, ביז דער כעס פון דיין ברודער וועט איינגעשטילט ווערן".

יעקב אין אַרם-נהרים.

איז יעקב געגאַנגען אין לאַנד פון די מזרח-זין און ער האָט דערזען אַ ברונים אין פעלד און דריי טשערעדעס שאָף אַרום אים. און אַ גרויסער שטיין איז געלעגן אויף דער עפענונג פון ברונים. עס פלעגן זיך צונויפקלייבן אַלע טשערעדעס, און מען פלעגט אַראָפּקייקלען דעם שטיין פון דער עפענונג פון ברונים, אָנטרינקען די שאָף און ווידער אַרויפלייגן דעם שטיין אויף דער עפענונג פון ברונים. האָט יעקב געזאָגט: „מיינע ברידער, קענט איר לבנען?" האָבן זיי געזאָגט: „מיר קענען אים. אָט קומט רחל, זיין טאָכטער, מיט די שאָף". אַז יעקב האָט דערזען רחלען, איז ער צוגעגאַנגען, אַראָפּגעקייקלט דעם שטיין פון דער עפענונג פונם ברונים און האָט אָנגעטרייגקט די שאָף. דערנאָך האָט ער זיך צעקושט מיט רחלען און זיך פונאַנדערגעוויינט און געזאָגט, אַז ער איז איר פאָטערס אַ קרוב, אַז ער איז רבקהס זון. איז רחל אַוועקגעלאָפן און האָט דערציילט איר פאָטער.

אַז לבן האָט דערהערט די ידיעה פון יעקבן, זיין שוועסטערס זון, איז ער אים אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן, האָט אים אַרומגענומען, געקושט אים און אַריינגעפירט אין שטוב צו זיך. און

יעקב האָט געוואוינט ביי אים אַ חודש צייט. האָט לבן צו אים געזאָגט: „ווייל דו ביסט מיר אַ קרוב, דאַרפסטו מיר דינען אומזיסט? זאָג, וואָס זאָל זיין דיין לוין“.

לבן האָט געהאַט צווי טעכטער: די עלטערע האָט געהייסן לאה, און די יינגערע האָט געהייסן רחל. לאהס אויגן זיינען געווען טריבע, רחל אָבער איז געווען שיין אין געשטאַלט און שיין אין אויסזען. האָט יעקב ליב געהאַט רחלען און האָט געזאָגט: „איך וועל דיר דינען זיבן יאָר פאַר רחלען, דיין יינגסטער טאָכטער“. און לבן האָט געזאָגט: „בעסער וועל איך זי אָפּגעבן דיר, איידער איך וועל זי געבן אַן אַנדערן. בלייב ביי מיר“.

האָט יעקב אָפּגעדינט פאַר רחלען זיבן יאָר און האָט געזאָגט צו לבנען: „גיב מיר מיין ווייב, ווייל די צייט איז שוין פול“. האָט לבן צונויפגעקליבן אַלע מענטשן פון יענעם אָרט און האָט געמאַכט אַ מאָלצייט. אינאָוונט האָט ער גענומען זיין טאָכטער לאה און זי געבראַכט צו אים. אויף מאָרגן ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז לאה. זאָגט יעקב צו לבנען: „וואָס האָסטו מיט מיר געטאָן? האָב איך דען ניט געדינט דיר פאַר רחלען? פאַרוואָס האָסטו מיך אָפּגענאַרט?“ האָט לבן געזאָגט: „עס טוט זיך ניט אַזוי אין אונזערע מקומות, אויסצוגעבן די יינגערע פאַר דער עלטערער; דערנאָך וועלן מיר דיר געבן יענע. דו וועסט ביי מיר דינען נאָך זיבן יאָר“. און יעקב האָט אַזוי געטאָן, און לבן האָט אים געגעבן רחלען פאַר אַ פרוי.

יעקב קערט זיך אום קיין כנען.

אַז רחל האָט געבאָרן יוספן, האָט יעקב געזאָגט צו לבנען: „לאָז מיך אָפּ, איך וועל זיך אומקערן צו מיין אָרט און מיין

לאַנד. גיב מיר אָפּ מיינע ווייבער און מיינע קינדער, וואָס איך האָב דיר געדינט פאר זיי".

און יעקב האָט אַרויפגעזעצט זיינע קינדער און זיינע ווייבער אויף קעמלען, האָט גענומען מיט זיך אַלע זיינע סטאַדעס און זיין גאַנצן פאַרמעגן, וואָס ער האָט זיך אָנגעשאַפט אין פדן־אַרם, בכדי צו גיין צו יצחקן, זיין פאָטער, אין לאַנד כנען. אַז לבן איז אַוועק שערן זיינע שאָף, האָט רחל אַרויסגעגנבעט ביי איר פאָטער די תרפים.

און גאָט האָט זיך באַוויזן צו יעקבן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון פדן־ארם, האָט אים געבענשט און געזאָגט צו אים: „פון איצט אָן וועסטו זיך שוין ניט אָנרופן יעקב, נאָר דיין נאָמען וועט זיין ישראל". און ער האָט אים אַ נאָמען גע־געבן ישראל.

3.

די ציט, ווען מלכים פון מצרים האָבן געוועלטיקט איבער ארץ־ישראל

די מצרים.

מצרים ליגט אין צפון־אפריקע, ביי די ברעגעס פונם נילוס, וואָס פליסט אַריין אין מיטעללענדישן ים (ים הגדול). אין מערב־זייט פון נילוס ציט זיך דער הייסער טרוקענער מדבר סאַהאַרע, מצרים, פאַרקערט, איז אַ ניט־געוויינלאך געבענטשט לאַנד. אַלע יאָר טרעט אַרוים דער נילוס פון זיינע ברעגעס און פאַרפלייצט דאָס לאַנד אויף ווייטע שטרעקעס אַרום. דערפאַר ווערט די ערד שטאַרק פעט, און תבואה געראָט אַזוי, אַז מען שניידט דאָרט

אַראָפּ צוויי-דריי הונדערט מאָל מער, וויפיל מען פאַרזייט. דער-פאַר האָט מען אין אַמאָליקע צייטן אַ נאָמען געגעבן דעם לאַנד מצרים—די מתנה פונם נילוס.

נאָר די פאַרפלייצונגען פונם נילוס, וואָס זיינען אַ ברכה פאַרן לאַנד, האָבן געקאָנט ווערן אַ קללה. דאָס געוויסער האָט געקאָנט חרוב מאַכן שטעט און דערפער; אין די נידעריקע ער-טער האָבן געקאָנט זיך אָנקלייבן שעדלעכע שטייענדיקע וואַ-סערן. עס האָבן געקאָנט ווערן אַ סך אומגעזונטע זומפּן. בכדי דאָס זאָל ניט געשען, האָבן די איינוואוינער פון מצרים פון שטענדיק אָן געמוזט אָנווענדן אַ סך מי און אַרבעט. שוין מיט 5000 יאָר צוריק, אַן ערך 3000 יאָר פאַר דער איצטיקער איי-ראָפּעאישער צייטרעכענונג, האָבן די מצרים געבויט קאַנאַלן, בכדי צו מאַכן אָפּפליסן די וואַסערן אין ווייטע ערטער; זיי האָבן געבויט דאַמבעס אויף ניט צו דערלאָזן פאַרפלייצן די היי-זער; זיי האָבן געגראָבן ברונימער און וואַסער-בעקנס, בכדי דאָרט אָנצוקלייבן וואַסער פון דער פאַרפלייצונג, עס זאָל קלעקן אויף אָנצוטרינקען די פעלדער אין דער טרוקענער צייט פון יאָר.

צוריק מיט אַ סך טויזנטער יאָרן איז אָנגעקומען קיין מצרים אַ פאָלק פון די סעמיטן, וואָס האָבן זיך דערנאָך צונויפגעמישט מיט די פריערדיקע איינוואוינער פון לאַנד. אין יענער צייט, ווען די עברים, די עלטערזיידעס פון די יידן, האָבן נאָך אַרומ-געוואַנדערט איבער די מדבריות פון אַזיע, זיינען די מצרים שוין געווען אַ געבילדעט פאָלק. זיי האָבן געקאָנט לייענען און שרייבן און האָבן געוואוסט פאַרשיידענע מלאכות. די מצרישע כהנים זיינען אויך געווען געלערנטע מענטשן און האָבן גע-וואוסט אַ סך זאַכן וועגן דער באַוועגונג פון דער זון, לבנה און שטערן, וועגן גראָזן אוןביימער, וועגן גוף פון מענטשן און

חיות. אין מצרים זיינען שוין געווען אַ סך גרויסע שטעט מיט גרויסאַרטיקע טעמפּלען, פּאַלאַצן און שטיינערנע קברות-הייזער. די קברים פון די מלכים, אָדער, ווי די מצרים פלעגן זיי רופן פּרעהס, זיינען ס׳רוב געווען גוואַלטיק גרויסע בנינים פון שטיין, וואָס מען רופט זיי פּיראַמידעס. אַרום די פּיראַמידעס פלעגט מען שטעלן סטאַטועס פון די מלכים און מצבות פון גרויסע לייט און אויך פיגורן מיט אַ קערפּער פון אַ לייב און אַ קאָפּ פון אַ מענטש, וואָס מען רופט איצט אָן ספינקס. אויף די ווענט פון די פּאַלאַצן, טעמפּלען און פּיראַמידעס און אויף די סטאַטועס פלעגן די מצרים אויסמאָלן פאַרשיידענע געמעלן, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט די גבורות פון די מלכים און פאַרשיידענע געשעענישן, וואָס האָבן פּאַסירט מיטן פאָלק.

יעדער פּרעה פלעגט געוויינלאַך אַליין אַכטונג געבן, אַז די פּיראַמידע, וואָס דאַרף אים דינען פאַר אַ בית-עולם, זאָל גע-בויט ווערן וואָס מער הויך און וואָס מער גרויסאַרטיק. איי-ניקע פּיראַמידעס עקסיסטירן נאָך עד היום. זיי זיינען צונויפ-געשטעלט פון געהאַקטן שטיין און האָבן אָן אויסזען פון גאַנצע שטיינערנע בערג. די גרעסטע פּיראַמידע האַלט אין דער הויך 490 פוס און איז צונויפגעשטעלט פון אָן ערך 2 מיט אַ האַלבן מיליאָן שטייגער. כדי צו מאַכן אַזעלכע גוואַלטיקע בנינים, האָבן אודאי דערויף געמוזט אַרבעטן צענדליקער טויזנטער שקלאַפן.

די מצרישע שטעט זיינען געווען גאָר אַנדערש, ווי די איצ-טיקע שטעט זיינען. פאַראיינס מיט די רייכע פּאַלאַצן און גרויסאַרטיקע טעמפּלען, האָבן זיך אין די שטעט געפונען ניט נאָר סעדער, גערטענער, נאָר אויך פעלדער און פּיטער-פלעצער און לעבן זיי אָרימע ביידלאַך פון די ערד-אַרבעטער.

דער גאַנצער כבוד און גאַנצע עשירות אין מצרים פלעגט

אָנקומען נאָר די כהנים און די שרים. פאַרקערט, די פּויערים און בעלי־מלאכות האָבן געלעבט זייער אָרים. זיי פלעגן אַרבעטן פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אונטער דער ברענענ־דיקער היץ פון זון, ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן. געוואוינט האָבן זיי אין נידעריקע, חושכדיקע שטיבלעך און איינגאַנצען זייער קליידונג איז באַשטאַנען פון אַ לאַנג העמד אָן אַרבל אָדער פון אַ פאַרטוך, און זייערע שיך זיינען געווען סאַנדאַלן — זוילן, צו־געבונדן צום פוס מיט רימענדלאַך אָדער שטריקלאַך.

די בני־ישראל אין מצרים.

די עברים, וואָס האָבן אַרומגעוואַנדערט איבערן מדבר פון האַלב־אינזל סיני, פלעגן טיילמאָל זיך אַריינקלייבן אין שכנישן מצרים. דאָס פלעגט געשען, דער עיקר, אין אַ יאָר פון ניט־גע־רעטעניש. אַז אין די סטעפּעס פון אַזיע פלעגט אויספעלן פאַשע פאַר די בהמות, פלעגט דער אָדער יענער שבט פון די עברים אויף אַ צייט איבערוואַנדערן קיין מצרים. געוויינלאַך פלעגן די עברים מסתמא ניט בלייבן דאָרט קיין לאַנגע צייט, נאָר זיי פלעגן באַלד ווידער זיך אומקערן צוריק צו זייערע סטעפּעס. אָבער אַן ערך מיט 3300 יאָר צוריק איז געווען אַ צייט, ווען גאַנץ ארץ ישראל האָט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון פרעה פון מצרים, און אַלע פעלקער, וואָס האָבן דאָרט גע־וואוינט, האָבן אים געצאָלט צינז. אין יענער צייט האָבן די מלכים פון מצרים אַרויפגעלייגט שווערע אַרבעטן אויף די בני־ישראל*), וואָס האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין מצרים, האָבן זיי

*) די בני־ישראל זיינען דאָס יענער שבט פון די עברים, וואָס האָט שפּעטער, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען, געגרינדעט די מלוכה פון ישראל, און פון אים איז געוואָרן דאָס פאָלק ישראל, אָדער דאָס יידישע פאָלק. חוץ די בני־ישראל, זיינען נאָך געווען אַנדערע שבטים, וואָס האָבן דעמאָלט אויך

געצוואונגען צו מאַכן ציגל, בויען הייזער און פּיראַמידעס. אַזוי זיינען די פרייע פּאַסטיכער געוואָרן צו פאַרשקלאַפּטע קנעכט.

די בני־ישראל האָבן ניט געקאָנט איבערטראָגן רואיק אַזאַ שווערן מצב. זיי האָבן זיך אַלץ געריסן אַרויס אין דער ווייטער סטעפּ און האָבן מיט האַרץ־קלעמעניש דערמאָנט זייער אַמאָליקע פרייהייט. ס'איז פאַרביי אַ יאָר נאָך אַ יאָר, און די בני־ישראל האָט זיך אַלץ ניט איינגעגעבן אוועקצוגיין פונם לאַנד פון דער קנעכטשאַפט. נאָר צום סוף האָט זיך באַוויזן צווישן זיי אַ מעכטיקער פירער און אויסלייזער — דאָס איז געווען משה רבנו. אים האָט זיך איינגעגעבן צו פאַראייניקן די בני־ישראל, און נאָך אַ לאַנגן קאַמף האָט ער אויסגעפירט דאָס, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג געחלומט, און האָט זיי אַרויסגעפירט פון מצרים. אַ געוויסע צייט נאָכן אַרויסגאַנג פון מצרים זיינען די בני־ישראל געבליבן אין מדבר סיני. דערנאָך זיינען זיי אַוועק ווייטער אין מזרח־זייט און האָבן זיך ביסלעכווייז דערנענטערט צו די גרעניצן פון ארץ־ישראל.

געהייסן עברים. היות ווי פון יענע פעלקער און שבטים איז קיין לעבעדיקער זכר ניט געבליבן, דעריבער איז דער נאָמען עברי איבערגעגאַנגען נאָר צו די בני־ישראל. שפּעטער האָט, פּונקט ווי היינטיקן טאָג, באַטייט עברי און ישראל און יהודה אַלץ איינס אַ ייד. אָבער אין יענע צייטן, וואו מיר האַלטן דערווייל אין אונזער געשיכטע, זיינען דאָס געווען נעמען פאַר פאַרשיידענע שבטים.

4.

סיפּורים פון חומש װעגן לעבן פון ײדן אין מצרים און װעגן יציאת מצרים.

די זין פון יעקב-ישראל.

יעקב האָט געהאַט צװעלף זין. די זין פון לאה: יעקבס בכור, ראובן, נאָך אים שמעון און לוי און יהודה און יששכר און זבלון. די זין פון רחל: יוסף און בנימין. און די זין פון בלהה, רחלס דינסט: דן און נפתלי, און די זין פון זלפה, לאהס דינסט: גד און אָשר.

ישראל האָט ליב געהאַט יוספן מער פון אַלע זײנע זין און האָט אים געמאַכט אַ פּילפאַרביק העמדל. האָבן די ברידער דערזען, אַז אים האָט דער פאָטער ליבער פון אַלע זײנע קינדער, האָבן זײ אים פײנט געקראָגן.

די ברידער זײנען אײן מאָל געגאַנגען פּיטערן די שאָף. האָט ישראל געזאָגט צו יוספן: „גײ גיב אַ קוק, צי זײנען דײנע ברידער געזונט, און צי זײנען די שאָף גאַנץ, און ברענג מיר אָן ענטפער“. אַז יוסף איז געקומען צו זײנע ברידער, האָבן זײ פון אים אויסגעטאָן זײן העמדל און האָבן אים אַרײנגעװאָרפן אין אַ גרוב; די גרוב איז געװען לײדיק, קײן װאַסער איז דאָרט ניט געװען. זײ האָבן זיך געזעצט עסן, מיטאַמאָל עס גײט אַ קאַראַװאַן פון ישמעאלים, און זײערע קעמלען טראָגן געװירצן און באַלזאַם און װײראָך; און גײען זײ קײן מצרים.

האָט יהודה געזאָגט צו זיינע ברידער: וואָס איז דער נוץ, ווען מיר וועלן טויטן אונזער ברודער און פאַרדעקן זיין בלוט? קומט, לאָמיר אים פאַרקויפן די ישמעאלים. און די ברידער האָבן אים געפאָלגט. האָבן די ברידער אַרויסגעצויגן יוספן פון גרוב און האָבן אים פאַרקויפט צו די ישמעאלים פאַר צוואַנציק זילבערשטיקער.

און יוסף איז געוואָרן אַראָפּגעבראַכט קיין מצרים, און עס האָט אים אָפּגעקויפט פּרעהס אַ הויפּטמאַן, דער שר פון זיין לייב-וואַך. און יוסף האָט געפונען חן אין זיינע אויגן, און ער האָט אים געשטעלט איבער זיין הויז און אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער אָפּגעגעבן אין זיין האַנט.

די בני-ישראל אין מצרים.

און עס איז געווען אַ הונגער אין אַלע לענדער און אין גאַנצן לאַנד מצרים איז געווען ברויט. און יעקב איז געוואָר געוואָרן, אַז עס איז פאַראַן תבואה אין מצרים, האָט ער געזאָגט צו זיינע זין: „איך האָב געהערט, אַז עס איז פאַראַן תבואה אין מצרים. נידערט אַראָפּ אַהין און קויפט פאַר אונז דאָרט תבואה, בכדי מיר זאָלן לעבן און ניט שטאַרבן".

און עס האָבן אַראָפּגענידערט צען ברידער יוספס קיין מצרים און זיינען געקומען צו יוספן. האָט יוסף געזאָגט צו זיינע ברידער: „איך בין אייער ברודער, וואָס איר האָט מיך פאַרקויפט קיין מצרים. גייט גיכער צו מיין פאָטער און זאָגט צו אים, אַזוי האָט געזאָגט דיין זון יוסף: קום אַראָפּ צו מיר און זאָם זיך ניט; דו וועסט זיצן אין לאַנד גושן און דו וועסט זיין נאָענט צו מיר, דו און דיינע זין און דיינע אייניקלעך, און דיינע שאָף און דיינע רינדער, און אַלץ וואָס דו האָסט". האָבן ישראלס

זיין אַראָפּגעפירט זייער פאָטער און זייערע קינדער און זייערע ווייבער. און זיי האָבן גענומען זייערע סטאַדעס און זייער אייגנס און זיינען געקומען קיין מצרים.

און יוסף איז געשטאָרבן און זיינע ברידער און יענער גאַנצער דור. ישראלס קינדער האָבן זיך פאַרמערט און געשטאַרקט זייער און זייער, און עס איז פול געוואָרן דאָס גאַנצע לאַנד פון זיי.

און עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קיניג איבער מצרים, וואָס ער האָט ניט געקענט יוספן. און ער האָט געזאָגט צו זיין פאָלק: „זעט, דאָס פאָלק פון די בני־ישראל זיינען פיל און שטאַרקער פון אונז. לאָמיר זיך קליגן איבער דעם, עס זאָל זיך ניט פאַרמערן, און עס וועט זיין, אַז עס וועט זיך טרעפן אַ מלחמה, וועט עס צושטיין צו אונזערע שונאים און וועט מיט אונז מלחמה האַלטן און אַרויסגיין פונם דאָזיקן לאַנד".

און פרעה האָט געשטעלט איבער די בני־ישראל צינז־האַרן, אויף צו פייניגן זיי מיט שווערע אַרבעט, און זיי האָבן געבויט שטעט פאַר געווער און עסנוואַרג־אַנקלייב. נאָר וואָס מער מען האָט זיי געפייניגט, אַלץ מער האָבן זיי זיך פאַרמערט, אַלץ מער האָבן זיי זיך געשטאַרקט. און די מצרים האָבן זיך געשראָקן פאַר די בני־ישראל און האָבן זיי באַשווערט מיט אַרבעט און פאַרביטערט זייער לעבן מיט שווערע אַרבעטן אויף ליים און ציגל און מיט אַלע אַרבעטן אין פעלד. און פרעה האָט אָנגעזאָגט זיין גאַנצן פאָלק: „אַלע ייִנגלעך, וואָס וועלן געבוירן ביי די בני־ישראל, זאָלט איר אַריינוואַרפן אין טייך, און אַלע מיידלאַך זאָלט איר לאָזן לעבן".

משה רבנו.

איז געגאַנגען אַ מאַן פון בית-לוי און האָט גענומען אַ פרוי אַ טאָכטער פון לוי. און די פרוי האָט געבאָרן אַ זון און האָט אים באַהאַלטן דריי חדשים, מער האָט זי אים ניט געקאָנט באַהאַלטן. האָט זי גענומען אַ קעסטעלע פון אַאיר, האָט עס אויסגעשמירט מיט אַספאַלט און מיט פעך, האָט אַהין אַריינגעלייגט דאָס קינד און אוועקגעשטעלט צווישן די וואַסער-שטעקלאַך אויפן ברעג טייך. זיין שוועסטער האָט זיך געשטעלט פונווייטנס, צו וויסן, וואָס מיט אים וועט געשען. און פרעהס טאָכטער האָט אַראָפּגע-נידערט צום טייך זיך באָדן, און אירע דינסטן זיינען אַרומגע-גאַנגען אויפן ברעג טייך. האָט זי דערזען דאָס קעסטעלע צווישן די וואַסער-שטעקלאַך און האָט געשיקט איר דינסט, און יענע האָט עס גענומען און האָט דערזען אַ קינד. האָט זי אויף אים רחמנות געקראָגן און האָט געזאָגט: „דאָס איז פון די עברימס קינדער". און זיין שוועסטער האָט געזאָגט צו פרעהס טאָכטער: „אפשר זאָל איך גיין און רופן צו דיר אַן אַם פון די עברישע פרויען, און זי זאָל דיר זויגן דאָס קינד?" האָט פרעהס טאָכטער געזאָגט: „גיי". איז דאָס מיידל געגאַנגען, האָט גערופן דעם קינדס מוטער, און פרעהס טאָכטער האָט צו איר געזאָגט: „נאַ דיר דאָס קינד און זויג אים מיר, און איך וועל דיר געבן דיין לוין". האָט די פרוי גענומען דאָס קינד און האָט אים געזויגן. און דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן, און זי האָט אים אַ נאָמען גע-געבן משה.

משה איז אויסגעוואַקסן און איז אַרויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער, צו זען זייער אַרבעט. האָט ער דערזען, ווי אַ מצרי שלאָגט אַן עברי. האָט ער אַ קוק געטאָן אַהין און אַהער, און אַז ער האָט דערזען, אַז קיין מענטש איז ניטאָ, האָט ער דער-

הרגעט דעם מצרי און באַהאַלטן אים אין זאַמד. פרעה איז פון דעם געוואָר געוואָרן און האָט געוואָלט טויטן משהן. איז משה אַנטלאָפן געוואָרן פון פרעהן און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין לאַנד מדין און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ ברונים. דער כהן פון מדין האָט געהאַט זיבן טעכטער, זיינען זיי געקומען, האָבן אָנגעשעפּט וואַסער און אָנגעפילט די קאָריטעס, אויף אָנצוטרינ־קען זייער פאַטערס שאָף. דערנאָך זיינען געקומען די פּאַסטו־כער און האָבן זיי אַוועקגעטריבן. איז משה אויפגעשטאַנען און האָט זיי געהאָלפן און האָט אָנגעטרונקען זייער שאָף. ווען זיי זיי־נען געקומען צו זייער פאָטער, האָט ער געזאָגט: „וואָס זייט איר היינט אַזוי גיך געקומען?“ האָבן זיי געזאָגט: „אַ מצרי האָט אונז געראַטעוועט פון די פּאַסטוכער, האָט אויך אָנגעשעפּט פאַר אונז וואַסער און אָנגעטרונקען די שאָף“. האָט ער געזאָגט צו זיינע טעכטער: „וואו איז ער? פאַרוואָס האָט איר אָפּגע־לאָזט דעם דאָזיקן מאַן? רופט אים, זאָל ער עסן ברויט“. און משהן איז געפעלן געוואָרן צו וואוינען ביי דעם דאָזיקן מאַן, און יענער האָט אים געגעבן זיין טאָכטער צפורה פאַר אַ פרוי.

דער מופת.

משה האָט געפיטערט די שאָף פון יתרו זיין שווער, דעם כהן פון מדין. ער האָט אַוועקגעפירט די שאָף ווייט אין מדבר אַריין און איז געקומען צו גאָטס באַרג, צום חורב, און עס האָט זיך אים באַוויזן אַ מלאך פון גאָט אין פלאַם פייער פונמיטן אַ דערנער־קוסט. ער האָט דערזען, ווי דער דאָרן ברענט אין פייער און ווערט ניט פאַרברענט. האָט משה געזאָגט: „איך וועל צו־גיין און אַ קוק טאָן, פאַרוואָס ווערט דער דאָרן ניט פאַרברענט“. האָט גאָט געזען, אז ער גייט צו קוקן, האָט ער גערופן צו אים פון דאָרן: „משה, משה! זאָלסט ניט דערנענטערן אַהער, טו

אוים דיינע שיך פון דיינע פיס, וואָרים דער אָרט, וואו דו שטייסט, איז הייליקע ערד". און ער האָט ווייטער גערעדט: „איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער, דער גאָט פון אברהם, דער גאָט פון יצחק, דער גאָט פון יעקב".

האָט משה פאַרדעקט זיין פנים, ווייל ער האָט מורא גע־האַט צו קוקן אויף גאָט. און גאָט האָט געזאָגט: „איך האָב גע־זען די פיין פון מיין פאָלק, וואָס אין מצרים, און זיין געשריי האָב איך דערהערט פון זיינע באַדריקער, ווייל איך ווייס זיינע ווייטאָקן. און איך ניד ער אַראָפּ עם אויסצולייזן פון דער האַנט פון מצרים און אַרויסצופירן פון יענעם לאַנד אין אַ לאַנד אַ גוטן, אין אַ געראַמען, אין אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און מיט האָניק, אינם אָרט פונם כנעני, און איצט גיי, און איך וועל דיך שיקן צו פרעהן. און דו פיר אַרוים מיין פאָלק, די בני־ישראל, פון מצרים".

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: „דו וועסט ריידן אַלץ, וואָס איך וועל דיר הייסן, און אהרן דיין ברודער וועט ריידן צו פרעהן, ער זאָל אַרויסלאָזן די בני־ישראל פון זיין לאַנד. נאָר איך וועל האַרט מאַכן פרעהס האַרץ און וועל פאַרמערן מיינע מופתים און מיינע צייכנס אין לאַנד מצרים. און אַז פרעה וועט צו אייך זאָגן: ווייזט מיר אַ צייכן, זאָלסטו זאָגן צו אהרנען: „נעם דיין שטעקן און וואַרף אים אַנידער פאַר פרעהן, וועט ער ווערן אַ שלאַנג".

די מכות מצרים.

און משה און אהרן זיינען געקומען צו פרעהן און האָבן געטאָן אַזוי, ווי גאָט האָט באַפוילן. און אהרן האָט אַנידערגע־וואָרפן זיין שטעקן פאַר פרעהן און פאַר זיינע קנעכט, און ער איז געוואָרן אַ שלאַנג. האָט פרעה גערופן די חכמים און מכשפים, און די חרטומים פון מצרים האָבן אויך אַזוי געמאַכט

מיט זייער כישוף. איטלעכער פון זיי האָט אַנידערגעוואָרפן זיין שטעקן, און די שטעקנס זיינען געוואָרן שלאַנגען. נאָר אהרנס שטעקן האָט איינגעשלונגען זייערע שטעקנס.

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: „הארט איז פרעהס הארץ, ער וויל ניט אָפּלאָזן מיין פאָלק. גיי צו פרעהן אינערפרי—ער גייט אַרויס צום וואַסער — דו שטעל זיך אַנידער אַנטקעגן אים אויפן ברעג טייך, און דעם שטעקן, וואָס איז געוואָרן אַ שלאַנג, נעם אין דיין האַנט, און זאָג צו אים: דער גאָט פון די עברים האָט מיך געשיקט צו דיר, אַזוי צו זאָגן: לאָז אָפּ מיין פאָלק, עס זאָל גיין צו מיר דינען אין מדבר. ביז איצט האָסטו ניט געפאָלגט, איז וועל איך שלאָגן מיטן שטעקן, וואָס אין מיין האַנט, אויפן וואַסער, וואָס אין טייך, און עס וועט ווערן צו בלוט. און די פיש, וואָס אין טייך וועלן אויסשטאַרבן, און דער טייך וועט פאַרשטונקען ווערן, און די מצרים וועט זיין דערווידער צו טרינקען דאָס וואַסער פון טייך".

און משה און אהרן האָבן געטאָן אַזוי, ווי גאָט האָט באַפוילן. ער האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן און אַ קלאַפּ געטאָן איבערן וואַסער, וואָס אין טייך, פאַר די אויגן פון פרעה און פאַר די אויגן פון זיינע קנעכט, און דאָס גאַנצע וואַסער איז געוואָרן צו בלוט. און פרעה האָט זיך אָפּגעווענדט און איז אַוועק צו זיך אַהיים. נאָר אויך דאָס האָט זיין הארץ ניט גערירט. האָבן אַלע מצרים אָנגעהויבן גראָבן אַרום טייך נאָך וואַסער צום טרינקען.

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: „גיי צו פרעהן און זאָג צו אים: לאָז אָפּ מיין פאָלק, עס זאָל מיר דינען. אויב דו ווילסט עס ניט אָפּלאָזן, וועל איך שלאָגן דיין גאַנצן גבול מיט פרעש. און דער טייך וועט זיך ווידמען מיט פרעש, און זיי וועלן אַרויסגיין און קומען צו דיר אין שטוב, און אין דיין שלאָף-חדר,

און אין דיין בעט, און אין די שטיבער פון דיינע קנעכט און פון דיין פאָלק, און אין דיינע אויוונס און אין דיינע באַק־מולטערס, און אויף דיר און אויף דיין גאַנצן פאָלק וועלן אַרויפגיין די פרעש". — האָט אהרן אויסגעשפּרייט זיין האַנט איבער די וואַסערן פון מצרים, און די פרעש זיינען אַרוים און האָבן באַדעקט דאָס גאַנצע לאַנד מצרים.

האָט פּרעה גערופן משהן און אהרנען און האָט געזאָגט: „בעט צו גאָט, ער זאָל אָפּטאָן די פרעש פון מיר און פון מיין פאָלק, און איך וועל אָפּלאָזן דאָס פאָלק, זיי זאָלן מקריב זיין צו גאָט". און די פרעש זיינען אויסגעפּגרט אין די הייזער, אויף די הויפן, אויף די פעלדער; מען האָט זיי צונויפגעקליבן אין הויפנס, און דאָס לאַנד איז פאַרשטונקען געוואָרן. האָט פּרעה דערזען, אַז עס איז גרינגער געוואָרן, האָט ער שווער געמאַכט זיין האַרץ און האָט זיי ניט געפאָלגט.

האָט גאָט געזאָגט צו משהן: „נאָך איין פּלאָג וועל איך ברענגען אויף פּרעהן און אויף מצרים; נאָך דעם וועט ער אייך אָפּלאָזן פונדאַנען. אַרום האַלבער נאַכט וועל איך דורכגיין דורך מצרים, און עס וועלן שטאַרבן אַלע בכורים אין לאַנד מצרים, פון פּרעהס בכור, וואָס דאַרף זיצן אויף זיין שטול, ביז צום בכור פון דער דינסט, וואָס ביים מילשטיין, און אַלע ערשטגעבאָרענע פון אַ בהמה, און עס וועט זיין אַ גרויס געשריי אין גאַנצן לאַנד מצרים, וואָס זיין גלייכן איז ניט געווען, און אַזעלכעס וועט ניט זיין. און אויף אַלע בני־ישראל וועט קיין הונט זיין צונג ניט שאַרפן, פון מענטשן ביז בהמות".

יציאת מצרים.

און פרעה איז אויפגעשטאַנען ביינאַכט, ער און אַלע זיינע קנעכט און גאַנץ מצרים, און עס איז געוואָרן אַ גרוים געשריי אין מצרים, מחמת ס׳איז ניט געווען קיין שטוב, וואָס דאָרט זאָל ניט זיין קיין טויטער. און ער האָט גערופן משהן און אהרנען ביינאַכט און האָט געזאָגט: „שטייט אויף, גייט אַרוים פון צווישן מיין פאָלק, סיי איר און סיי די בני ישראל, און גייט דינט צו גאָט, ווי איר האָט גערעדט. אויך אייערע שאָף און אייערע רינדער נעמט, ווי איר האָט געזאָגט. און גייט, און איר זאָלט בענטשן אויך מיך". און די מצרים האָבן אונטערגעטריבן דאָס פאָלק, זיי זאָלן וואָס גיכער אַרויסגיין פון לאַנד, ווייל זיי האָבן געזאָגט: „מיר וועלן אַלע שטאַרבן". און דאָס פאָלק האָט אַרוים־געטראָגן זיין טייג איידער עס איז זויער געוואָרן, זייערע באַק־מולטערס, איינגעבונדען אין טיכער, זיינען געווען אויף זייערע אַקסלען.

און די בני־ישראל זיינען אַרויסגעגאַנגען. און זיי האָבן אויסגעבאַקן פונם טייג, וואָס זיי האָבן אַרויסגעטראָגן פון מצרים, ניט־געזייערטע פלעצלאַך, ווייל עס איז נאָך ניט זויער געוואָרן, און זיי האָבן ניט געקאָנט זיך זאַמען.

און גאָט האָט הארט געמאַכט דאָס הארץ פונם קיניג פון מצרים, און ער האָט נאָכגעיאָגט די בני־ישראל, פרעה מיט אַלע זיינע פערד און רייטוואָגנס און מיט זיינע רייטער און מיט זיין גאַנצן חיל, און זיי אָנגעיאָגט, בעת זיי האָבן געלאַגערט אויפן ברעג ים. אַז פרעה האָט זיך דערנענטערט, האָבן די בני־ישראל זיך דערשראָקן און האָבן געשריען צו גאָט. און זיי האָבן געזאָגט צו משהן: „צי דען זיינען ניטאָ קיין קברים אין

מצרים, אַז דו האָסט אונז געבראַכט צו שטאַרבן אין מדבר? וואָס האָסטו מיט אונז געטאָן, אונז אַרויסצופירן פון מצרים? האָבן מיר דען ניט געזאָגט צו דיר אין מצרים: לאָז אונז, און מיר וועלן דינען די מצרים? וואָרים בעסער איז פאַר אונז צו דינען די מצרים, איידער צו שטאַרבן אין מדבר". אָבער משה האָט געזאָגט: „האָט קיין מורא ניט און זייט רואיק".

און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: „זאָג די בני-ישראל, זיי זאָלן ווייטער גיין. און דו הייב אויף דיין שטעקן, שטרעק אויס דיין האַנט איבערן ים און שפּאַלט אים, און זאָלן די בני-ישראל אַריינגיין אין ים אויף דער טריקעניש".

און די בני-ישראל זיינען אַריין אין ים אויף דער טריקעניש, און די וואַסערן זיינען זיי געווען ווי אַ מויער פון רעכטס און פון לינקס. און די מצרים האָבן געלאָזט זיך זיי נאָכיאָגן, און עס זיינען אַריין נאָך זיי אַלע פערד פרעהס, זיין רייטוואָגן און זיינע רייטער, אין מיטן פון ים. און גאָט האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מחנה פון די מצרים און האָט זיי צעטומלט. און ער האָט אָפּגענומען די רעדער פון זייערע רייטוואָגנס, און ער האָט שווער געמאַכט זיין גאַנג. און משה האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט איבערן ים, און דער ים האָט זיך אומגעקערט צו זיין אָרט צוריק. און די וואַסערן האָבן צוגעדעקט אַלע רייטער און רייטוואָגנס, און קיין איינער איז ניט געבליבן פון זיי.

די בני-ישראל אין מדבר סיני.

אין דריטן חודש, נאָך דעם ווי די בני-ישראל זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אין ערשטן טאָג פון חודש, זיינען זיי אָנגעקומען אין מדבר-סיני. און ישראל האָט געלאַגערט אַנטקעגן באַרג, און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: „איך וועל קומען

צו דיר אין געדיכטן וואָלקן, בכדי דאָס פאָלק זאָל הערן, ווי איך וועל ריידן מיט דיר, און זאָל דיר גלויבן שטענדיק".

און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, אַז דער פרימאָרגן איז אויפגעשטאַנען, זיינען געווען דונערן און בליצן, און אַ שווער־רער וואָלקן איבערן באַרג, און אַ קול פון שופר זייער שטאַרק. און געציטערט האָט דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס אין לאַגער. און משה האָט אַרויסגעפירט דאָס פאָלק פון לאַגער, און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים פוס פון באַרג. און דער באַרג סיני האָט זיך גערויכערט אינגאַנצן, ווייל עס האָט אויף אים אַראָפּגעני־דערט גאָט אין פייער, און אויפגעגאַנגען איז זיין רויך, ווי דער רויך פון אַ קאַלך־אויוון. און געציטערט האָט דער גאַנצער באַרג זייער. און דער קול פון שופר איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן. משה האָט גערעדט, און גאָט האָט אים געענטפערט אויף אַ קול. און גאָט האָט גערופן משהן אויפן שפּיץ באַרג, זאָגנדיק: „קום אַרויף צו מיר אויפן באַרג און זיי דאָרטן, און איך וועל דיר געבן די שטיינערנע לוחות און די תורה און די געבאָטן, וואָס איך האָב געשריבן". און משה איז אַרויפגעגאַנגען. און ווען משה איז אַראָפּגעגאַנגען, האָט ער גערעדט צו זיי.

די עשרת הדברות.

גאָט האָט געזאָגט:

1. איך בין גאָט דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים.
2. עס זאָלן ביי דיר ניט זיין קיין אַנדערע געטער.
3. ניט רייד אַרוים דעם נאָמען פון דיין גאָט אומזיסט.
4. געדיינק דעם טאָג פון שבת, אים צו הייליקן. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, און דעם זיבעטן טאָג זאָלסטו ניט טאָן

קיין אַרבעט, ניט דו, ניט דיין זון, ניט דיין טאָכטער, ניט דיין קנעכט, ניט דיין דינסט, ניט דיין בהמה.

5. זאָלסט אָפּגעבן כבוד דיין פאָטער און דיין מוטער.
6. זאָלסט ניט טויטן.
7. זאָלסט ניט זיין פאַרשייט.
8. זאָלסט ניט גנבענען.
9. זאָלסט ניט זאָגן פאַלשע עדות קעגן דיין חבר.
10. זאָלסט ניט גלוסטן דיין חברס הויז, זאָלסט ניט גלוסטן דיין חברס ווייב, ניט זיין קנעכט, ניט זיין דינסט, ניט זיין אָקס, ניט זיין אייזל.

5.

די איינוואנדערונג פון די בני־ישראל קיין פאלעסטינע.

די נאַטור און דער קלימאַט פון ארץ־ישראל.

ארץ־ישראל פאַרנעמט דעם דרום־טייל פון סיריע. דאָס לאַנד איז פול מיט בערג. אין צפון־זייט דערהויבן זיך דער לבנון און דער מול־הלבנון, וואָס זייערע שפיצן זיינען באַדעקט מיט אייביקן שניי. פון דידאָזיקע בערג ציען זיך צווייגן איבער גאַנץ פאַלעסטינע. אויף דער דרום־זייט פונם מול־הלבנון הויבט זיך אָן דער טייך ירדן, וואָס צעטיילט דאָס לאַנד פאַלעסטינע אויף צוויי טיילן, דעם מערבדיקן און מזרחדיקן.

דער מזרח־טייל פון ארץ־ישראל, אָדער עבר הירדן, גרענעצט מיט דעם סירישן מדבר און גיסט זיך צונויף מיט אים. ער־



משה מיט דִי לוחות

טערוווייז, אַרום די בערג־טייכלאַך פֿון עבר־הירדן, טרעפֿן זיך גרינע אָאַזיסן. די גליִענדיקע ווינטן אָבער, וואָס בלאָזן פֿון מדבר, פֿאַרטיליקן אַלע געוויקסן, און די גרויסע סטעפּעס פֿון די דאָזיקע מקומות זיינען דעריבער גאָר ווייניק פּאַסיק פֿאַר אַן איינגעזעסענעם לעבן פֿון ערד־אַרבעטער. פֿאַרקערט, אין מערבֿ־זייט פֿון ירדן זיינען פֿאַראַן ערטער מיט פֿעטע ערד. דאָ זייַנען די זייטן פֿון די בערגלאַך באַדעקט מיט וויינשטאָקן, פֿייגן־ביימער, מילגרוים־ביימער און איילבערט־ביימער, און אין די טאָלן זייט מען ווייץ און גערשטן.

אינם ים כנרת אָדער גינוסר, אַן אָזערע אין דער אויבערשטער שטרעמונג פֿונם ירדן, זיינען פֿאַראַן אַ סך פֿיש. פֿאַרקערט, אים י ם ה מ ל ח, אינם ג ע ז אַ ל צ ע נ ע ם אָדער ט ו י ט ן י ם, וואוהין דער ירדן פֿליסט אַריין, זיינען ניטאָ קיין פֿיש, ניט קיין מערקעפּלאַך. מיט איין וואָרט, דאָרטן איז ניטאָ קיין שום לעבן. דער ים המלח זעט אויס, ווי אַן אומגעהייער גרויסע שאָל (אַ קאָפּ, אַ סאָסער). דאָס וואַסער אין ים ווערט אויסגעדעמפּט, און עס קלייבן זיך אָן זאַלצן, וואָס פֿאַרטיליקן אַלדאָס לעבעדיקע. אַז עס כאַפּן זיך אַריין אַהין פֿיש פֿונם ירדן, מוזן זיי באַלד אומקומען. די צווייגן פֿון ביימער, געוויקסן, שטיקער שטיינער, וואָס ווערן אין אַ שטורם־צייט אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן ברעג פֿון ים־המלח, זיינען באַדעקט מיט אַ גראָבן שיכט זאַלץ.

פּונקט אַזוי פֿאַרשיידנאַרטיק איז דער קלימאַט פֿון ארץ־ישׂראל. אויף די הויכע ערטער איז קיינמאָל ניט צו היים. דערפֿאַר אין די נידעריקע ערטער געוועלטיקט זומערצייט אַ שטאַרקע היץ. ווינטערצייט איז אין פֿאַלעסטינע גאַנץ קאַלט. עס בלאָזט אַ שאַרפֿער ווינט און ס'גיסן רעגנס אָן אַן אויפֿהער. פֿון די רעגנס ווערן די קליינע טייכן און אָזערעס אין משך פֿון ווינ־

טער פול מיט וואסער, צום זומער אָבער טריקענען זיי ווידער אויס. דער איינציקער טייך, וואָס טריקנט ניט אויס, איז דער ירדן, אָבער קיין שיפן קאָנען אויף אים אויך ניט שווימען.

די מלחמות מיט די כנענים.

אויף זייער וועג פונם האלב-אינזל סיני קיין מזרח-זייט פלעגן די בני-ישראל אויסמיידן די באַזעצטע ערטער, בכדי ניט צו דאַרפן פירן מלחמות מיט די כנענים. אָבער סוף-כל-סוף זיינען זיי פאַרט אַריינגעדרונגען אין עבר-הירדן. אין פאַר־גלייך מיט דער זאַמדיקער וויסטעניש, אָן אַ טראָפּן וואסער און אָן אַ גרעזל גרינס, האָט דאָס דאָזיקע לאַנד אויסגעוויזן די בני־ישראל ווי אַ פון גאָט געבענטשטע ווינקל, ווי אַ „לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און מיט האָניק". דעריבער האָט זיך ביי זיי אָנגעצונדן דער חשק עס איינצונעמען פאַר זיך. נאָר אין פּאַ־לעסטינע האָבן דעמאָלט שוין געוואוינט פאַרשיידענע פעלקער, ווייטע און נאָנטע קרובים פון די בני-ישראל, אַשטייגער, ווי די עמונים, מואָבים, אדומים, אמורים.

אין עבר-הירדן האָבן די בני-ישראל זיך באַגעגנט מיט די אמורים. בכדי צו קאָנען זיך באַזעצן אין די דאָזיקע ערטער, האָבן זיי אָפּריער באַדאַרפט אַרויסשטופן די פריערדיקע איינ־וואוינער. נאָר די אמורים זיינען געווען אַ גאַנץ שטאַרק פאָלק. זיי האָבן געהאַט קליינע מלכים און פירשטן, וואָס האָבן גע־וואוינט אין באַפעסטיקטע שלעסער, וואָס האָבן זיך גערופן שטעט. זיי האָבן שוין אויך געהאַט טייער געווער, געמאַכט פון בראָנזע, נאָר די פשוטע קריגסלייט ווידער פלעגן נאָך נוצן שטיינערנע געווער.

באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן בלוטיקע מלחמות צווישן די בני-ישראל און צווישן די קריגערישע אמורים. די לאַגע פון די

בני־ישראל איז געווען זייער געפערלעך. ס'איז געווען שווער פאַראויסצוזען, אַז זיי וועט זיך איינגעבן בייצוקומען דעם שטאַרקן שונא. נאָר די אַמורישע מלכים האָבן שטענדיק זיך געריסן צווישן זיך און זיינען ניט אַרויסגעגאַנגען קעגן שונא אַלע אינאיינעם. איטלעכער באַזונדער האָבן זיי ניט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן זיך קעגן די בני־ישראל. דעריבער האָבן יענע אָפּגעהאַלטן כסדר איין נצחון נאָכן אַנדערן, און האָבן אַזוי פאַמעלעך איינגענומען אַלע לענדער פון די אמורים, וואָס האָבן זיך געפונען אין עבר־הירדן.

נאָר דאָרט איז געווען צו ענג פארן גאַנצן פאָלק. דעריבער זיינען זיי אַריבער דעם ירדן און האָבן אַזוי לאַנג געפירט מלחמה מיט די כנענים, ביז אַלע שבטים פון ישראל האָבן זיך באַזעצט אויף די נייע ערטער אין פאַלעסטינע. דאָס איז געשען אַן ערך מיט 3200 יאָר צוריק.

פונקט ווי עס טוען אַלע פעלקער אין דער צייט פון אַ מלחמה, אַזוי פלעגן די בני־ישראל אויך טיילמאָל אַנווענדן פאַלשקייט און זיך באַגיין אכזריותדיק מיט די באַזיגטע שבטים. אָפּטמאָל פלעגן זיי אויסהרגענען אַלע איינוואוינער פון די איינגענומענע ערטער, און גאַר ווינציק פלעגן אַנטרונען ווערן. אַן אַנדערש מאָל פלעגן זיי טייל איינוואוינער מאַכן פאַר שקלאַפן. נאָר ס'פלעגט זיך אויך מאַכן, אַז דער נצחון איז ניט געווען קיין גאַנצער, אַז דער שונא איז געווען צו שטאַרק. דעמאָלט פלעגן די פריערדיקע איינוואוינער בלייבן זיצן אויף זייערע ערטער, און נאָר אַ טייל פון זייער לאַנד פלעגן זיי מוזן אָפּטרעטן די זיגער. אַזוי האָבן זיך אַ גרויסער טייל פון די בני־ישראל באַזעצט בשכנות פון די כנענים.

6.

סיפּורים פון תנ״ך וועגן דעם כיבוש פון ארץ־ישראל.

די מלחמה מיט די אמורים.

און ישראל האָט געשיקט שלוחים צו סיחון דעם קיניג פון אמורי, אַזוי צו זאָגן: „איך וועל דורכגיין דורך דיין לאַנד. מיר וועלן ניט אַריינגיין אין פעלדער און וויינגערטנער, מיר וועלן ניט טרינקען קיין וואַסער פון ברונימער, ביז מיר וועלן דורכגיין דיינע גרעניצן“. נאָר סיחון האָט ניט געלאָזן ישראלן דורכגיין דורך זיין גבול און האָט צונויפגעקליבן זיין גאַנץ פאָלק און איז אַרויסגעטראָטן אין מדבר און האָט מלחמה געהאַלטן מיט ישראל. און ישראל האָט אים געשלאָגן און צוגענומען זיין לאַנד. און ישראל האָט זיך באַזעצט אין לאַנד פון אמורי.

און משה האָט געשיקט אויסקוקן יעזר, און די בני־ישראל האָבן איינגענומען אירע דערפער און פאַרטריבן די אמורים, וואָס זיינען דאָרט געווען. און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אויפן וועג קיין בשן, און אַרויסגעטראָטן איז עוג דער קיניג פון בשן אַנטקעגן זיי, ער און זיין גאַנץ פאָלק, מלחמה האַלטן קיין אדרעי. און זיי האָבן אים געשלאָגן און זיינע זין און זיין גאַנץ פאָלק, ביז זיי האָבן פון אים קיין רעשט ניט איבערגעלאָזט, און זיי האָבן איינגענומען זיין גאַנץ לאַנד.

און די בני־ישראל זיינען געגאַנגען און האָבן גערוט אין די סטעפּעס פון מואָב ביים ירדן אַנטקעגן יריחו. און דאָרט איז געשטאָרבן משה, גאָטס קנעכט, און מען האָט אים מקבר געווען אין

לאַנד מואַב, און קיין מענטש ווייסט ניט זיין קבר ביז היינטיקן טאָג. און עס איז ניט אויפגעשטאַנען צווישן ישראל נאָך אַזאַ נביא, ווי משה.

דער כּיבוש פון יריחו און פון עי.

יהושע בן נון איז געווען פול מיט גייסט פון חכמה, ווייל משה האָט געהאַט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף אים, און די בני־ישראל האָבן אים געפאָלגט.

און יריחו איז געווען פאַרשלאָסן פאַר די בני־ישראל, קיי־נער איז ניט אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט, און קיינער איז ניט אַריינגעגאַנגען אַהין. און גאָט האָט געזאָגט צו יהושע: „זע, איך האָב געגעבן אין דיין האַנט יריחו און איר קיניג, און איר זאָלט אַרומרינגלען די שטאָט, אַלע קריגסלייט, איין מאָל; אַזוי זאָלט איר טאָן זיבן טעג. און זיבן כּהנים זאָלן טראָגן זיבן שופרות פון שאָפבאָק־הערנער פאַרן אָרון. דעם זיבעטן טאָג רינגלט אַרום די שטאָט זיבן מאָל, און די כּהנים זאָלן בלאָזן אין די שופרות“.

און יהושע האָט זיך געפּאַדערט אינדערפרי, און די כּהנים האָבן געטראָגן דעם אָרון פון גאָט, און זיבן כּהנים זיינען גע־גאַנגען און כּסדר געבלאָזן אין שופרות; די באַוואָפנטע קריגס־לייט זיינען געגאַנגען פאַר זיי. און עס איז געווען דאָס זיבעטע מאָל, ווען די כּהנים האָבן געבלאָזן אין די שופרות, האָט יהושע געזאָגט צום פאָלק: „לאָזט שאַלן, וואָרים גאָט האָט אייך אָוועק־געגעבן די שטאָט“. און דאָס פאָלק האָט געלאָזט שאַלן, און מען האָט געבלאָזן אין שופרות, און דער מויער איז איינגעפאַלן. און דאָס פאָלק איז אַריין אין שטאָט און האָט פאַרטיליקט אַלץ, וואָס אין שטאָט איז געווען—מאַנסבילן און ווייבער, יונגע און אַלטע, אָקסן און שאָף און אייזלען.

איז יהושע אויפגעשטאַנען און דאָס גאַנצע קריגספאָלק צו גיין קעגן עי. און יהושע האָט אויסגעקליבן דרייסיק טויזנט מאַן קריגס־העלדן און האָט זיי געשיקט ביינאַכט און האָט זיי אָנגע־זאָגט: „זעט, איר זאָלט לאָקערן אויף דער שטאָט הינטער דער שטאָט; איר זאָלט זיך ניט דערווייטערן זייער פון שטאָט און זאָלט זיין אַלע גרייט. און איך און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס מיט מיר, וועלן מיר צוגיין נאָענט צו דער שטאָט. און עס וועט זיין, אַז זיי וועלן אַרויסגיין אַנטקעגן אונז, וועלן מיר אַנטלויפן פאַר זיי. איהר זאָלט דעמאָלט אויפשטיין פונם לאַגער און פאַרנעמען די שטאָט“.

און די איינוואוינער פון שטאָט זיינען אַרוים קעגן ישראל. יהושע און גאַנץ ישראל האָבן זיך געמאַכט, ווי זיי ווערן גע־שלאָגן, און האָבן זיך געלאָזט לויפן פאַר זיי אויפן וועג צום מדבר. האָבן זיי צונויפגערופן דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס אין שטאָט, זיי נאָכצויאָגן, און האָבן נאָכגעיאָגט יהושען און האָבן זיך דערווייטערט פון שטאָט. און עס איז קיין מענטש ניט גע־בליבן אין עי, וואָס זאָל ניט זיין אַרויסגעגאַנגען נאָך די בני־ישראל, און זיי האָבן געלאָזט די שטאָט אָפן. און דער לויער איז געשווינד אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, און זיי זיינען געלאָפן און זיינען אַריין אין שטאָט, האָבן זי איינגענומען און אונ־טערגעצונדן.

7.

די צייט פון די שופטים

(XI—XIII יאָרהונדערט)

באשעפטיקונגען.

נאָכדעם ווי די בני־ישראל האָבן זיך באַזעצט אין פּאַלעס־טינע, האָבן זיי געמוזט אומבייטן זייער פריערדיקן שטייגער לעבן און אָנהייבן צו פאַרנעמען זיך מיט גאָר נייע פּרנסות, לויט ווי דאָס האָט פאַרלאַנגט די נאַטור פונם לאַנד. פירן, ווי פריער, אַ לעבן פון פאַסטוכער האָט מען געקאָנט נאָר אין די סטעפּעס פון עבר־הירדן. די שמאָלע טאָלן פון מערב־פּאַלעס־טינע אָבער זיינען געווען באַדעקט מיט וויינגערטנער, סעדער און באַזייטע פעלדער. דאָ איז שוין ניט געווען יענע רחבות, וואָס די בני־ישראל זיינען צו איר צוגעוואוינט געווען אין מדבר. דאָ האָט מען שוין ניט געקאָנט מער אַרומוואַנדערן פון אָרט צו אָרט מיט גרויסע סטאַדעס בהמות. אַזוי האָבן די בני־ישראל געמוזט אָפּגעוואוינען זיך פון זייער איינגעשטעלטן לעבנס־שטייגער און זיינען געוואָרן ערד־אַרבעטער.

די כנענישע שבטים, וואָס האָבן ביז איצט געוואוינט אין פּאַלעסטינע, האָבן שוין אין יענער צייט געהאַט דערגרייכט צו אַ היבשער מדרגה פון בילדונג. זיי האָבן געוואוינט אין דערפער אָדער אין באַפעסטיקטע שטעט, אַרומגערינגלט מיט מויערן, און האָבן זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, גערטנעריי, וויינשטאָק־פלאַנצונג, מיט מלאכות און האַנדל. זיי האָבן פאַרשטאַנען צו וועבן פיינע געוואַנטן, אויסצואַרבעטן פאַרשיידענע כלים פון ליים, בראָנזענע און אייזערנע געצייג. די יחסנים צווישן די

כנענים האָבן אפילו געקאָנט לייענען און שרייבן. דאָס אַלץ האָבן די איינוואוינער פון כנען אָפּגעלערנט ביי די בבלים, וואָס זיינען דעמאָלט געווען דאָס געבילדעטסטע פאָלק אין יענעם טייל פון אַזיע. די בני־ישראל ווידער האָבן אָנגעהויבן אָפּלערנען זיך פון זייערע נייע שכנים, די כנענים. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך אויסגעלערנט גערטנעריי, וויינשטאָק־פלאַנצונג און אויך אייניקע מלאכות. מער ניט צום האַנדל האָבן זיי קיין חשק ניט געהאַט, און דערמיט האָבן נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער פאַרנומען זיך נאָר די כנענים.

די מנהגים.

אינאיינעם מיט די פרנסות און מיטן שטייגער לעבן האָבן זיך אויך אומגעביטן די פאַרשיידענע מנהגים פון פאָלק. בעת די בני־ישראל זיינען נאָך געווען פּאַסטוכער, זיינען זייערע ימים־טובים געווען צונויפגעבונדן מיט געוויסע וויכטיקע געשעענישן און פּאַסטוכער־לעבן: אַזוי איז געווען אַ גרויסער יום־טוב דער טאָג, ווען מען פלעגט שערן די שאָף. אַ יום־טוב איז אויך געווען דער ערשטער טאָג פון איטלעכן חודש, ווען די לבנה ווערט באַנייט. איצט, אז די בני־ישראל זיינען געוואָרן ערד־אַרבעטער, זיינען אויפגעקומען ביי זיי נייע ימים־טובים, וואָס זיינען געווען געהייליקט לכבוד די פאַרשיידענע אַרבעטן אויפן פעלד און אין גאָרטן.

די גרעסטע ימים־טובים זיינען געווען דריי, אין פאַרשיידענע צייטן פון יאָר (שלש רגלים). גאָר אין אָנהויב שניט־צייט, אינמיטן פונם איצטיקן חודש ניסן, ווען דער גערשטן פלעגט צייטיק ווערן אין ארץ־ישראל, פלעגן זיי אָוועקטראָגן דעם געבונדענעם גאַרב (עומר) צום כהן און ער פלעגט עם מקריב זיין. דעם עומר פלעגט מען טראָגן משפחותווייז, אַלט און יונג, און

דעם גאַנצן וועג איז מען געגאַנגען מיט טענץ און געזאַנג און גרויס שמחה. דערנאָך פלעגט מען שעכטן קרבנות—די בכורים פון בעק, שאָפבעק און אָקסן. מען פלעגט באַקן מצות, עסן און טרינקען און טאַנצן קאַרעהאָדן. דער דאָזיקער יום־טוב האָט דעמאָלט געהייסן חג־האָביב, דער פרי־יאָר יום־טוב. אין שפּעטערדיקע צייטן האָט ער זיך גערופן חג־המצות אָדער חג־הפסח, און מען האָט אים געפייערט צום אָנדענק פון דער אויסלייזונג פון מצרים.

דער צווייטער גרויסער יום־טוב איז געווען צום סוף פון דער שניט־צייט, אין אָנהויב פון איצטיקן חודש סיוון. דאָס איז געווען דער חג הקציר. ער פלעגט ווערן געפייערט זיבן וואָכן נאָכן ברענגען דעם עומר, דעריבער האָט ער אויך געהייסן שפּעטער דער חג השבועות (שבוע איז טייטש וואָך).

גאָר פריילאַך איז געווען דער שפּעטיאָר־יום־טוב, ווען מען פלעגט אַראָפּנעמען די צייטיקע פרוכטן פון דיביימער און צונויפקלייבן די זאַפטיקע ווייַנטרויבן. דער דאָזיקער יום־טוב האָט געהייסן חג האָסיף (אסף איז טייטש צונויפקלייבן) אָדער אויך חג־הסוכות, ווייל דאָס גאַנצע פאָלק פלעגט אין דער צייט פונם יום־טוב וואוינען אין סוכות אָדער ביידלאַך אין די סעדער און ווייַנגערטנער. דער יום־טוב סוכות פלעגט געדויערן גאַנצע אַכט טעג צייט, און פלעגט געפייערט ווערן מיט גרויס פרייד. בחורים און מיידלאַך פלעגן טאַנצן אין קאַרעהאָדן, דאָס גאַנצע פאָלק פלעגט האַלטן אין די הענט פאַלם־צווייגן און מירטן־צווייגלאַך און אַנדערע שיינע געוויקסן און בלומען, און מען פלעגט זינגען פריילאַכע לידער און טאַנצן אַרום מזבח און לויבן גאָט פאַרן גוטן גערעטעניש. דער יום־טוב סוכות הייסט נאָך איצט ביי די ייִדן זמן שמחתנו, דאָס איז טייטש: די צייט פון אונזער פרייד. נאָר ניט מיט די פרוכטן פון די סעדער און ווייַנ־

גערטנער פרייען מיר זיך איצט, ווייל דאָס האָבן מיר אָנגע־וואָרן. יידן פרייען זיך איצט אין יענעם יום־טוב מיט זייער תורה, וואו עס זיינען פאַראַן אַזויפיל שיינע מעשיות און אַזויפיל קלוגע רייד און גוטע אָנווייזונגען, ווי אַזוי אַ מענטש האָט צו לעבן אויף דער וועלט.

די גלויבונגען

די איינוואוינער פון פאַלעסטינע, די כנענים, האָבן גע־גלויבט, אַז פונקט אַזוי ווי איטלעך פעלד, איטלעכער וואַלד, איט־לעכער באַרג, איטלעכע שטאָט, איטלעך דאָרף האָט אַ בעל־הבית אַ מענטשן, אַזוי האָבן די אַלע זאַכן נאָך אַ גאָט אַן אויבערשטן בעל־הבית, וואָס צו אים געהערט דער אָרט מיט אַלע זיינע מענטשן און אַנדערע לעבעדיקע ברואים, מיט אַלע זיינע געוויקסן און וואַסערן. דעם דאָזיקן גאָט האָבן זיי טאָקע אַזוי אָנגערופן בעל—דאָס איז טייטש האַר, בעל־הבית. היות, ווי איט־לעכער אָרט האָט זיך געהאַט זיין בעל, דעריבער זיינען ביי זיי געווען אַ סך געטער, בעלים. די כנענים האָבן זיך איינגע־רעדט, אַז דער בעל פון דעם אָרט מאַכט די גערעטעניש אויף די פעלדער און סעדער, אַז ער גיט געזונט און לעבן די מענטשן און בהמות. דעריבער פלעגן זיי ברענגען מתנות דעם בעל אָדער זיינע כהנים די בעסטע פון זייערע פרוכטן. בילדער פון בעל פלעגן זיי אויסהאַקן פון שטיין, אָדער אויסשניצן פון האָלץ אין דער געשטאַלט פון אַ מענטשן מיט הערנער, אָדער אין דער געשטאַלט פון אַן אָקס. אַמאָל פלעגט מען אויך שטעלן אַ שטיי־נערנעם סלופּ און האַלטן אים פאַרן בעל. חוץ די בעלים, האָבן די כנענים נאָך געדינט דער געטין פון פרוכפּערקייט, וועמען זיי האָבן גערופן עשתרת. לכבוד דער עשתרת פלעגן זיי שטעלן

הילצערנע סלופּעס און פּלאַנצןביימער. דאָס ווערט אָנגערופן אשרה.

אַז די בני-ישראל האָבן זיך באַזעצט אין פּאַלעסטינע, האָבן זיי מיט דער ערדאַרבעט און מלאכות, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגע-לערנט פון זייערע שכנים, איבערגענומען אויך זייערע מנהגים און אָפּטמאָל אויך זייערע גלויבונגען. אַז דער כנעני פלעגט לערנען דעם ישראל באַאַרבעטן זיין פעלד, פלעגט ער אים זאָגן: „זאָלסט וויסן זיין, אויב דו ווילסט האָבן אַ גוטע גערעטעניש, איז ווינציק וואָס דו וועסט טיף אַקערן און גוט דורכגראָבן דיין פעלד, וואָס דו וועסט עס געדיכט פאַרזייען און פלייסיק אויס-רייסן די ווילדע גראָזן, דו דאַרפסט נאָך האָבן רעגן אויף צו באַ-וואַסערן דאָס פעלד, און זונען-שיין און וואַרימע ווינטן. דאָס קאָן געבן נאָר דער איבערשטער בעל-הבית פון פעלד, דער בעל. איך האָב אַלע מיינע יאָרן אַזוי געטאָן: איך האָב ביי דער אַר-בעט געדינט דעם בעל, און האָב שטענדיק געהאַט גערעטע-נישן. דעריבער מוזטו אויך אַזוי טאָן“. און דער ישראל, ווי אַ גוטער תלמיד, פלעגט פאָלגן זיין רבין און טאָן, וואָס ער פלעגט אים הייסן. אַזוי האָבן אַ סך פון די בני-ישראל אָנגעהויבן דינען די בעלים.

אָבער אויך דעם גאָט, וואָס צו אים האָבן זייערע עלטערן געדינט אין מדבר, האָבן די בני-ישראל ניט פאַרגעסן. טייל האָבן זיך ניט געלאָזט איינריידן פון די כנענים. זיי האָבן גע-זאָגט: „אונזער גאָט, דער גאָט פון אונזערע עלטערן, האָט אונז געהאָלפן אין די מלחמות און אַוועקגעגעבן אונז דאָס לאַנד. ער איז דער האַר פון לאַנד, ער גיט פרוכטן און ווין און בוימל, און צו אים ווילן מיר דינען“. אַזוי איז געווען אין שטילע צייטן: טייל פאָלק האָט געדינט די בעלים, און אַ טייל דעם גאָט פון ישראל.

אָבער, אַז עס פלעגט קומען אַ צייט פון סכנה, ווען די כנענים, אָדער אַנדערע פעלקער, פלעגן אַרויס מלחמה האַלטן קעגן ישראל, דעמאָלט פלעגט דאָס גאַנצע פאָלק זיך דערמאָנען אָן דעם גאָט פון זייערע עלטערן, וואָס האָט זיי געפירט אין מדבר און געשיצט פון אַלדאָס בייז, און אַלע פלעגן זיך פאַר־איייניקן און בעטן ביי אים הילף. דעמאָלט פלעגט מען טראָגן אין שלאַכט פאַרן חיל דעם אָרון פון גאָט, וואָס גאַנץ ישראל האָט אים געהאַלטן הייליק, און מען פלעגט זינגען:

קומה יהוה—ויפוצו אויביך
וינוסו משנאיך מפניך

דאָס איז טייטש: „שטיי אויף, גאָט, און זאָלן דיינע פיינט צע־שפרייט ווערן, און זאָלן דיינע שונאים זיך צעלויפן פאַר דיר!“

און ווען די בני־ישראל פלעגן ווערן געשלאָגן אין אַ מלחמה, און דער שונא פלעגט גובר זיין, האָט דאָס פאָלק געגלויבט, אַז גאָט איז דערצאָרנט אויף זיי, און אַז די מפלה איז אַ שטראָף פאַר זייערע זינד.

די שופטים.

די בני־ישראל זיינען געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים און האָבן קיין בּאַרוטע שעה ניט געהאַט. זיי האָבן נאָך אין יענער צייט ניט געהאַט איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד. צווישן זייערע נחלאות זיינען געווען צעוואָרפן שטעט און דערפער, וואָס האָבן געהערט צו די כנעניש מלכים און פירשטן. אַזוי זיינען די איינצלנע שבטים פון ישראל געווען אָפּגעשיידט פון אַנאַנד דורך כנענים, וואָס זיינען געווען אימ־לעבע ווילע גרייט אַנצופאַלן אויף די אָנגעקומענע.

חוץ דעם, האָבן די בני־ישראל געהאַט אויסצושטיין אַ סך צרות פון די ווילדע וואַנדער־שבטים, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבערן מדבר, אין מזרח־זייט פון ארץ־ישראל. ווי היישעריקן, פלעגן אָט די וואַנדער־שבטים קומען צו רייטן אויף זייערע קעמלען, צעטרעטן פעלדער און סעדער, אַוועקשלעפּן בהמות און מיטאַמאָל ניט ווערן, און אין אַ צייט אַרום פלעגן זיי זיך ווידער באַווייזן, אָנמאַכן נייע חורבנות און רויבן פרישן רויב. אַ לאַנגע צייט זיינען די בני־ישראל ניט געווען בכוח זיך איינצושטעלן אַנטקעגן די דאָזיקע רויבער. בעת זיי פלעגן זיך באַווייזן, פלעגן די בני־ישראל זיך באַהאַלטן אין היילן, בערג־שפּאַלטן און אויף די שפּיצן פון בערג.

בראש פון די שבטים פון ישראל זיינען געווען געשטעלט קריגס־אָנפירער, וואָס מען האָט זיי גערופן שופטים. אין שלום־צייט האָבן די שופטים קיין גרויסע דעה ניט געהאַט. דעמאָלט פלעגן פירן דאָס פאָלק די זקנים, אָדער די עלטסטע לייט, וואָס האָבן געהערט צו די חשובסטע, אָנגעזעענסטע משפּחות. אָבער בשעת אַ מלחמה פלעגן די שופטים זיין די אמתע אָנפירער פון פאָלק. זיי זיינען געווען גרויסע גבורים און קריגס־העלדן. זיי פלעגן זיך שטעלן בראש פון זייער אייגענעם שבט אָדער צוציען צו זיך עטלעכע שכנישע שבטים און פאַרטיידיקן די בני־ישראל קעגן די אָנפאַלן פון בייזע שונאים. פון די פעסטונגען אויף די שפּיצן בערג פלעגן זיי באַשיטן דעם פיינט מיט אַ האָגל פון שטיינער און פיילן. טיילמאָל פלעגן זיי אויך אַרויסטרעטן אין פרייען פעלד אַנטקעגן די אָנפאַלער אָדער אַריינרייסן זיך צו זיי אין זייער לאַנד און שטרענג באַשטראָפן זיי פאַר זייערע גזלות און רציחות.

די בני־ישראל האָבן אָפּגעגעבן גרויס כבוד זייערע שופטים, וואָס פלעגן מיט זייערע גבורות זיי ראַטעווען פון די שונאים

אַנפאַלן. פון זייער כבוד וועגן פלעגט מען מחבר זיין לידער, און זינגער פלעגן אַרומגיין איבער אַלע שטעט און דערפער פון די בני-ישראל און דערציילן אין שיינע געזאַנגען אַלע גבורות און גרויסע מעשים, וואָס די שופטים און זייערע קריגסלייט האָבן אויפגעטאָן. די שיינע לידער און מעשיות האָט דאָס פאָלק זיך אויסגעחזרט אויף אויסווייניק, און מאַמעס פלעגן עס זינגען פאַר זייערע קינדער און דורך דעם אויפוועקן אין זיי גבורה, מוט און ליבשאַפט צום פאָלק. טייל פון די דאָזיקע לידער זיינען אַריינ-געקומען געוואָרן אין תנ"ך, און יידישע קינדער קאָנען אויך איצט לערנען זיי און דערוויסן זיך וועגן די גבורות פון זייערע על-טער-עלטער-זיידעס.

די שבטים פון ישראל פלעגן זיך פאַראייניקן נאָר אין אַ צייט פון סכנה. אין שלום-צייט פלעגט זיך איטלעכער שבט לעבן פאַר זיך, און ווי נאָר די שונאים פלעגן פאַרשוואונדן ווערן, פלעגן די שופטים אָנווערן די גאַנצע דעה. אין דערזעלבער צייט האָבן די שכנישע פעלקער, ווי די פעניקיער, פלשתים און אַנ-דערע, שוין געהאַט מלכים, וואָס האָבן געוועלטיקט איבערן פאָלק און עס געהאַלטן שטענדיק פאַראייניקט. דעריבער האָט אויך ביי אייניקע שופטים פון ישראל געמוזט אויפקומען דער געדאַנק צו ווערן אַ קיניג איבער אַלע שבטים פון ישראל און פאַראייניקן זיי צו איין גרויסן פאָלק. אָבער אין יענער צייט האָט זיך עס זיי נאָך ניט איינגעגעבן. מער ניט איין שופט האָט געקיניגט דריי יאָר נאָכאַנאַנד, אי דאָס ניט איבערן גאַנצן פאָלק.

8.

סיפּורים פון תנ״ך וועגן די שופטים.

ברק און דבורה הנביאה.

און די בני-ישראל האָבן אָנגעהויבן טאָן, וואָס עס איז ניט געפעלן אין גאָטס אויגן, און ער האָט זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון יבין דעם קיניג פון כנען, און זיין קריגס-הויפּטמאַן איז געווען סיסרא. ער האָט געהאַט ניין הונדערט אייזערנע רייטוואָגנס און האָט געדריקט די בני-ישראל צוואַנציק יאָר.

און דבורה, אַ פרוי אַ נביאה, האָט געמשפּט ישראל אין יענער צייט. און זי פלעגט זיצן אונטער דעם פּאַלמבוים אויפן באַרג אפרים, און די בני-ישראל פלעגן אויפגיין צו איר צום משפּט. האָט זי געשיקט רופן ברק בן אבינעם פון קדש נפתלי און בני זבלון״.

און מען האָט אָנגעזאָגט סיסראַן, אַז ברק בן אַבינעם איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג תבור. האָט סיסרא צונויפגעקליבן אַלע זיינע רייטוואָגנס, ניין הונדערט אייזערנע רייטוואָגנס און דאָס גאַנצע פאָלק מיט אים צום טייכל קישון. און דבורה האָט געזאָגט צו ברקן: „שטיי אויף, וואָרים היינט איז דער טאָג, ווען גאָט האָט איבערגעגעבן סיסראַן אין דיין האַנט. גאָט איז דאָך אַרויס פאַר דיר״. איז ברק אַראָפּגענידערט פון באַרג תבור, און צען טויזנט מאַן נאָך אים. און גאָט האָט צעטומלט סיסראַן און אַלע רייטוואָגנס און די גאַנצע מחנה, זיי זיינען אַלע געפאַלן דורכן שווערד, און עס איז ניט געבליבן קיין איינער.

און געזונגען האָט דבורה און ברק בן אבינעם אין יענעם טאָג אַזוי:

דבורה און ברק

וועז די פירערס האָבן ישראל געפירט,
ווען דאָס פאָלק איז געגאַנגען נאָך זיי—לויבט גאָט.
הערט, מלכים, פאַרנעמט, פירשטן,
איך וועל זינגען צו גאָט,
איך וועל זינגען דעם לויב פון גאָט פון ישראל...

ג ד ע ו ן.

און עס איז געווען, ווען ישראל פלעגט זייען, פלעגן קומען מדין און עמלק און די איינוואוינער פון מזרח און פלעגן אָנפאַלן אויף אים. זיי פלעגן לאַגערן ביי זיי און פאַרטיליקן די תבואה פון לאַנד און פלעגן ניט איבערלאָזן אויף לעבן ביי ישראל ניט קיין שאָף, ניט קיין אָקס, ניט קיין אייזל. און ישראל איז שטאַרק אָרים געוואָרן, און די בני-ישראל האָבן געשריען צו גאָט.

איז געקומען אַ מלאך פון גאָט, בשעת גדעון האָט געדראָשן ווייץ, צו באַהאַלטן פון מדין, און האָט צו אים געזאָגט: „צע־שטער דעם מזבח פון בעל, וואָס ביי דיין פאָטער, און האַק אָפּ דעם אשרה-בוים, וואָס דערביי, און בוי אויף אַ מזבח פאַר גאָט, דיין גאָט, אויפן שפּיץ פון אָט דעם פעלזן-שטיין". האָט גדעון גענומען צען מענטשן פון זיינע קנעכט און האָט געטאָן, ווי גאָט האָט אים אָנגעזאָגט. און ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין פאָטערס הויזגעזינט און פאַר די לייט פון שטאָט צו טאָן דאָס ביי טאָג, האָט ער עס געטאָן ביינאַכט. אַז די איינוואוינער פון שטאָט זיינען אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָבן זיי דערזען: דער מזבח פון בעל איז צעשטערט. האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: „ווער האָט דאָס געטאָן?" האָבן זיי געפאָרשט און געזוכט און האָבן געזאָגט: „גדעון בן יואש האָט דאָס גע־טאָן".

גאַנץ מדין און עמלק און די איינוואוינער פון מזרח-לאַנד האָבן זיך צונויפגעקליבן אינאיינעם, זיינען אריבער דעם ירדן און האָבן זיך געלאַגערט אין טאָל יזרעאל. און גאָטס גייסט האָט אַרומגענומען גדעונען, און ער האָט געבלאָזן שופר, און אביעזר האָט זיך צונויפגעקליבן נאָך אים. און שלוחים האָט ער געשיקט איבער גאַנץ מנשה, און ער האָט זיך אויך אַרומגעקליבן אַרום אים; און שלוחים האָט ער געשיקט צו אָשר און צו זבלון און צו נפתלי, און זיי זיינען געקומען זיי אַנטקעגן.

האָט גדעון זיך געפאַדערט און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס מיט אים, און זיי האָבן זיך געלאַגערט ביים קוואַל חרוד. און מדין און עמלק און אַלע איינוואוינער פון מזרח-לאַנד זיינען געווען פונאַנדערגעשפּרייט איבערן טאָל ווי היישעריקן, און צו זייערע קעמלען איז קיין צאָל ניט געווען, ווי דער זאַמד אויפן ברעג ים, אַזוי פיל.

האָט גדעון צעטיילט דריי הונדערט מאַן אויף דריי חלקים און האָט געגעבן זיי אַלעמען אין די הענט טרומייטן און ליידיקע קריג און ברענענדיקע שטורקאַצן אין די קריג. און ער האָט צו זיי געזאָגט: „אויף מיר זאָלט איר קוקן; און ווי איך וועל טאָן, אַזוי זאָלט איר אויך טאָן“. און גדעון איז געגאַנגען, און מיט אים הונדערט מאַן, צום עק פון לאַגער אינם אָנהייב פון דער מיטלסטער נאַכט-וואַך, זיי האָבן אָקאָרשט געהאַט אַוועקגעשטעלט די וועכטער, און זיי האָבן געבלאָזן אין די טרומייטן און צעבראָכן די קריג. האָבן אַלע דריי חלקים געבלאָזן אין די טרומייטן און צעבראָכן די קריג און האָבן געהאַלטן אין דער לינקער האַנט די שטורקאַצן און אין דער רעכטער האַנט די טרומייטן צום בלאָזן. און זיי האָבן גערופן: „אַ שווערד פאַר גאָט און פאַר גדעון“.

און דער גאַנצער לאַגער איז אַנטלאָפן געוואָרן. און די מע-

נער פון ישראל האָבן זיך צונויפגעקליבן און האָבן נאָכגעיאָגט מדין. אַזוי איז מדין אונטערטעניג געוואָרן פאַר די בני־ישראל, און זיי האָבן שוין מער ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און דאָס לאַנד איז געווען רואיק פערציק יאָר.

אבימלך.

גדעון האָט געהאָט זיבעציק זין, ווייל ער האָט געהאַט פיל ווייבער. זיין קעפּס־ווייב, וואָס אין שכם, האָט אים אויך גע־בוירן אַ זון, און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן אבימלך. ווען גדעון איז געשטאָרבן, איז אבימלך געגאַנגען קיין שכם צו זיין מוטערס ברידער און האָט גערעדט צו זיי און צו דעם גאַנצן הויזגעזינט פון זיין מוטערס פאָטער, אַזוי צו זאָגן: „רעדט אין די אויערן פון אַלע לייט פון שכם: ווי איז אייך בעסער: צי עס זאָלן געוועלטיקן איבער אייך זיבעציק מאַן, אַלע זין גדעונס, אָדער עס זאָל געוועלטיקן איבער אייך איין מאַן? און געדענקט, אַז איך בין אייער ביין און פלייש". האָבן זיין מוטערס ברידער גערעדט וועגן אים אין די אויערן פון די לייט פון שכם אַלע די דאָזיקע רייד. און זייער האַרץ האָט זיך גענויגט נאָך אַבימלכן, ווייל זיי האָבן געזאָגט: „ער איז אונזער ברודער". האָבן זיי אים געגעבן זיבעציק שטיקער זילבער, און אבימלך האָט דער־פאַר געדונגען זיך מענטשן ליידיקגייער און לייכטזיניקע, און זיי זיינען געגאַנגען נאָך אים, און אבימלך האָט געוועלטיקט אי־בער ישראל דריי יאָר.

און די לייט פון שכם האָבן געפעלשט אין אבימלכן. איז אַרויסגעגאַנגען געל פאַר די לייט פון שכם און האָט געהאַלטן מלחמה מיט אבימלכן, און אבימלך האָט אים נאָכגעיאָגט ביזן טויער פון שטאָט, און ער האָט איינגענומען די שטאָט, און דאָס פאָלק, וואָס אין איר, האָט ער געטויט.

און אבימלך איז געגאנגען קיין תבץ און האָט זי באלאַ־גערט און איינגענומען. און אַ שטאַרקער טורעם איז געווען אינ־מיטן שטאָט; זיינען אַהין אַנטרונען געוואָרן אַלע מאַנסבילן און ווייבער און אַלע לייט פון שטאָט און האָבן זיך איינגע־שלאָסן און זיינען אַרויף אויפן דאַך פון טורעם. איז געקומען אבימלך צום טורעם און האָט געהאַלטן מלחמה מיט זיי. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון טורעם, בכדי צו פאַרברענען אים אין פייער. האָט אַ פרוי אַראָפּגעוואָרפן אַ מילשטיין אויף אבימלכס קאָפּ און האָט אים געשפּאָלטן דעם שאַרבן. האָט ער באַלד גערופן דעם יונג, זיין וואָפן־טרעגער, און האָט געזאָגט צו אים: „ציִ אַרויס דיין שווערד און טויט מיך, מען זאָל ניט זאָגן וועגן מיר: אַ פרוי האָט אים דערהרגעט". און דער יונג האָט אים דערשטאָכן, און ער איז געשטאָרבן.

שמשון הגבור.

איז שמשון געגאַנגען און האָט געכאַפּט דריי הונדערט פוקסן, האָט גענומען פייער־בראַנדן, געבונדן עק צו עק, צוגע־בונדן איין פייער־בראַנד אינמיטן צווישן צוויי עקן און האָט אַוועקגעלאָזט די פוקסן איבער דעם שניט פון די פלשתים און האָט פאַרברענט הויפנס תבואה, אפילו די ניט־אָפּגעשניטענע, ביז וויינגערטנער און אייל־בערט־בוימער. זיינען די פלשתים געקומען און האָבן זיך געלאַגערט אין יהודה. האָט שמשון גע־פונען אַ פרישן קינבאַק פון אַן אייזל און האָט דערמיט געטויט טויזנט מאַן. — און שמשון האָט געמשפּט ישראל צוואַנציק יאָר.

האָט שמשון ליב געהאַט אַ פרוי אין נחל שורק, און איר נאָמען איז געווען דלילה, זיינען געקומען צו איר די שרים פון די פלשתים און האָבן געזאָגט צו איר: „רעד אים איין און דער־

גיי, אין וואָס איז זיין גרויסער כוח, און מיט וואָס קאָנען מיר אים בייקומען. און מיר וועלן דיר געבן איטלעכער צו טויזנט און הונדערט שטיקער זילבער". האָט זי אים אַלע טאָג געפּייניקט מיט אירע רייד, האָט ער איר אויסגעזאָגט זיין גאַנץ האַרץ און האָט געזאָגט: „קיין גאָלמעסער רירט זיך ניט צו צו מיין קאָפּ. ווען מען זאָל מיך אָפּשערן, דעמאָלט וועט אָפּגעטאָן ווערן פון מיר מיין כוח, און איך וועל שוואַך ווערן און זיין, ווי אַן אַנדער מענטש.

אַז דלילה האָט דערזען, אַז ער האָט איר אויסגעזאָגט זיין גאַנץ האַרץ, האָט זי געשיקט רופן די שרים פון די פּלשתים. און די שרים פון די פּלשתים זיינען געקומען און געבראַכט מיט זיך דאָס זילבער. און זי האָט אים איינגעשלעפערט אויף אירע קניען און האָט גערופן אַ מענטש, און האָט אָפּגעשאָרן די זיבן צעפּ פון זיין קאָפּ. האָבן די פּלשתים אים געכאַפּט און אויסגעשטאָכן די אויגן און אַראָפּגעבראַכט אים קיין עזה, געשמידט אין קופּערנע קייטן, און ער האָט געמאָלן אין געפענקעניש־הויז.

אָבער די האָר פון זיין קאָפּ האָבן אָנגעהויבן אָפּצואוואַקסן. און די פּלשתים האָבן זיך צונויפגעקליבן צו שעכטן אַ גרויס געשעכטס זייער גאָט דגון און זיך משמח צו זיין. אַז זיי איז געווען גוט אויפן האַרצן, האָבן זיי געזאָגט: „רופט שמשונען, זאָל ער אונז פריילעך מאַכן". האָט מען גערופן שמשונען פון געפענקעניש־הויז און אַוועקגעשטעלט אים צווישן די זיילן. האָט שמשון אַרומגענומען די צוויי מיטלסטע זיילן, וואָס אויף זיי שטיצט זיך דאָס הויז, און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיי, איינעם פון רעכטס און דעם אַנדערן פון לינקס. און שמשון האָט געזאָגט: „זאָל מיין נשמה שטאַרבן מיט די פּלשתים!" און ער האָט מיט כוח אַ בויג געטאָן, און עס איז איינגעפאַלן דאָס הויז אויף די שרים און אויפן גאַנצן פאָלק, וואָס דאָרט איז געווען.

דלילה און שמשון

9.

גרינדונג פון דער יודישער מלוכה

(אין יאָר 1020).

די נויטיקייט פון דער קיניגלאכער מאַכט.

די שבטים פון ישראל איז שווערער געוואָרן צו לעבן אָפּגעזונדערט פון אנאַנד. איטלעכער שבט פאַר זיך איז אָפטמאָל ניט געווען בכוח צו פירן מלחמה מיט די שונאים, די שכנים, אַלץ אָפטער פלעגן זיי זיך פאַראייניקן אין פאַרבאַנדן, און בחברותא פלעגט זיי זיין גרינגער גובר צו זיין דעם שונא, אַזוי זיינען זיי באַשיימפּערלאַך געוואָר געוואָרן, אַז עס איז בעסער צו לעבן, ווען מען איז פאַראייניקט.

די פאַרבאַנדן אויף אַ ווײַלע האָבן ניט געקאָנט אַ סך העלפן. אַ סך שטעט פון ישראל זיינען אַריינגעפאַלן אין דער ממשלה פון די פלשתים, און די סכנה איז אַלץ געוואָרן גרעסער. די פלשתישע קריגס-לייט האָבן געהאַט בראָנזענע כלי-זיין. די פלשתים האָבן אויך געהאַט רייטוואָגנס צו דער שלאַכט. אַנטקעגן אַזאַ שטאַרקן שונא איז שוין פאַר איין שבט, און אפילו פאַר עטלעכע שבטים פון ישראל שווער געווען צו ביישטיין. בכדי אָפּצוטרייבן די פלשתים, האָט גאַנץ ישראל זיך געמוזט פאַראייניקן.

פון יאָר צו יאָר איז געוואָרן אַלץ קלאָרער, אַז די שבטים פון ישראל מוזן זיך פאַראייניקן אונטער דער ממשלה פון אַ קיניג. טאָמער ניט, וועלן זיי מוזן אַרונטערפאַלן אונטער אַ פרעמדן יאָך, מחמת די פלשתים וועלן זיי בייקומען און אונטער-

טעניג מאַכן. און בּיסלאַכוועיז האָבּן טאַקע די בּני־ישראל אָנגע־הויבּן קלערן וועגן דעם, אַז עס איז צייט אָוועקצושטעלן איבּערן פאָלק אַ קיניג, וואָס זאָל עס פירן סיי אין מלחמה־צייט און סיי אין שלום־צייט, און זיין בּאַפעל זאָלן פאָלגן אַלע, פון איין עק לאַנד בּיזן צווייטן. אָבּער דער, וואָס וועט האָבּן די זכיה צו זיין דער ערשטער קיניג פון ישראל, האָט געמוזט בּאַווייזן גרויסע גבורות, אָפּהאַלטן פיל נצחונות. אַזאַ העלד איז געווען ש א ו ל, און אין יאָר 1020, ד. ה. אַן ערך מיט 2930 יאָר צוריק, האָבּן די בּני־ישראל אים אויסגעקליבּן פאַר אַ קיניג.

שאול — דער ערשטער קיניג פון ישראל.
(1000—1020).

שאול איז געווען אַ געוויינלעכער ערדאַרבּעטער. אָבּער ער איז געווען אַ גרויסער גבור און האָט ליבּ געהאַט זיין פאָלק. אין אַ צייט פון סכנה איז ער אַרויסגעטראָטן צו בּאַשיצן דאָס פאָלק קעגן די שונאים. ער האָט זיך געשטעלט בּראש פון די בּני־ישראל און האָט זיי אַרויסגעראַטעוועט פון קנעכטשאַפט און אונטערטעניקייט.

בּכדי צו זיין בּאַהיט אויף ווייטער פון אומגעריכטע אָנפאַלן מצד די שונאים, האָט שאול צונויפגעקליבּן קריגס־לייט, וואָס זיי־נען שטענדיק געווען אַרום אים און גרייט איטלעכע רגע אַרויס־צוטרעטן אין מלחמה. דאָס דאָזיקע שטענדיקע חיל איז אָבּער געווען זייער קליין, און דעריבּער פלעגן בּשעת מלחמה, פונקט ווי פריער, זיך צונויפקלייבּן אַלע דערוואַקסענע מאַנסבּילן, וואָס זיינען פעאיק צו טראָגן געווער. דער קיניג און זיין חיל זיינען געווען בּאַוואָפנט מיט פאַנצערם, קיווערם און שווערדן, נאָר קיין רייטערם און רייטוואָגנס זיינען נאָך אין קיניגרייך ישראל דעמאָלט ניט געווען. פונדעסטוועגן האָט שאולן זיך איינגע־

געבן צו פאַרפעסטיקן די מלוכה, וואָרים דאָס פאָלק האָט גע־לעבט צווישן זיך אין אחדות. איצט האָבן די פלשתים און אַנ־דערע שכנים שוין ניט געקאָנט מער אָנטאָן קיין רשעות דעם פאָלק ישראל. דערפאַר איז אָבער דער קיניג געווען שטענדיק אַריינגעטאָן אין פירן מלחמות.

די בני־ישראל האָבן געגלויבט, אַז גאָטס רצון מוז זיין דער־ביי, אַז שאול זאָל אויסגעקליבן ווערן פאַר אַ קיניג. זיי האָבן אים גערופן „גאָטס געזאַלבטער“ (משיח יהוה), און זיינען גע־ווען זיכער, אַז גאָט העלפט אים מנצח זיין די פיינט.

10.

סיפּורים פון תנ״ך וועגן שאול המלך.

שאולס באַגעגעניש מיט שמואל הנביא.

עס איז געווען אַ מאַן פון בנימין, און זיין נאָמען איז געווען קיש. ער האָט געהאַט אַ זון, מיטן נאָמען שאול, זייער אַ שיי־נער איז ער געווען, און קיינער איז ניט געווען צווישן די בני־ישראל שענער פאַר אים; ער איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלעמען. איינמאָל זיינען פאַרפאַלן געוואָרן אייזעלינעס ביי קישן, שאולס פאָטער. האָט קיש געזאָגט צו שאולן זיין זון: „נעם מיט זיך איינעם פון די יונגען און גיי זוכן די אייזעלינעס“. איז ער דורכגעגאַנגען דעם באַרג אפרים, איז ער דורכגעגאַנגען דאָס לאַנד שלשה — און זיי האָבן ניט געפונען; זיינען זיי דורכ־געגאַנגען דאָס לאַנד שעלים—און ניטאָ, זיינען זיי דורכגעגאַנ־גען דאָס לאַנד ימיני — און האָבן ניט געפונען. זיינען זיי גע־קומען אין לאַנד צוף, און שאול האָט געזאָגט צו זיין יונג, וואָס

מיט אים: „קום און לאָמיר זיך אומקערן, מיין פאָטער זאָל ניט אויפהערן זאָרגן וועגן די אייזעלינען און זאָל זאָרגן וועגן אונז“. האָט ער צו אים געזאָגט: „דאָ אין דער שטאָט איז פאַראַן אַ געטלאַכער מאַן, און דער מאַן איז זייער אָנגעזען: אַלץ, וואָס ער זאָגט, מוז געשען. לאָמיר איצט גיין אַהין. אפשר וועט ער אונז זאָגן אונזער וועג, וואו מיר האָבן צו גיין“. האָט שאול געזאָגט צו זיין יונג: „גוט, מיר וועלן גיין. נאָר וואָס וועלן מיר ברענגען דעם מאַן? דאָס ברויט איז דאָך אויסגעגאַנגען פון אונזערע זעקלאַך, און קיין מתנה האָבן מיר ניט צו ברענגען דעם געטלעכן מאַן. וואָס האָבן מיר מיט אונז?“ האָט דער יונג געענטפערט שאולן: „ביי מיר געפינט זיך אַ פערטל שקל זילבער, וועל איך דאָס געבן דעם געטלעכן מאַן, און ער וועט אונז זאָגן אונזער וועג“.

זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין שטאָט, וואָס דאָרט געפינט זיך דער געטלעכער מאַן, און זע—שמואל גייט אַרויס אַנטקעגן זיי, בכדי אַרויפצוגיין צו דער במה. און גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט שמואלן מיט איין טאָג פאַר שאולס קומען, אַזוי צו זאָגן: „מאָרגן אין דער צייט וועל איך צו דיר שיקן אַ מאַן פון לאַנד בנימין, זאָלסטו אים זאַלבן פאַר אַ פירער איבער מיין פאָלק ישראל, און ער וועט אויסלייזן מיין פאָלק פון די הענט פון די פלשתים“. אַז שמואל האָט דערזען שאולן, האָט גאָט צו אים געזאָגט: „אָט דאָס איז דער מאַן, וואָס איך האָב דיר געזאָגט“.

שאול ווערט אַ קיניג.

און עס איז געקומען נחש דער עמוני און האָט באַלאַגערט יבש גלעד. האָבן געזאָגט אַלע איינוואוינער פון יבש צו נחשן: „שליס מיט אונז אַ בונד, און מיר וועלן דיר דינען“. האָט נחש דער עמוני צו זיי געזאָגט: „מיט דעם תנאי וועל איך מיט אייך

שליסן אַ בונד, אַז מען זאָל אייך איטלעכן אויסשטעכן דאָס רעכטע אויג, און מאַכן צו שאַנד גאַנץ ישראל". האָבן די עלטסטע פון יבש צו אים געזאָגט: „לאָזט אונז אָפּ זיבן טעג, און מיר וועלן שיקן שלוחים אין גאַנצן לאַנד פון ישראל, און ווען קיינער וועט אונז ניט העלפן, דעמאָלט וועלן מיר אַרויס-גיין צו דיר". זיינען געקומען די שלוחים קיין גבעת שאול און האָבן דערציילט די זאַך דעם פאָלק. האָבן זיי אויפגעהויבן זייער קול און זיך צעוויינט. גראָד איז שאול אָנגעקומען פון פעלד הינטער די רינדער. און שאול האָט געזאָגט: „וואָס איז מיטן פאָלק, וואָס זיי וויינען?" האָט מען אים דערציילט די רייד פון די איינוואוינער פון יבש. און גאָטס גייסט האָט גערוט אויף שאולן, בעת ער האָט געהערט די דאָזיקע רייד, און זיין צאָרן האָט זייער געברענט. און ער האָט גענומען אַ פּאָר אָקסן און האָט זיי צעשניטן און פונאַנדערגעשיקט איבערן גאַנצן גבול פון ישראל דורך די שלוחים, אַזוי צו זאָגן: „ווער עס וועט ניט אַרויסגיין נאָך שאולן און נאָך שמואלן, אַזוי וועט געטאָן ווערן צו זיינע אָקסן". און אַ שרעק פון גאָט איז אָנגעפאַלן אויפן פאָלק, און זיי זיינען אַרויסגעטראָטן, ווי איין מאַן.

אויף מאָרגן האָט שאול צעטיילט דאָס פאָלק אין דריי טיילן און זיי זיינען געקומען אין לאַגער אין דער צייט פון פרימאָרגן-וואַך און האָבן געשלאָגן עמונען, ביז דער טאָג איז הייס גע-וואָרן.

און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַוועק קיין גלגל און האָבן דאָרט שאולן געקרוינט פאַר אַ קיניג און האָבן געשאָכטן קרבנות פאַר גאָט, און עס האָבן זיך משמח געווען שאול און אַלע מענער פון ישראל ביז גאָר.

שאולס טויט.

און די פלשתים האָבן מלחמה געהאַלטן מיט ישראל. זיינען אַנטלאָפן געוואָרן די מענער פון ישראל פאַר די פלשתים. און די מלחמה איז שווער געוואָרן אויף שאולן, און עס האָבן אים געטראָפן די בויגן־שיסערס, און ער האָט זיך זייער דערשראָקן פאַר די שיסערס. און שאול האָט געזאָגט צו זיין וואָפנטרעגער: „ציִ אַרויס דיין שווערד און דערשטעך מיך, עס זאָלן ניט קומען די דאָזיקע ערלים און מיך שטעכן און שפּעטן פון מיר". און דער וואָפנטרעגער האָט ניט געוואָלט, ווייל ער האָט מורא געהאַט זייער. האָט שאול גענומען די שווערד און איז אויף איר אַרויפגעפאַלן. אַז זיין וואָפנטרעגער האָט דערזען, אַז שאול איז געשטאָרבן, איז ער אויך געפאַלן אויף זיין שווערד און איז געשטאָרבן מיט אים.

11.
די צייט פון דוד המלך
(970—1000)

דוד המלך.

דוד האָט אָפּגעשטאַמט פון שבט יהודה. זיין פאָטער האָט זיך פאַרנומען מיט בהמות האָדעווען, און דוד גופא מיט זיינע ברידער האָט געהיט זיין פאָטערס שאָף. נאָך פון יונגערהייט האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין דרייסטקייט און העלדישקייט. פרי האָט זיך ביי אים אויפגעוועקט דער חשק צו גיין אין מלחמה און צו ווערן אַ גבור. דוד האָט אויך געקאָנט שיין

שפּילן אויף אַ האַרף. פאַר זיין שפּילן איז ער געפעלן געוואָרן שאולן, און ער האָט אים גענומען צו זיך אין קיניגלעכן הויף אַריין. באַלד האָט דוד אַנגעהויבן אַרויסווייזן אומגעוויינלאַכע גבורות אין שלאַכט, און דער קיניג האָט אים געגעבן דערפאַר זיין טאָכטער פאַר אַ פרוי.

דודס שם איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. און שאול האָט בים־לאַכווייז אָנגעהויבן מקנא צו זיין דודן זיין גרויסן נאָמען ביים פאָלק. ווען עמיץ באַקומט אַ מאַכט און אַ דעה איבער מענטשן, האָט ער שטענדיק מורא, טאָמער ווערט אַן אַנדערער ביים עולם חשובער פאַר אים, דעם בעל דעה. אַזוי האָט אויך שאול מורא געהאַט, אַז דאָס פאָלק זאָל ניט אָפּנעמען די מלוכה ביי אים און עס איבערגעבן דודן. דעריבער האָט ער אָנגעהויבן אים רודפן, און האָט אפילו געוואָלט אים טויטן. סוף־כל־סוף איז דוד אַנט־לאָפן געוואָרן און האָט זיך באַהאַלטן אין מדבר. אַהין זיינען גע־קומען צו אים זיינע קרובים און אַ סך אַנדערע מענטשן, וואָס זיינען ניט געווען צופרידן מיטן קיניג, אַזוי האָט זיך אַרום דודן צונויפגעקליבן אַ היפשער חיל.

נאָך שאולס טויט האָט דער שבט יהודה באַלד אויסגע־קליבן דודן פאַר אַ קיניג, און אין עטלעכע יאָר אַרום זיינען צו אים צוגעשטאַנען די איבעריקע שבטים פון ישראל. דער קיניג האָט אין יענער צייט באַדאַרפט זיין דער גרעסטער קריגס־העלד, און קיין גרעסערער העלד איז דעמאָלט אין ישראל ניט געווען, דעריבער זיינען אַלע געווען מסכים צו נעמען דודן פאַר זייער קיניג.

געוואָרן אַ קיניג, האָט דוד ווייטער געפירט מלחמות מיט די פלשתים און אַנדערע שכנישע פעלקער. שאול האָט, דער עיקר, געזאָרגט צו פאַרטיידיקן די בני־ישראל קעגן די פלשתים, אַז די שונאים זאָלן ניט צונעמען קיין יידיש לאַנד. דוד האָט

זיך דערמיט ניט באַנוגנט. ער האָט אויך איינגענומען נייע שטעט און נייע לענדער. טייל שטעט האָט ער פאַר־איינִיקט מיט די נחלאות פון ישראל, אויף אַן אַנדער טייל פון די באַזיגטע פעלקער האָט ער אַרויפגעלייגט צו צאָלן צינז. פון דעם קריגס־רויב און פון דעם צינז איז דוד רייך געוואָרן, און ער האָט שוין געקאָנט אויסהאַלטן אַרום זיך אַ גרעסערן חיל, ווי שאול. די דאָזיקע קריגס־לייט פלעגן שוין ניט אַרבעטן, נאָר זיי פלעגן זיך שטענדיק געפינען אַרום קיניג, וואָס פלעגט זיי צאָלן שכירות פון דעם רויב אָדער פונם צינז, וואָס ער פלעגט נעמען ביי די אונטערטעניגע פעלקער. ער פלעגט זיי אויך אַוועקגעבן פעלדער, גערטנער און אַנדערע נחלאות פון די באַ־זיגטע פעלקער און שבטים. אין זיין חיל זיינען געווען גרויסע העלדן, און צווישן זיי דער גרעסטער—יואָב בן צרויה, דער שר צבא, אָדער קריגס־הויפּטמאַן פון קיניג. טיילמאָל פלעגט שוין איצט דער קיניג אַליין ניט גיין אויף מלחמה, נאָר פלעגט שיקן פאַר אַן אָנפירער דעם שר צבא יואבן. אַ סך שטעט האָט יואָב איינגענומען און אַ סך פעלקער אונטערטעניק געמאַכט.

צווישן אַלע שטעט, וואָס דוד המלך האָט איינגענומען, איז געווען די גרעסטע ירושלים. דאָס איז געווען אַן אַלטע שטאָט, וואָס איז געווען אויסגעבויט אויפן הויכן אומצוטריטלעכן באַרג ציון. אַרום האָבן שוין עטלעכע הונדערט יאָר געוואוינט בני־יהודה, נאָר אין שטאָט האָבן זיי ניט געקאָנט אַריינקומען. די כנענים, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט, האָבן זיך באַהאַלטן הינ־טער די גרויסע פעלזן־שטיינער, וואָס אַרום שטאָט, און האָבן קיינעם ניט אַריינגעלאָזט. נאָך אַ שווערער מלחמה האָט דוד מנצח געווען די יבוסים, די בעלי־בתים פון שטאָט, און האָט זיי איינגענומען.

דודן איז די שטאָט ירושלים שטאַרק געפעלן געוואָרן, און

ער האָט זי געמאַכט פאַר דער הויפּטשטאָט פון זיין מלוכה. בכדי צו מאַכן ליב די נייע הויפּטשטאָט אין די אויגן פון גאַנצן פאָלק, האָט דוד איבערגעפירט אַהין דעם הייליקן אָרון פון גאָט. דאָס איבערפירן איז געמאַכט געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד, און דער קיניג אַליין איז געגאַנגען פאָראויס און האָט געזונגען און געטאַנצט אינאיינעם מיטן גאַנצן פאָלק. זינט יענער צייט איז טאַקע ירושלים געוואָרן די הייליקע שטאָט פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל. אויף די גרויסע ימים-טובים פלעגט דאָס פאָלק פון אַלע עקן לאַנד זיך צונויפקומען אַהין, און די הייליקייט פון דער שטאָט ירושלים איז אויף שטענדיק געבליבן אין זכרון פון יידישן פאָלק, און נאָך ביז היינטיקן טאָג ווערט זי דערמאָנט אין זיינע תפלות.

דער שטייגער לעבן און די פּרנסות פון די יידן.

אין דודס צייט איז שוין דאָס גאַנצע פאָלק כמעט באַשטאַנען פון איינגעזעסענע פּויערים. זיי פלעגן זיך פאַרנעמען מיט באַאַרבעטן די ערד, בהמות האָדעווען, פלאַנצן סעדער און וויינגערטנער. דער גרעסטער טייל איינוואוינער האָבן געהאַט אייגנס כמעט אַלצדינג, אין וואָס זיי האָבן זיך דעמאָלט גענויטיקט. אַלצדינג, וואָס זיי האָבן נויטיק געהאַט אין דער בעל-הבתישקייט, פלעגן זיי זיך מאַכן אַליין, ניט נאָר שפּייז און געטראַנקען, נאָר אויך קליידער און שיך און דאָס הילצערנע אַקערגעצייג. די איינציקע בעלי-מלאכות זיינען געווען טעפּערס און שמידן, וואָס פלעגן אויסאַרבעטן געווער. קויפן האָבן די יידן באַדאַרפט ווייניק. דערפאַר איז קיין האַנדל כמעט אין לאַנד ניט געווען, און אין די שטעט זיינען געווען ווינציק סוחרים און בעלי-מלאכות.

די יידישע שטעט זיינען געווען פעסטונגען, וואָס דאָרט האָט מען זיך געקאָנט באַהאַלטן, ווען שונאים פלעגן אָנפאַלן. די שטעט פלעגן זיין געבויט אויף שפּיצן בערג און אַרומגע־רינגלט מיט מויערן. דער גרעסטער טייל פון די בני־ישראל האָבן געוואוינט אין דערפער, און ווי נאָר אַ סכנה—פלעגן באַלד אַלע איינוואוינער פון די דערפער זיך לאָזן לויפן אין שטאָט אַריין.

אַ דאַנק דעם וואַרימען קלימאַט, פלעגן די יידן שטענדיק פאַרברענגען אונטערן פרייען הימל. זיי פלעגן זיך בויען קליינע הייזלעך פון ליים מיט אַן ערדערנער דיל, און די פענסטער פלעגן זיי, אַנשטאָט גלאָז, פאַרשלאָגן מיט הילצערנע גראַטעס. אָפּטמאָל פלעגט אין הייזל, אינאיינעם מיט די בעלי־בתים, זיין אַן אָרט אויך פאַר די שאָף און ציגן. קיין מעבל האָבן די פויערים גאָר ניט געהאַט. אַלע פלעגן שלאָפן אויפן דיל און עסן, זיצנדיק אויף דער ערד, פון איין שיסל. מער ניט רייכע לייט האָבן גע־האַט בעטן, טישן און שטולן.

די פויערים און זייערע ווייבער פלעגן טראָגן לאַנגע העמ־דער פון וואָל אָדער ליין. די העמדער פון די פרויען זיינען גע־ווען ברייטער און מיט אַרבל. אויף דער גאַס פלעגן אַלע אָנ־טאָן אַ פירעקעדיק שטיק טוך מיט עפענונגען אַנשטאָט אַרב־לען. די דאָזיקע פלאַכטע (שמלה) האָט אויך געדינט אויף צו־דעקן זיך ביינאַכט; ביי דער אַרבעט פלעגט מען עס אויסטאָן. דעם קאָפּ פלעגן די יידן אַרומוויקלען מיט אַ שטיק געוואַנט, און אויף די פיס פלעגן זיי אָדער טראָגן סאַנדאַלן, אָדער זיי זיינען געגאַנגען באָרועס. זייער געוויינלאַכע שפּייז איז געווען ברויט, מילך, ציבעלע, קנאָבל, טייטלען, איילבערטן און אַנדערע פרוכטן און גרינסן; פלייש פלעגן זיי עסן נאָר אין די גרויסע ימים־טובים.

אפילו די רייכע יידן האָבן געלעבט זייער פשוט. זיי פלעגן זיך אויסבויען נידעריקע הייזלאַך פון צוויי-דריי חדרים און מיט אַ פלאַכן דאַך; אויפן דאַך פלעגט מען זיך אויסרוען פאַרנאַכט נאָכן הייסן טאָג.

דעם קיניג שאולס הויז האָט זיך ווייניק-וואָס אָפּגעשיידט פון די הייזער פון די יידישע עשירים. דודן אָבער האָט אַזאַ הויז אויסגעוויזן פאַר צו אָרים און קליין. דעריבער האָט ער גע-וואָלט זיך אויפבויען אַ פּאַלאַץ. פונס צינז, וואָס דוד פלעגט נע-מען ביי די באַזיגטע פעלקער, האָט זיך אָנגעקליבן ביי אים אַ סך זילבער און גאָלד. נאָר צווישן יידן זיינען ניט געווען קיין געשיקטע בוימייסטערס. דערפאַר האָט מען געמוזט אַראָפּ-ברענגען מייסטערס פון פעניקיע. פון דאָרט האָט מען אויך געבראַכט צו פירן די גרויסע צעדערבוימער פון לבנון, וואָס פון זיי איז דער פּאַלאַץ אויסגעבויט געוואָרן.

די יידן, וואָס זיינען צו רייכקייט ניט געוואוינט געווען, האָט דער קיניגלעכער פּאַלאַץ, וואָס איז געווען באַדעקט מיט קונציקע שניצערייען און פאַרצירונגען פון קופּער, אויסגעוויזן צו זיין גאָר גרויסאַרטיק. אויך דעם קיניגס פּוץ, די וואָפן און די קליידער פון קיניג און פון זיינע מקורבים האָט זיך זיי גע-דוכט פאַר זייער שיין און רייך. אַ סך פון זיי האָבן געקלערט, אַז אין ערגעץ איז ניטאָ נאָך אַזאַ עשירות אויף דער וועלט. אין דער אמתן האָבן די מלכים פון מצרים, פעניקיע און בבל אין יענער צייט געלעבט אַ סך רייכער פאַר דוד המלך.

דער אינווייניקסטער סדר.

נאָכדעם ווי עס האָבן אויפגעהערט די אָנפאַלן פון די שכנים, און די יידישע מלוכה האָט זיך געהאַט אינגאַנצן איינגעפעסטיקט, האָט דער קיניג דוד אָנגעהויבן זאָרגן וועגן ברענגען אַ סדר אין די אינווייניקסטע ענינים פון דער מלוכה. אין ירושלים,ביים קיניגס הויף, זיינען געווען געשטעלט יועצים און שרים, וואָס האָבן באַדאַרפט געבן השגחה איבער אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. אין די איבעריקע שטעט איז די הנהגה געווען, פונקט ווי פריער, אין די הענט פון די זקנים. די זקנים פלעגן משפטן די איינוואוינער פאַר גנבות, גזלות, רציחות און אַנדערע פאַרברעכנס. דער קיניג דוד פלעגט אַליין אויך אָפּט-מאָל משפטן דאָס פאָלק. אויב עמיץ איז ניט געווען צופרידן מיטן פסק פון די זקנים, ווען אים פלעגט אויסדוכטן, אַז די זקנים האָבן ניט ריכטיק געמשפט, פלעגט ער דעמאָלט גיין צום קיניג און בעטן, ער זאָל אַליין משפטן.

אין דער צייט פון דוד המלך האָבן יידן זיך אויסגעלערנט שרייבן. דוד האָט געהאַט ביי זיך אַ שרייבער, וואָס פלעגט פאַר-שרייבן אַלע וויכטיקע געשעענישן, וואָס האָבן פאַסירט אין דער צייט פון זיין רעגירונג. געשריבן האָט מען אין יענער צייט, ווי די בבלים און אשורים, אויף ליימענע טאָוולען, מיט שטייענ-דיקע און ליגנדיקע פאַסיקלאַך, מיטן כתב, וואָס ווערט אָנגערופן קלינעס-שריפט.

12.

סיפּורים פון תנ"ך וועגן דוד המלך

דוד און גלית.

די פלשתים האָבן צונויפגעקליבן זייערע מחנות אויף מלחמה. און די פלשתים זיינען געשטאַנען אויף אַ באַרג פון איין זייט, און ישראל זיינען געשטאַנען אויף אַ באַרג פון דער אַנדער זייט, און דער טאָל איז צווישן זיי. און עס איז אַרויס־געגאַנגען אַ מאַן צום צוויי־קאַמף פון די מחנות פון די פלשתים, זיין נאָמען איז געווען גלית. און אַ קופּערנער קיווער איז געווען אויף זיין קאָפּ, אין אַ פּאַנצער פון שופּן איז ער געווען אָנגע־טאָן, און די וואָג פונם פּאַנצער איז פינף טויזנט שקל קופּער. און קופּערנע בלעכן אויף זיינע פיס, און אַ שפּיז פון קופּער אויף זיינע אַקסלען; און דער שילד־טרעגער איז געגאַנגען פאַר אים. און ער האָט זיך געשטעלט און גערופן צו די שלאַכט־רייען פון ישראל און געזאָגט צו זיי: „דאָס זייט איר אַרויסגעגאַנגען צו פירן מלחמה? בין איך דען ניט אַ פלשתי, זייט איר דען ניט שאולס קנעכט? קלייבט זיך אויס אַ מענטשן, זאָל ער אַראָפּ־נידערן צו מיר, אויב ער וועט קאָנען מיט מיר מלחמה האַלטן און ער וועט מיך שלאָגן, וועלן מיר זיין אייערע קנעכט, און אויב איך וועל אים בייקומען און וועל אים שלאָגן, וועט איר זיין אונזערע קנעכט און וועט אונז דינען".

און די לייט פון ישראל האָבן געזאָגט: „האָט איר געזען אָט דעם מענטשן, וואָס גייט אַרויף? ער גייט אַרויף נאָר צו לעסטערן ישראל". און דוד האָט געזאָגט צו די מענטשן, וואָס

שטייען אַרום אים: „וואָס וועט געשען מיט דעם מאַן, וואָס וועט שלאָגן דעם פּלשתי און וועט אַראָפּנעמען א שאַנד פון ישראל?“ אַז מען האָט דערהערט דודס רייד, האָט מען זיי דערציילט שאולן, און ער האָט אים געלאָזט ברענגען צו זיך. האָט דוד געזאָגט צו שאולן: „אַ מענטשנס האַרץ דאַרף ניט איינפאַלן; דיין קנעכט וועט גיין און מלחמה האַלטן מיטן דאָזיקן פּלשתי“.

און שאול האָט אָנגעטאָן דודן זיינע קריגס־קליידער, אַרויפגעלייגט אים אויפן קאָפּ אַ קופּערנעם קיווער און אָנגעקליידט אים אין אַ פּאַנצער. און דוד האָט זיך אָנגעגורט אַ שווערד איבער די קריגס־קליידער, נאָר ס'איז אים שווער געווען צו גיין, ווייל ער איז ניט געווען געוואוינט. האָט דוד געזאָגט צו שאולן: „איך קאָן דערין ניט גיין, ווייל איך בין ניט געוואוינט“. און דוד האָט דאָס אויסגעטאָן. און ער האָט גענומען זיין שטעקל אין האַנט און האָט זיך אויסגעקליבן פינף גלאַטע שטיינער פון טייכל און האָט עס אַריינגעלייגט צו זיך אין זעקל, און מיט זיין שליידער־האָלץ אין האַנט האָט ער גענענט זיך צום פּלשתי.

און דער פּלשתי איז אַרויסגעטראָטן און גענענט זיך צו דודן, און דער שילד־טרעגער פאַר אים. און דער פּלשתי האָט אַ קוק געטאָן און דערזען דודן, איז ער אים אויסגעקומען נישטווערדיק אין זיינע אויגן, וואָרים ער איז געווען יונג און שיין פון געשטאַלט. נאָר דוד איז געשווינד געלאָפן צו דער ריי אַנטקעגן דעם פּלשתי. און ער האָט אַראָפּגעלאָזן זיין האַנט אין זעקל, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ שטיין, געוואָרפן עס מיטן שליידער־האָלץ און געטראָפן דעם פּלשתי אין שטערן. איז דער שטיין איינגעזונקען אין זיין שטערן, און ער איז אַנידערגעפאַלן מיטן פנים אויף דער ערד, און דוד איז צוגעלאָפן, האָט זיך געשטעלט לעבן פּלשתי, גענומען זיין שווערד און אַרויסגעצויגן פון איר שייד און אים דערהרגעט און אַראָפּגעשניטן מיט איר זיין קאָפּ.

און אַז די פּלשתים האָבן געזען, אַז זייער גבור איז געשטאָרבן, זיינען זיי אַנטלאָפן געוואָרן.

און אַז דוד איז געקומען צוריק פון צו שלאָגן דעם פּלשתי, זיינען אַרויסגעגאַנגען די פרויען פון אַלע שטעט פון ישראל צו זינגען און צו טאַנצן אַנטקעגן דעם קיניג שאול מיט פויקן און מיט פרייד און מיט צימבלען. און די פרויען די שפּילערינס האָבן געזונגען און געזאָגט: „געשלאָגן האָט שאול אין די טויזנטער, און דוד אין צענדליקער טויזנטער". שאולן האָט דאָס פאַרדראָסן זייער, און עס איז אים ניט געפעלן געוואָרן. פון יענעם טאָג אָן האָט שאול געקוקט קרום אויף דודן. נאָר גאַנץ ישראל האָט ליב געהאַט דודן.

און עס איז ווידער געוועזן אַ מלחמה, און דוד איז אַרויסגע־טראָטן און האָט מלחמה געהאַלטן מיט די פּלשתים און האָט זיי געשלאָגן אַ גרויס געשלעג, און זיי זיינען אַנטלאָפן פאַר אים. האָט שאול געשיקט שלוחים צו דודס שטוב, אים אויפצופּאַסן און צו טויטן אינדערפרי. האָט געזאָגט צו דודן זיין פרוי מיכל: „אויב דו וועסט ניט אַנטרונען ווערן היינט ביינאַכט, וועסטו מאָרגן זיין געטויט". האָט מיכל אַראָפּגעלאָזן דודן דורכן פענס־טער, און ער איז אַנטלאָפן און אַנטרונען געוואָרן.

דוד אין מדבר.

דוד איז אַוועק פון דאָרט און איז אַנטרונען געוואָרן אין הייל פון עדולם. און עס האָבן דערהערט זיינע ברידער, דאָס גאַנצע הויזגעזינט פון זיין פאָטער, און זיי האָבן אַראָפּגענידערט צו אים. און עס האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי אים אַלע באַדריקטע און איטלעכער, וואָס איז אַ בעל־חוב, און איטלעכער מיט אַ

פאַרביטערטער נשמה, און ער איז געווען איבער זיי אַ הויפּט־מאַן; ביי אים זיינען געווען ביז פיר הונדערט מאַן.

און דוד האָט דערהערט אין מדבר, אַז נבל שערט זיינע שאָף. האָט דוד געזאָגט צו די יונגען: „גייט צו נבלן און גריסט אים אין מיין נאָמען און זאָגט צו אים: „שלום צו דיר און צו דיין הויזגעזינד און צו אַלץ וואָס דיין. איך האָב געהערט, אַז מען שערט ביי דיר. זע, דיינע פּאַסטיכער זיינען געווען ביי אונז—מיר האָבן זיי ניט באַליידיקט, און ביי זיי האָט גאָרנישט אויסגעפעלט, פרעג דיינע יונגען, און זיי וועלן דיר זאָגן. איצט בעט איך דיך, גיב וואָס ביי דיר אונטער דער האַנט געפינט זיך, פאַר דיינע קנעכט און פאַר דיין זון דודן". זיינען געקומען דודס יונגען און האָבן גערעדט צו נבלן אָט די אַלע רייד. האָט נבל געענטפערט דודס קנעכט: „ווער איז דאָס דוד און ווער איז בן ישי? היינט זיינען פאַראַן אַ סך קנעכט, וואָס אַנטלויפן פון זייערע האַרן; זאָל איך נעמען מיין ברויט און מיין וואַסער און מיין געקעכטס, וואָס איך האָב געמאַכט פאַר מיינע שערער, און עס אָפּגעבן מענטשן, וואָס איך ווייס ניט, פונוואַנען זיי זיינען?"

האָבן דודס יונגען זיך אומגעקערט צוריק זייער וועגס און זיינען געקומען און דערציילט אים די דאָזיקע רייד. האָט דוד געזאָגט צו זיינע מענטשן: „גורט זיך אָן איטלעכער זיין שווערד". האָבן זיי זיך אָנגעגורט זייערע שווערדן, און אויך דוד האָט זיך אָנגעגורט זיין שווערד, און עס זיינען געגאַנגען נאָך דודן ביז פיר הונדערט מאַן, און צוויי הונדערט זיינען געבליבן ביי די זאַכן.

אַביגילן, נבלס פרוי, האָט דערציילט איינער פון די יונגען אַזוי צו זאָגן: „עס האָט געשיקט דוד שלוחים פונם מדבר צו גריסן אונזער האַר, און ער האָט זיי אָפּגעשטויסן. די מענטשן זיינען צו אונז גוט געווען. מיר זיינען ניט באַליידיקט געוואָרן,

און אונז האָט קיין זאַך ניט אויסגעפעלט די גאַנצע צייט, ווען מיר זיינען געגאַנגען מיט זיי, ווען מיר זיינען געווען אין פעלד. אָבער איצט וויים און זע, וואָס צו טאָן, וואָרים עס וועט אויס־גיין שלעכט צו אונזער האַר און צו זיין גאַנצן הויזגעזינד".

האָט אביגיל געשווינט גענומען צוויי הונדערט לאַבנס ברויט, צוויי לאגלן וויין, פינף פאַרטיקע געמאַכטע שעפּסן, פינף סאה געטריקנטע זאַנגען, הונדערט בינטלעך ראָזשינקעס מיט צוויי הונדערט געטריקנטע פייגן און האָט עס אַלץ אַרויפגע־לייגט אויף איר אייזל. דאַן האָט זי געזאָגט צו אירע יינגן: „גייט איר פאָראויס, און איך קום נאָך אייך". און עס איז געווען, אַז ווען זי האָט געריטן אויף איר אייזל און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין באַהעלטעניש פון באַרג, זיינען דוד און זיינע מענטשן איר געקומען אַנטקעגן.

אַז אַביגיל האָט דערזען דודן, איז זי געשווינד אַראָפּ פון אייזל און איז געפאַלן פאַר דודן אויפן פנים און האָט זיך געבוקט ביז צו דער ערד. און דוד האָט געזאָגט צו אַביגילן: „געבענטשט זאָלסטו זיין, וואָס דו האָסט מיך אָפּגעהאַלטן היינט פון צו פאַר־גיסן בלוט און פון זיך צו העלפן מיט דער אייגענער האַנט. אויב דו וואָלסט ניט געאיילט זיך און געקומען מיר אַנטקעגן, וואָלט ביי נבלן ניט געבליבן ביזן פרימאָרגן אפילו קיין הונט ניט". און דוד האָט צוגענומען פון איר, וואָס זי האָט אים געבראַכט, און האָט צו איר געזאָגט: „גיי געזונטערהייט אַהיים. זע, איך פאָלג דיך און בין מוחל צוליב דיר".

דוד ווערט קיניג.

און עס איז געווען נאָך שאולס טויט, איז געקומען אַ מאַן פון שאולס לאַגער, און זיינע קליידער זיינען געווען צעריסן, און ערד איז געווען אויף זיין קאָפּ. אַז ער איז געקומען צו דודן,

שמואל זאלבט דודן פאר א מלך

איז ער געפאַלן אויף דער ערד און האָט זיך געבוקט, און דוד האָט צו אים געזאָגט: "פונוואַנען קומסטו?" האָט ער צו אים געזאָגט: „פונם לאַגער פון ישראל בין איך אַנטרונען געוואָרן". זאָגט צו אים דוד: „וואָס איז געשען? זאָג מיר!" האָט ער געזאָגט: „דאָס פאָלק איז געלאָפן פון דער מלחמה. און אויך אַ סך זיינען געפאַלן פון פאָלק און זיינען געשטאָרבן, און אויך שאול און זיין זון יהונתן זיינען טויט". האָט דוד אָנגעכאַפּט זיינע קליידער און האָט זיי צעריסן, און אויך די מענטשן, וואָס זיינען געווען מיט אים האָבן דאָס געטאָן און זיי האָבן געקלאָגט און געוויינט און געפאַסט ביזן אָוונט אויף שאולן און אויף יהונתנן זיין זון און אויף גאַנץ פאָלק און אויפן הויז ישראל, וואָס זיינען געפאַלן דורכן שווערד.

און דוד האָט באַקלאָגט מיטן דאָזיקן קלאָג-ליד שאולן און יהונתנן זיין זון:

דיין שיינקייט, ישראל, איז געשלאָגן אויף דיינע בערג!
ווי זיינען די העלדן געפאַלן!
דערציילט ניט אין גת,
זאָגט די בשורה ניט אָן אין די גאַסן פון אַשקלון,
עס זאָלן ניט פרייען זיך די פלשתימס טעכטער,
ניט לוסטיק זיין די טעכטער פון די ערלים.
איר, בערג פון גלבוע!
זאָלן קיין טוי און קיין רעגן אויף אייך ניט זיין
—איר טויטן-פעלדער!
וואָרים דאָרט ליגט באַשמוצט דער שילד פון די העלדן,
שאולס שילד, מיט אייל ניט געשמירט...

זיינען געקומען מענער פון יהודה און געזאַלבט דודן פאַר אַ קיניג איבערן הויז יהודה. און עס זיינען געקומען אַלע שבטים פון ישראל צו דודן קיין חברון און האָבן געזאָגט: „מיר

זיינען דיין ביין און פלייש. נאָך נעכטן און איירנעכטן, אַז שאול איז געווען אַ קיניג איבער אונז, ביסטו עס געווען, ווער עס האָט אַרויסגעפירט ישראל אין שלאַכט און געבראַכט צו־ריק". און זיי האָבן געזאַלבט דודן פאַר אַ קיניג איבער ישראל.

דער אָרון ווערט איבערגעטראָגן קיין ירושלים.

און עס איז אויפגעשטאַנען דוד און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס מיט אים, און זיינען געגאַנגען צו ברענגען דעם אָרון פון גאָט.

און עס איז געווען, אַז די טרעגער פונם אָרון פון גאָט האָבן געשטעלט זעקס טריט, האָט ער געשאָכטן אַן אָקס און אַ פעטן קאַלב. און דוד האָט געטאַנצט מיט זיין גאַנצן כוח פאַר גאָט. און דוד און דאָס גאַנצע הויז ישראל טראָגן דעם אָרון פון גאָט מיט שאַלן און טרומייטן־שפּיל.

און זיי האָבן געבראַכט דעם אָרון פון גאָט און האָבן אים אַוועקגעשטעלט אויף זיין אָרט אין געצעלט, וואָס דוד האָט אויפ־געשלאָגן. און דוד האָט געבראַכט עולות פאַר גאָט און שלמים. אַז דוד האָט געענדיקט ברענגען די עולות און שלמים, האָט ער געבענטשט דאָס פאָלק אין נאָמען פון גאָט פון די חילות. און ער האָט צעטיילט צווישן פאָלק, צווישן אַלע צונויפגעקליבענע פון ישראל, מענער און פרויען, איטלעכן צו איין לאַבן ברויט, צו איין שטיק געבראָטנס און צו איין זיסן פלאָדן. און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַוועק, איטלעכער אין זיין היים.

13.

די צייט פון שלמה המלך.

(970—933).

דער קיניג שלמה.

זיין קינדהייט און יוגנט-צייט האָט שלמה פאַרבראַכט גאַר אַנדערש, ווי זיין פאָטער דוד. שלמה האָט קיין מאָל ניט גע-וואוסט פון קיין נויט און דאגות. ער האָט ניט באַדאַרפט שטענ-דיק בייקומען סכנות און איינשטעלן שטענדיק זיין לעבן אין קאָן. ער איז אויסגעוואַקסן אין רייכקייט און לוקסוס, ווי אַ קי-ניגס אַ זון. ער האָט שוין ניט געהאַט דודס חשק צו פירן מלחמות. ער האָט געשטרעבט צו שלום און אויסגעמיטן קריג.

אין יענער צייט צייט זיינען אַלע שכנישע פעלקער אַרום געווען רואיק. עטלעכע האָט דוד המלך געהאַט אונטערטעניג געמאַכט, און זיי האָבן געצאָלט צינז. אַנדערע ווידער האָבן בעסער ניט געוואָלט מלחמה פירן מיט די יידן און האָבן געזוכט דעם קיניגס פריינטשאַפט. אַזוי האָט שלמה געקאָנט קיניגן בשלום. מחמת דעם האָבן יידן געפילט זיך רואיק און זיכער און זיינען זיך געזעסן „איטלעכער אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים“.

די פרנסות.

אין שלמה המלכס צייטן האָבן שוין יידן פאַרנומען זיך ניט נאָר מיט ערד-אַרבעט, מיט גערטנעריי און ווייַנשטאָק-פלאַנצונג, נאָר אויך מיט מלאכות. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אויסצואַר-

בעטן פאַרשיידענע זאַכן, וואָס זיינען נויטיק אין אַ בעל-הבתיש־קייט—פאַרשיידענע כלים, געצייג, לייוונט. חוץ שמידן און טעפּערס, באַווייזן זיך איצט וועבערס, בוימייסטערס און אַנדערע בעלי־מלאכות. עס איז אויך געוואָרן גרעסער די צאָל סוחרים און הענדלער.

די מצרים, בבלים און פעניקיער פלעגן שוין פון גאָר אַלטע צייטן בייטן זיך צווישן אַנאַנד מיט פאַרשיידענע סחורות. פּאַלעסטינע געפינט זיך אויפן וועג צווישן מצרים און בבל, צווישן פעניקיע און אַראַביע. דורך פּאַלעסטינע האָבן זיך געצויגן די גרויסע שליאַכן, וואָס איבער זיי פלעגן די פעניקישע און עגיפּטישע סוחרים פאָרן קיין בבל און קיין אַראַביע, און פאַרקערט. איבער די וועגן פון פּאַלעסטינע פלעגן שטענדיק זיך ציען קאַראַוואַנעס, באַלאָדן מיט טייערע סחורות, מיט פאַרביקע געוועבן, טעפּיכער, געווער, מיט גאָלד און איידעלע שטיינער, מיט געווירצן און שמעקעדיקע אייל. אויף די וועגן זיינען געווען אויסגעבויט שפּייכלערס אויף אָפּצולייגן די סחורות, און אַכסניות פאַר די סוחרים אויף אָפּצורוען זיך און זייערע קעמלען. אָט פון די דאָזיקע שכנים האָבן די יידן זיך אויסגעלערנט האַנדלען. זיי האָבן געהאַט ווייץ און בוימל מער, ווי זיי האָבן אַליין געקאָנט פאַרברויכן. דערפאַר האָבן זיי געפעלט די קונציקע אויסאַרבעטונגען פון די בבלישע און פעניקישע בעלי־מלאכות. פלעגן די יידן אָפּגעבן זייער ווייץ און בוימל און באַקומען דערפאַר געווער, כלים, געוואַנט, העלפאַנדביין און אַנדערע טייערע זאַכן.

דער האַנדל איז אין יענע צייטן געווען אַ היבשע איינשטעלעניש. אויף די קאַראַוואַנעס, וואָס פלעגן דאַרפן דורכגיין מדבריות און ווילדע וועלדער, פלעגן אַמאָל אָנפאַלן רויבער, צונעמען דאָס גוטס און די סוחרים גופא אויסהרגענען. נאָר דער מסחר האָט געגעבן גוטע פאַרדינסטן. און דעריבער האָבן

דרייסטע מענטשן זיך פאַרט גענומען פאַר האַנדל. פון יאָר צו יאָר איז דער האַנדל אַלץ גרעסער געוואָרן. עס האָט געהערשט שלום. די וועגן זיינען געווען זיכער, און סוחרים האָבן ווינציקער געהאַט וואָס מורא צו האָבן פאַר רויבער.

יידן האָבן אויך אָנגעהויבן צו לאָזן זיך, אינאיינעם מיט די פעניקיער, איבערן ים אויף שיפן קיין אינדיע און אַראַביע. אין יענער צייט האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ סך מוט און דרייסטקייט, בכדי זיך צו לאָזן אויף אַזעלכע ווייטע נסיעות איבער ימים. די האַנדלסשיפן פלעגן געוויינלעך זיין אויף דער רייזע דריי יאָר, און ניט איטלעכער סוחר האָט זיך איינגעשטעלט צו פאַרלאָזן זיין היים אויף אַזאַ לאַנגער צייט. דערפאַר אָבער פלעגן זיי פון יענע ווייטע לענדער ברענגען צו פירן העלפאַנדביין, גאָלד, איידעלע שטיינער, ווייראַך, און פלעגן ווערן גרויסע עשירים.

די אינווייניקסטע אָרדענונגען.

שלמה המלך האָט איינגעטיילט די מלוכה אויף צוועלף פראָווינצן. אין איטלעכער פראָווינץ האָט געוואוינט דעם קיניגס אַ פאַרוואַלטער, וואָס ער האָט געהאַט צונויפצוקלייבן די אָפּצאָלונגען פון דער באַפעלקערונג. השגחה געגעבן אויף דער אָרדענונג האָבן, ווי פריער, די זקנים. זיי האָבן געמשפט די איינוואוינער פון שטאָט און פון די אַרומיקע דערפער פאַר גנבות, רציחות און אַנדערע פאַרברעכנס.

דער מנהג פון בלוטיקער נקמה איז נאָך דעמאָלט געווען אָנגענומען ביי די יידן, און דער פאָטער, זון אָדער ברודער פון אַ דערהרגעטן איז געווען מחויב צו נעמען נקמה פאַרן טויט פון זיין קרוב. יידן האָבן געגלויבט, אַז דאָס בלוט, וואָס איז ניט

אויסגעלייזט געוואָרן דורך נקמה, שרייט צום הימל אַרויף, און אַז אויף אַלע איינוואוינער פון אַ שטאָט אָדער דאָרף, וואו מען האָט געהרגעט אַ מענטשן, וועט קומען גאָטס שטראָף. נאָר אין שלמהס צייטן פלעגט די גאַנצע משפחה פונם רוצח שוין מער ניט אַרויסטרעטן צו פאַרטיידיקן אים, ווי דאָס פלעגט זיין אין פריערדיקע צייטן. דערפאַר פלעגט אויך די פיינטשאַפט צווישן משפחות ניט אַזוי לאַנג געדויערן. אָנשטאָט אַליין זיך צו רעכענען מיטן פאַרברעכער, הייבט מען אָן אַלץ אָפטער צו ווענדן זיך צום משפט פון די זקנים. ביזן משפט האָט אַ רוצח געקאָנט זיך באַהאַלטן ביים מזבח. דאָרט האָט קיינער אים ניט געטאָרט אָנרירן, ביז דער שופט פלעגט אַרויסטראָגן זיין פסק.

דער משפט פלעגט פאָרקומען ביי די טויערן פון שטאָט. די זקנים פלעגן זיצן, און די איינוואוינער פלעגן שטיין אַרום. די זקנים האָבן זיך געמיט צו דערגיין, ווי אַזוי די רציחה איז געשען. זיי פלעגן פונאַנדערפרעגן די עדות און דעם באַשול־דיקטן גופא, צי האָט ער דערהרגעט דעם מענטשן במזיד, מיט אַ בייזן ווילן אים צו הרגענען, אָדער דאָס איז געשען בשוגג, ניט אומישנע, אומגעריכטערהייט, ביי אַ געשלעג אָדער מחלוקת. אויב עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער רוצח האָט געהרגעט דעם מענטשן מיטן בייזן ווילן, דעמאָלט פלעגט מען אים אי־בערגעבן דעם דערהרגעטנס נאָנטסטן קרוב, און ער פלעגט אים טויטן. טאָמער־זשע איז עס געווען אַ רציחה דורך אַ צופאַל, דעמאָלט האָבן דעם דערהרגעטנס קרובים גענומען אָן אויסקויף ביים רוצח, און ער איז געווען פריי.

פאַר לעסטערן גאָט, פאַר אומכבוד צו די עלטערן און צום קיניג האָט געקומט טויט־שטראָף. דעם, וואָס מען האָט פאַר־משפט צום טויט, פלעגט מען פאַרשטיינען, און דערביי האָט די גאַנצע עדה געמוזט צולייגן אַ האַנט. דאָס האָט געזאָלט באַ־

טייטן, אַז אַלע נעמען אויף זיך גלייך די אחריות פאַר אָפּטאָן דעם פּסק.

אין געוויסע פאַלן פלעגן די יידן זיך ווענדן מיט זייערע משפּטים צום קיניג גופא. שלמה המלכס פּסק־דינים האָבן געהאַט אַ שם פאַר זייער קלוגע און גערעכטע.

דער לוקסוס ביים קיניגלעכן הויף און דער בנין בית־המקדש.

דער האַנדל האָט פאַרשאַפט רייכטום ניט נאָר די סוחרים אַליין, נאָר אויך דעם קיניגס אוצר, ווייל פון אַלע סחורות, וואָס מען פלעגט אַריינפירן אין ארץ־ישראל, פלעגט מען נעמען אָפּצאָלונגען פאַרן קיניג. חוץ דעם, פלעגט שלמה באַקומען צינז פון אונטערטעניגע פעלקער. אַזוי זיינען זיינע הכנסות געוועזן זייער גרויס. נאָר אויך די הוצאות זיינען שטענדיק געוואַקסן. הגם שלמה האָט קיין מלחמות ניט געפירט, פונדעסטוועגן האָט ער פאַרגרעסערט און אויסגעבעסערט דעם חיל. אין זיינע צייטן האָט מען אָנגעהויבן אַריינצופירן קיין ארץ־ישראל פערד, און ס'האָבן זיך באַוויזן באַוואָפנטע רייטער און רייטוואָגנס. אַ סך געלט איז אַוועקגעגאַנגען אויף אויסצוהאַלטן דעם קיניגלעכן הויף.

שלמה האָט געלעבט אין גרויס לוקסוס. צווישן זיינע פרויען איז געווען אַ טאָכטער פון פרעה און אַ פעניקישע פרינצעסין. די דאָזיקע מלכות זיינען ביי זיך אינדערהיים געווען געוואוינט צו רייכע פּאַלאַצן און גרויסאַרטיקע טעמפּלען. קיין חידוש ניט, וואָס דער באַשיידענער הויף פון ירושלים האָט זיי אויסגעוויזן צו אָרים און ניט פּאַסיק פאַר אַ קיניג. דעריבער האָט שלמה באַשלאָסן אויסצובויען פאַר זיך אַ נייעם פּאַלאַץ און אויך אַ הויז פאַר גאָט, אַ בית־המקדש.

בכדי דאָס אויסצופירן, האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון פּע־ניקיע צעדערן און ציפּרעסן־ביימער, און אויך בוימייסטערס. ייִדן האָבן דערביי געטאָן נאָר די פּראָסטע אַרבעט: זיי פלעגן צופירן די שטיינער און מויערן די פונדאַמענטן און די ווענט.

דער בית־המקדש איז געוואָרן געבויט פון שטיינער. די ווענט פון אינווייניק און די דילן זיינען געווען געדעקט מיט האָלץ. דאָס קדשי־קדשים, דאָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער הייליקער אָרון, איז געווען אָפּגעטיילט פון די איבעריקע חדרים פון בית־המקדש דורך טירן, געמאַכט פון איילבערטן־האָלץ און באַצירט מיט געשניצטע כרובים, פּאַלמען און בלומען. פון ביידע זייטן זיינען געשטאַנען צו פינף מנורות, וואָס האָבן געברענט טאָג און נאַכט. דאָרט האָט זיך אויך געפונען אַ מזבח און אַ גרויסער קופּערנער בעקן, וואָס איז געשטאַנען אויף צוועלף קופּערנע אָקסן; דאָס האָט געהייסן דער קופּערנער ים. ביים אַריינגאַנג אין בית־המקדש זיינען געשטאַנען צוויי קופּערנע זיילן, וואָס זייערע שפּיצן זיינען געווען קיילעכדיק און אַרום־געלייגט מיט קראַנצן פון מילגרוימען.

אַז דער בית־המקדש איז פאַרטיק געוואָרן, איז דער קיניג און דאָס גאַנצע פאָלק געווען נשתומם איבער זיין שיינקייט און פּראַכט. און נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער האָט זיך אויסגעוויזן די ייִדן, אַז אין דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ קיין שענערער בנין, ווי דער בית־המקדש.

14.

סיפּורים פון תנ״ך וועגן שלמה המלך.

שלמהס חכמה.

אַמאָל זיינען געקומען צוויי פרויען צום קיניג און האָבן זיך געשטעלט פאַר אים. האָט איין פרוי געזאָגט: „איך און די דאָזיקע פרוי וואוינען מיר אין איין שטוב און איך האָב געבאָרן אַ קינד. אויפן דריטן טאָג נאָך מיין האָבן, האָט אויך די דאָזיקע פרוי געבאָרן, און מירביידע זיינען איינע אַליין, און קיין פרעמדער איז מיט אונז אין שטוב ניטאָ. איז דאָס קינד פון דער דאָזיקער פרוי געשטאָרבן ביינאַכט, ווייל זי האָט זיך געלייגט אויף דעם. איז זי אויפגעשטאַנען אינמיטן נאַכט, האָט צוגענומען מיין קינד פון מיין זייט — דיין דינסט איז געשלאָפן — און האָט עס געלייגט צו זיך אין שויס, און איר טויט קינד האָט זי געלייגט אין מיין שויס. בין איך אויפגעשטאַנען אינדערפרי צו זויגן מיין קינד, און זע, עס איז טויט. האָב איך זיך איינגעקוקט אין דעם אינדערפרי — איז דאָס ניט קיין קינד, וואָס איך האָב געבאָרן“. האָט די אַנדערע פרוי געזאָגט: „ניין, מיין קינד איז דאָס לעבעדיקע, און דיין קינד איז דאָס טויטע“. און יענע זאָגט: „ניין, דיין קינד איז דאָס טויטע און מיין קינד איז דאָס לעבעדיקע“. אַזוי האָבן זיי גערעדט פאַרן קיניג. האָט דער קיניג געזאָגט: „ברענגט מיר אַ שווערד“. האָט מען געבראַכט דעם קיניג אַ שווערד. און דער קיניג האָט געזאָגט: „שניידט איבער דאָס לעבעדיקע קינד אויף צווייען און גיט אַ העלפט איינער און אַ העלפט דער אַנדערער“. האָט די פרוי, וואָס איר קינד איז דאָס לעבעדיקע, געזאָגט צום קיניג, ווייל זי

האט רחמנות געהאט אויף איר קינד: „גיט איר אפ דאס לע־בעדיקע קינד, נאר טויטן זאלט איר עס ניט טויטן". און יענע זאגט: „זאל עס ניט זיין ניט פאר דיר און ניט פאר מיר — שניידט!" האט דער קייניג געזאגט: „גיט יענער אפ דאס לע־בעדיקע קינד און טויט עס ניט — זי איז זיין מוטער".



שלמה המלכם משפט

שלמה המלכם גרויסקייט.

שלמה האט געהאט צוועלף פארוואלטער איבער גאנץ ישראל, און זיי האבן געשפייזט דעם קיניג און זיין הויזגעזינד; איין חודש אין יאר האט איטלעכער באדארפט צושטעלן שפייז.

שלמה האט געוועלטיקט איבער אלע מלוכות, פונם טייך ביזן לאנד פון די פלשתים און ביז דער גרעניץ פון מצרים; זיי

האָבן געבראַכט געשאַנקען און געדינט שלמהן אַלע טעג פון זיין לעבן. און עס איז געווען שלמהס שפייז אויף איין טאָג: דרייסיק כר זעמל-מעל און זעכציק כר גראָבע מעל, צען רינדער איינגע־פיטערטע און צוואַנציק רינדער פון דער פאַשע און הונדערט שאָף, חוץ הינדנים, הירשן און ווילדע ציגן און געשטאָפּטע פייגלען.

און שלמה האָט געהאַט פערציק טויזנט שטאַלן פאַר פערד פון זיינע רייטוואָגנס און צוועלף טויזנט רייטער. און ער איז געווען קליגער פון אַלע מענטשן און זיין נאָמען איז געווען גרויס ביי אַלע פעלקער אַרום. ער האָט געזאָגט דריי טויזנט משלים, און זיינע לידער זיינען געווען טויזנט און פינף, און מען איז געקומען פון אַלע פעלקער צו הערן שלמהס חכמה, פון אַלע קיניגן פון דער ערד.

דער בנין בית-המקדש.

און חירם דער קיניג פון צור האָט געשיקט זיינע קנעכט צו שלמהן, ווייל ער האָט געהערט, אַז אים האָט מען געזאַלבט פאר א קיניג אָנשטאָט זיין פאָטער; מחמת אַ גוטער פריינט איז געווען חירם דורך אַלע טעג, און שלמה האָט געשיקט צו הירמען אַזוי צו זאָגן: „דו ווייסט וואויל, אַז מיין פאָטער דוד האָט ניט געקאָנט אויפבויען קיין הויז אין נאָמען פון גאָט זיין גאָט איבער דער מלחמה מיט די, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. און איצט האָט גאָט מיין גאָט מיך געלאָזט רוען פון אַרום, ניטאָ קיין שטערער און קיין בייז באַגעגעניש. בכן, וויל איך בויען אַ הויז אין נאָמען פון גאָט מיין גאָט. גיב אַ באַפעל, מען זאָל מיר אָפּשניידן צעדער-בוימער פון לבנון, און מיינע קנעכט וועלן זיין מיט דיינע קנעכט, און דעם לוין פון דיינע קנעכט וועל איך

געבן, ווי דו וועסט זאָגן. דו ווייסט דאָך, אַז ביי אונז איז ניטאָ קיין מענטש, וואָס קאָן האַקן ביימער, אַזוי די די צידונים".

האָט* חירם געגעבן שלמהן צעדער-ביימער און קיפּאַריסן-ביימער, לויט זיין פאַרלאַנג, און שלמה האָט געגעבן חירמען צוואַנציק כר ווייץ צו שפּייז פאַר זיין הויזגעזינד און צוואַנציק כר געפּרעסטן בוימל; אַזוי פלעגט שלמה געבן חירמען פון יאָר צו יאָר. און שלמה האָט אַרויפגעלייגט צינז אויף גאַנץ ישראל, און דער צינז איז געווען דרייסיק טויזנט מאַן. און ער האָט זיי אַוועקגעשיקט קיין לבנון צו צען טויזנט אַ חודש. זיי פלעגן זיך בייטן: אַ חודש פלעגט איטלעכער זיין אויפן לבנון און צוויי חדשים אינדערהיים.

האָט שלמה באַדעקט דאָס הויז פון אינווייניק מיט ריינעם גאָלד און דורכגעצויגן גאָלדענע קייטן פאַרן דביר און האָט אים באַדעקט מיט גאָלד. דאָס גאַנצע הויז האָט ער באַדעקט מיט גאָלד און דעם גאַנצן מזבח, וואָס ביים דביר, האָט ער באַדעקט מיט גאָלד. און ער האָט געמאַכט אין דביר צוויי כרובים פון איילבערטן-האָלץ, צען איילן די הייך, און ער האָט באַדעקט די כרובים מיט גאָלד. און אויף אַלע ווענט פון הויז האָט ער אויס-מאָלט מאָלונגען פון כרובים, פּאַלמע ביימער און אויפגעבליטע קווייטן.

די הייליקונג פון בית-המקדש.

און עס איז פאַרענדיקט געוואָרן די גאַנצע אַרבעט, וואָס דער קיניג שלמה האָט געמאַכט אין גאָטס הויז. האָט שלמה אַריינגעטראָגן די הייליקייטן פון זיין פאָטער דוד, דאָס זילבער און גאָלד, און די כלים און אַלץ אַריינגעלייגט אין די אוצרות פון גאָטס הויז. דעמאָלט האָט שלמה צונויפגעקליבן די עלטסטע

פון ישראל קיין ירושלים, בכדי אַרויפצוברענגען דעם אָרון פון גאָט פון דודס שטאָט.

האָבן זיך צונויפגעקליבן צום קיניג שלמה אַלע מענער פון ישראל, עם זיינען געקומען אַלע עלטסטע פון ישראל. און די כהנים האָבן געטראָגן דעם אָרון און דעם פאַרזאַמלונגס-געצעלט און אַלע הייליקע כלים, וואָס אין געצעלט. און דער קיניג שלמה און די גאַנצע עדה פון ישראל זיינען געשטאַנען פאַרן אָרון און האָבן מקריב געווען שאָף און רינדער, וואָס קאָנען ניט געציילט און באַרעכנט ווערן פון פילקייט.

און די כהנים האָבן אַוועקגעטראָגן דעם אָרון פון גאָט אויף זיין אָרט, אינם דביר פון הויז, אין קודש-הקדשים, אין דאָס הייליקסטע פונם הייליקן, אונטער די פליגלען פון די כרובים. אין אָרון איז גאָרניט געווען, נאָר די צוויי שטיינערנע לוחות, וואָס משה האָט דאָרט אַריינגעלייגט אין חורב.

אַז די כהנים זיינען אַרויסגעגאַנגען פון הייליקן הויז, האָט אַ וואָלקן אָנגעפילט גאָטס הויז. און ניט געקאָנט האָבן די כהנים שטיין און דינען פון וועגן דעם וואָלקן, וואָרים פיל איז געווען גאָטס כבוד אין גאָטס הויז. דעמאָלט האָט שלמה געזאָגט:

גאָט האָט געוואָלט וואוינען אין געדיכטן וואָלקן —
געבויט האָב איך דיר אַ וואוינונגס-הויז,
אַן אָרט פאַר דיין זיצן אויף אייביק.

שלמה המלכס רייכקייט.

האָט דער קיניג געמאַכט אַ גרויסן שטול פון העלפאַנדביין און האָט אים באַדעקט מיט גינגאָלד. זעקס טרעפּלאַך האָט דער שטול, און דאָס אויבערשטע פון שטול איז קיילאַכדיק פון הינטן, און לענען פאַר די הענט פון ביידע זייטן פון געזעס, און

דודס ראט צו זיין זון שלמה

צוויי לייבן שטייען ביי די לענען, און צוועלף לייבן שטייען דאָרט אויף די טרעפּ פון דער זייט און פון יענער זייט, — ס'איז ניט געמאַכט געוואָרן אַזוינס אין קיין קיניגרייך.

און אַלע כלים צום טרינקען זיינען ביים קיניג שלמה פון גאָלד, פון זילבער איז קיין זאַך ניט געווען, ווייל אין שלמהס טעג איז עס געוואָרן גערעכנט פאַר גאָרניט. און גרעסער איז געווען דער קיניג שלמה פון אַלע מלכים פון דער ערד אין רייכ־קייט און חכמה, און דער קיניג האָט געמאַכט דאָס זילבער אין ירושלים, ווי שטיינער.

אומצופרידנקייט מיט דער רעגירונג פון שלמה המלך.

דוד המלך האָט נאָך געלעבט גאַנץ פּשוט, און דער צינז, וואָס ער פלעגט צונויפקלייבן ביי די איינגענומענע פעלקער, האָט געקלעקט אויף אַלצדינג, וואָס די מלוכה האָט באַדאַרפט— אויף אויסהאַלטן דעם קיניגלעכן הויף, דעם חיל און די שרים. נאָר פאַר שלמהן זיינען די פריערדיקע הכנסות ניט געווען גע־נוג. דאָס בויען דעם בית־המקדש און די פּאַלאַצן און פאַרשיי־דענע אַנדערע אויפטוען פונם קיניג האָבן געקאָסט זייער טייער. ער האָט שטענדיק באַדאַרפט האָבן געלט, און ער האָט דערויי־בער אָנגעהויבן נעמען אָפּצאָלונגען פון די בני־ישראל. פון יאָר צו יאָר זיינען די הוצאות פון דער מלוכה אַלץ געוואַקסן, און די אָפּצאָלונגען זיינען אַלץ גרעסער געוואָרן.

דער גרויסער רוב פונם יידישן פאָלק זיינען געווען פּויערים —ערדאַרבעטער, און זיי האָבן מער פון אַלעמען באַדאַרפט צאָלן אָפּצאָלונגען. חוץ דעם, זיינען זיי געווען מחויב צו טאָן אַ סך אַרבעטן פאַרן קיניג: העלפן בויען דעם בית־המקדש, די פּאַ־

לאַצן און כדומה נאָך אַזעלכע זאַכן. אין דערזועלבער צייט אָבער זיינען די פּאַרדינסטן פון די פּויערים געוואָרן אַלץ קלענער, ווייל דעם קיניגס קריגס-לייט און זיינע מקורבים האָבן צוגענומען פאַר זיך אַ סך ערד, און די בעסטע סעדער, וויינגערטנער און פעלדער זיינען געוואָרן דאָס אייגנס פון די יידישע שרים.

אין יענער צייט האָבן יידן נאָך ניט באַוויזן אָפּצוגעוואוינען זיך פון זייער פריערדיקער פרייהייט, ווען ערד איז געווען געמיין און די מוז-אַרבעטן פאַר דער מלוכה זיינען געווען גרינגער. אַלץ שטאַרקער האָבן זיך געלאָזט הערן די טענות קעגן די נייע אָרדענונגען, אָבער שלמה האָט זיך ניט צוגעהערט צו די טענות און פאָדערונגען פון פאָלק. צולעצט איז די אומצופרידנקייט געוואָרן אַזוי גרויס, אַז אַ סך האָבן באַשלאָסן מורד צו זיין קעגן קיניג און פאָדערן, ער זאָל גרינגער מאַכן די אָפּצאָלונגען און דעם דרוק. בראש פון די אומצופרידענע איז געשטאַנען דעם קיניגס אַ באַדינער ירבעם בן נבט.

אַז דער קיניג איז געוואָר געוואָרן וועגן דער מרידה, האָט ער זיך ניט געלאָזט איינשרעקן און האָט באַפוילן צו באַשטראָפן דעם הויפּט-אויפטוער. נאָר ירבעם האָט ניט געוואַרט, אַז מען זאָל אים כאַפּן, און איז אַנטלאָפן געוואָרן קיין מצרים. דאָס פאָלק איז אויך שטילער געוואָרן, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר אַ שווערער שטראָף. די יידן האָבן באַהאַלטן ביי זיך אין האַרצן דעם כעס און האָבן געטאָן די אַרבעט, וואָס איז געווען אַרויפגעלייגט אויף זיי, ווי פריער.

צעטיילונג פון דער מלוכה.

ערשט נאָך שלמהס טויט האָט זיך די אומצופרידנקייט פון פאָלק מיט דעם שווערן יאָך אַרויסגעוויזן אינגאַנצן. שלמה המלכס זון, רחבעם, האָט געמוזט זיך פונאַנדערצאָלן פאַר די

אָרדענונגען, וואָס דער פאָטער זיינער האָט איינגעפירט אין לאַנד. דאָס פאָלק האָט זיך צונויפגעקליבן אין דער שטאָט שכם, און אַז רחבעם מיט זיינע הויפּסלייט זיינען געקומען אַהין, האָבן די יידן אים געזאָגט, אַז זיי וועלן אים קרוינען פאַר אַ קיניג נאָר מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל פאַרקלענערן די אָפּצאָ־לונגען. נאָר רחבעם האָט זיך אָפּגעזאָגט פון ממלא צו זיין דעם רצון פון פאָלק און האָט אפילו געשראָקן צו פאַרשטאַרקן דעם יאָך.

רחבעמס גאוה און איינגעשפּאַרטקייט האָט געבראַכט צו זייער טרויעריקע רעזולטאַטן. מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס יידישע פאָלק איז דאָך באַשטאַנען פון עטלעכע שבטים, וואָס האָבן פריער געלעבט איטלעכער פאַר זיך. אין די צייטן פון דוד און שלמה האָט נאָך ניט באַוויזן אויסגעמעקט צו ווערן פון פאָלקס זכרון אָט דאָס אָפּגעזונדערטע לעבן, און זייער שוואַך איז נאָך געווען די איינזעעניש, אַז אַלע יידן געהערן צו איין פאָלק, ווי דאָס איז שפּעטער געווען און ווי דאָס איז געבליבן ביזן היינטיקן טאָג. אין יענע צייטן האָבן נאָך די יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין צפון־זייט פון ארץ־ישראל, זיך געהאַלטן אַ ביסל אָפּגעזונדערט פון די בני־יהודה, וואָס האָבן געוואוינט אין דרום־זייט. אַ סך פון זיי איז גאָר ניט געווען ניחא, וואָס דער קיניג איבער גאַנץ ישראל שטאַמט אַרויס פון שבט יהודה, און וואָס גראַד אין דער נחלה פון דעם דאָזיקן שבט, אין ירושלים, געפינט זיך דאָס הייליקע הויז פונם גאַנצן פאָלק, דער בית־המקדש. עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז דער שבט יהודה איז דאָס אַ מין מיוחס, וואָס געוועלטיקט איבער גאַנץ ישראל, און אַ סך מענטשן פון די איבעריקע שבטים האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַן עולה.

דעריבער איז איצט, ווען רחבעם האָט אַזוי שטריינג אָפּגע־וואָרפן די טענות פון פאָלק, זיינען איבערהויפּט אַריין אין כעס

די שבטים פון צפון־פּאַלעסטינע און האָבן אויסגערופן: „אויב אַזוי, ווילן מיר אינגאַנצן ניט זיין אונטערטעניג צו דודס משפחה". און אַז רחבעם האָט צו זיי געשיקט אַ מענטשן אויף צו קלייבן דעם צינז, האָבן זיי ניט געוואָלט צאָלן און דעם ציזנזן־קלייבער האָבן זיי פאַרשטיינט.

דער אָנפירער פון די מורדים איז געווען דערזעלבער ירבעם בן נבט, וואָס איז באַלד נאָך שלמהס טויט געקומען צוריק פון מצרים. אינגיכן האָבן אַלע צפונדיקע שבטים פון ישראל גע־קרוינט אים פאַר אַ קיניג איבער זיך. געטריי געבליבן זיינען דודס הויז נאָר די דרומדיקע שבטים — די בני־יהודה און די בני־בנימין, וואָס האָבן זיך מיט זיי פאַראייניקט. אַזוי איז גע־קומען דערצו, אַז די ייִדישע מלוכה איז געוואָרן צעטיילט אויף צוויי קיניגרייכן — דאָס צפונדיקע איז אָנגערופן געוואָרן מלכות ישראל און דאָס דרומדיקע — מלכות יהודה.

15.

סיפּורים פון תנ״ך וועגן דער צעטיילונג פון דער ייִדישער מלוכה.

שלמהס זינד און די נבואה פונם נביא אחיה.

דער קיניג שלמה האָט גענומען אַ סך ווייבער פון פרעמדע פעלקער, חוץ פרעהס טאָכטער: טעכטער פון מואב, עמון, אדום, צדון און חת. אַז שלמה איז אַלט געוואָרן, האָבן זיינע ווייבער צוגעווענדט זיין האַרץ צו פרעמדע געטער, און ער איז ניט גע־

ווען מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן צו זיין גאָט, ווי עס איז געווען דאָס האַרץ פון זיין פאָטער דוד. איז שלמה געגאַנגען נאָך דער עשתרת, דער געטין פון צדון, האָט געבויט אַ במה פאַר כמוש, דעם אָפּגאָט פון מואב, און פאַר מולך, דעם אָפּגאָט פון עמון. און גאָט איז דערצאָרנט געוואָרן אויף שלמהן, וואָס זיין האַרץ איז אָפּגעווענדט געוואָרן פונם גאָט פון ישראל.

אין יענער צייט איז ירבעם אַרויסגעגאַנגען פון ירושלים, האָט אים געטראָפן אין וועג דער נביא אחיה השילוני. האָט אחיה גענומען דעם נייעם בגד, וואָס איז געווען אויף אים, און האָט אים צעריסן אויף צוועלף חלקים און האָט געזאָגט צו ירבעמען: „נעם צו פאַר זיך צען חלקים, ווייל אַזוי האָט געזאָגט דער גאָט פון ישראל: איך וועל אַרויסרייסן די מלוכה פון שלמהס האַנט און אַוועקגעבן דיר די צען שבטים. נאָר איין שבט וועט בלייבן ביי אים, פון וועגן מיין קנעכט דוד און פון וועגן דער שטאָט ירושלים, וואָס איך האָב אויסדערוויילט“.

די צעטיילונג פון דער ייִדישער מלוכה.

שלמה איז געשטאָרבן און עס איז געוואָרן אַ קיניג זיין זון רחבעם אַנשטאָט אים. אַז ירבעם האָט דאָס דערהערט, איז ער געקומען צוריק פון מצרים. איז רחבעם געגאַנגען קיין שכם, ווייל קיין שכם איז געקומען גאַנץ ישראל, בכדי אים צו מאַכן קיניגן. און ירבעם און די גאַנצע פאַרזאַמלונג פון ישראל האָבן גערעדט צו רחבעמן אַזוי צו זאָגן: „דיין פאָטער האָט שווער געמאַכט אונזער יאָך, און איצט זאָלסטו גרינגער מאַכן פון דיין פאָטערס שווערער אַרבעט און פון זיין שווערן יאָך, וואָס ער האָט געלייגט אויף אונז, — און דעמאָלט וועלן מיר דיר דינען“. האָט ער צו זיי געזאָגט: „גייט אַוועק אויף דריי טעג, און דער־נאָך קומט צוריק צו מיר“. איז דאָס פאָלק אַוועק. האָט דער

קיניג רחבעם זיך אַן עצה געהאַלטן מיט די אַלטע לייט, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום זיין פאָטער שלמה, בעת ער האָט גע־לעבט, אַזוי צו זאָגן: „ווי איז אייער עצה צו ענטפערן דעם פאָלק?“ האָבן זיי צו אים געזאָגט: „אויב דו וועסט היינט זיין אונטערטעניג דעם פאָלק און דו וועסט זיי ענטפערן און ריידן צו זיי גוטע רייד, וועלן זיי דיר זיין אונטערטעניג אַלע טעג“. האָט ער פאַרלאָזן די עצה פון די אַלטע לייט און האָט זיך גע־האַלטן אַן עצה מיט די יונגע, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן מיט אים, וואָס צו ענטפערן דעם פאָלק. האָבן די יונגע צו אים אַזוי געזאָגט: „אַזוי זאָלסטו ריידן צום פאָלק: מיין פאָטער האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט אַ שווערן יאָך, און איך וועל נאָך שווע־רער מאַכן אייער יאָך. מיין פאָטער האָט אייך געשטראָפט מיט בייטשן, און איך וועל אייך שטראָפן מיט סקאָרפּיאָנען“. איז געקומען ירבעם און דאָס גאַנצע פאָלק צו רחבעמן אויפן דריטן טאָג, האָט דער קיניג געענטפערט דעם פאָלק האַרטע רייד און האָט גערעדט צו זיי, לויט דער עצה פון די יונגע.

אַז גאַנץ ישראל האָבן דערזען, אַז דער קיניג האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיי, האָבן זיי געענטפערט: „וואָס האָבן מיר פאַר אַ חלק אין דודן? ניטאָ קיין אַרב פאַר אונז אין ישים זון! צו דיינע געצעלטן ישראל! איצט זע דיין הויז, דוד!“

און ישראל איז אַוועק אין זיינע געצעלטן. האָט דער קיניג רחבעם געשיקט אדורמן, וואָס איבערן צינז, האָבן גאַנץ ישראל אים פאַרשטיינט מיט שטיינער, און ער איז געשטאָרבן. און דער קיניג רחבעם איז געשווינד אַרויף אויפן רייטוואָגן און אַנטלאָפן קיין ירושלים. און ישראל האָט געפעלשט אין דודס הויז. אַז גאַנץ ישראל האָבן דערהערט, אַז ירבעם איז צוריק געקומען, האָבן זיי אים געשיקט רופן אויף דער פאָלקס-פאַר־זאַמלונג און האָבן אים געמאַכט קיניגין איבער גאַנץ ישראל. נאָך בית-דוד איז אַוועק נאָר דער שבט יהודה אַליין.

16.

דאָס קיניגרייך ישראל

(722—933).

קיניג ירבעם (933—912).

דעם ערשטן קיניג פון ישראל איז אויסגעקומען פיל מלחמה צו האַלטן מיט רחבעמן, וואָס האָט אַלץ ניט אָנגעוואָרן די האָפענונג צו מאַכן אונטערטעניג די צפונדיקע שבטים און צו ווערן אַ קיניג פונם גאַנצן יידישן פאָלק. ירבעם האָט געזען צו פאַרפעסטיקן ישראלישע שטעט און האָט מיט הצלחה געשיצט זיין קיניגרייך.

נאָר רואיק קיניגן האָט ער דאָך ניט געקאָנט. אין צפון-זייט פון ארץ-ישראל זיינען קיין היילִיקטימער ניט געווען. אין די גרויסע ימים-טובים, אין די שלש רגלים, פלעגט דאָס פאָלק אויפגיין קיין ירושלים צו דינען דאָרט גאָט. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי זיך געטראָפן מיט זייערע ברידער פון שבט יהודה. דאָס האָט ירבעמן ניט געלאָזט רוען. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער באַקומען די בני ישראל ווידער חשק צו פאַראייניקן זיך מיט די בני-יהודה אונטער דער ממשלה פון איין קיניג פון דודס הויז.

בכדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּצושיידן די צפונדיקע שבטים פון די איינוואוינער פון מלכות-יהודה, האָט ירבעם צו-געקלערט אַזאַ פּלאַן: ער האָט אויסגעבויט צוויי טעמפּלען אין צוויי שטעט, האָט אַריינגעשטעלט דאָרט צוויי קעלבער, גע-

גאָסן פון גאָלד, און האָט געזאָגט דעם פאָלק, אַז דאָס איז דאָס בילד פון זייער גאָט, און צו דעם זאָלן זיי דינען.

די בני־ישראל זיינען געווען צופרידן דערמיט, וואָס זיי האָבן איצט אייגענע טעמפּלען און דאַרפן ניט גיין קיין ירושלים אויף די ימים־טובים. אין די נייע טעמפּלען האָט מען געפּייערט די ימים־טובים מיטן זעלבן פריילאַכן טומל, ווי אין ירושלים. פאַר די גאָלדענע קעלבער פלעגט מען ברענגען קרבנות פלייש, ברויט, בוימל און וויין. אַ טייל פונם בוימל און וויין, און אויך דאָס גאַנצע בלוט פון די בהמות פלעגט מען אויסגיסן אויפן מזבח, אַ טייל פון פלייש פלעגט מען פאַרברענען, און דאָס איבעריקע פלעגט מען אויפן אָרט גופא אויפעסן און דערביי זיך משמח זיין מיט שפּיל און געזאַנג און טענץ.

די פּרנסות און דער געזעלשאַפטלאַכער לעבנסשטייגער.

אין יענער צייט זיינען שוין ביי די בני־ישראל ניט געווען אַלע גלייך, ווי אין אַמאָליקע צייטן. עס זיינען שוין אויפגעקומען פאַרשיידענע קלאַסן מענטשן אין לאַנד, וואָס איטלאַכער פון זיי האָט זיך אַנדערש געלעבט. די סוחרים פלעגן אַרויספירן אין פרעמדע לענדער תבואה, וויין, בוימל, און פאַר די־דאָזיקע סחורות פלעגן זיי ברענגען צו פירן אַהיים גאָלד, העלפאַנד־ביין, טייערע געוואַנטן, געווער און שיינע כלים. אויף אַזאַ אופן זיינען זיי שטאַרק רייך געוואָרן. רייך זיינען אויך געווען די שׂרים — דעם קיניגס מקורבים, זיינע זעלנער און קינדער פון אַמאָליקע קריגס־לייט, די משפחות פון די עלטסטע פון פאָלק, הכלל אַלע מיוחסדיקע לייט. צו זיי האָבן געהערט גרויסע מאַיאָנטקעס מיט פיל פעלדער, סעדער און וויינגערט־

נער. דאָס געוויינלאַכע פאָלק אָבער, די ערד־אַרבעטער, זיינען אַלץ אָרימער געוואָרן.

די מעשה דערפון איז, וואָס די מלכים פון ישראל האָבן געפירט אַ סך מלחמות. צוליב די מלחמות האָבן זיי נויטיק געהאַט די הילף פון די שרים און קריגס־לייט, דעריבער האָבן זיי געמוזט זיי נאָכגעבן אַלצדינג לויט זייערע פאַרלאַנגען. די שרים אָבער פלעגן דאָס אויסנוצן און צונעמען פאַר זיך וואָס מער לאַנד. אַזוי איז די פויערים געבליבן ווינציק אייגענע ערד און זיי האָבן געמוזט באַארבעטן די ערד פון די שרים, וואָס זיינען געוואָרן זייערע פריצים. פאַרן ניצן די ערד האָבן די יידישע פויערים געמוזט אָפּגעבן די בעלי־בתים פון דער ערד אַ טייל פון די פּרוכטן, וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט. אַזוי פלעגט זיך ביי די יידישע פריצים אָנקלייבן אַ סך תבואות און ווייַן און בוימל, וואָס זיי פלעגן אויסבייטן אויף שיינע געוואַנטן, גאָלדענער צירונג און טייערע כלים. ביי די פויערים ווידער פלעגט אָפטמאָל אויספעלן דאָס נויטיקסטע, און זיי האָבן געלעבט אין אָרימקייט און דחקות.

פונקט ווי פריער, פלעגן די יידישע פויערים און בעלי־מלאכות וואוינען אין נידעריקע, קליינע שטיבעלאַך מיט אַ לאָך אין דער סטעליע אָנשטאָט אַ קוימען. זייער קליידונג איז באַשטאַנען פון אַ העמדל און אַ פלאַכטע. אויף די פיס האָבן זיי געטראָגן סאַנדאַלן, און דעם קאָפּ פלעגן זיי אַרומוויקלען מיט אַ שטיק געוואַנט. שפייזן זיך פלעגט דער פּראָסטער עולם מיט ברויט פון ווייצענער אָדער גערשטענער מעל, מיט פייגן, ציבעלעס, קנאָבל, לינזן און אַנדערע גרינסן; פלייש פלעגן זיי עסן נאָר אין די גרויסע ימים־טובים.

פאַרקערט, דעם קיניגס מקורבים, די שרים און פריצים, און די סוחרים האָבן שוין ניט געוואָלט פירן מער אַזאַ פשוט לעבן.

ווי די עלטערן זייערע. זיי האָבן זיך שוין געבויט הייזער פון אַרומגעהאַקטע שטיינער, פלעגן זיך אָנטאָן אין איידעלע, טייערע געוואַנטן, עסן אַלע טאָג געשמאַקע געריכטן, וואָס מען פלעגט זיי דערלאַנגען אויף כלים פון בראָנזע, און טרינקען וויין פון גאָלדענע און זילבערנע בעכערס. אין די גרעסערע שטעט באַווייזן זיך צוביסלאַכווייז פאַרשיידענע בעלי-מלאכות — בוי-מייסטערס, פאַרבערס, מויערערס, בעקערס, שערערס — וואָס האָבן געאַרבעט, דער עיקר, פאַר די גבירים.

מהומות.

ירבעמן האָט געירשנט זיין זון. נאָר אים האָט אינגיכן געטויט זיין קריגס-הויפּטמאַן בעשא; ער האָט אויך אויסגע-הרגעט די גאַנצע קיניגלאַכע משפחה און איז אַליין געוואָרן קיניג. בעשא האָט געקיניגט היפּש לאַנג — 24 יאָר (911—888). נאָר זיין זון האָט געהאַט דעמזעלבן סוף, וואָס ירבעמס זון. ער האָט געקיניגט אינגאַנצן עטלאַכע יאָר, דערנאָך האָט אים גע-טויט זמרי, דער שר איבער די קריגס-רייטוואָגנס. בכדי צו פאַרפעסטיקן זיין ממשלה, האָט זמרי אויסגעהרגעט בעשאס אַלע קרובים. אָבער דאָס האָט אים ווינציק-וואָס געהאָלפן. ער האָט געקיניגט סך-הכל זיבן טעג, אַנשטאָט אים איז גע-וואָרן קיניג דער קריגס-הויפּטמאַן עמרי.

אין יענער צייט האָבן די בני-ישראל כסדר געפירט מלחמות אַמאָל מיט מלכות-יהודה, אַמאָל מיט די מצרים, אָדער אַנדערע שכנים. מחמת דעם האָבן די קריגס-הויפּטלייט געהאַט די גרעסטע דעה אין אַלע זאַכן. אָן זיי איז געווען געווענדט דער נצחון איבער די שונאים און די זיכערקייט פון דער מלוכה. דערפאַר האָט טאַקע איטלאַכער קריגס-הויפּטמאַן, וואָס האָט געפונען חן אין די אויגן פון חיל, גרינג געקאָנט אַראָפּזעצן דעם

פריערדיקן קיניג און ווערן אליין א קיניג. אזוי פלעגט טאקע די קיניגלעכע ממשלה איבערגיין פון איין קריגס-הויפטמאן צום צווייטן. איטלעכס מאל פלעגט דער נייער קיניג אויסהרגענען די גאנצע משפחה פונם אלטן קיניג, און אזוי האבן די בני-ישראל געלעבט אין שטענדיקע מהומות.

לענגער פון אלע האט זיך געהאלטן ביי דער ממשלה דאס הויז עמרי, אין עמרים צייט איז אויסגעבויט געווארן א נייע הויפטשטאט, די פעסטונג שומרון, און זינט יענער צייט האט דאס קיניגרייך ישראל זיך גערופן אויך מלכות-שומרון אדער פשוט שומרון. עמרי האט געפירט א סך מלחמות מיט די ארמים און מואבים, נאר מיט מלכות יהודה האט ער געלעבט בשלום. ער האט געקראגן א שם צווישן די שכנישע פעלקער. די פעניקיער האבן געזוכט זיין פריינטשאפט, און דער קיניג פון צור האט אפילו געגעבן זיין טאכטער פאר א ווייב עמרים זון אחאבן.

די פעניקיער.

די פעניקיער האבן געוואוינט בשכנות פון די בני-ישראל אויפן ברעג פונם מיטעללענדישן ים. זייער שפראך איז געווען זייער נאנט צו העברעאיש, — די שפראך פון די בני-ישראל, און אויך א טייל פון זייערע מנהגים זיינען געווען דיזעלבע. די פעניקיער אבער זיינען שוין פון א צייט געזעסן פעסט אויף זייער לאנד, און דערפאר זיינען זיי געווען א סך געבילדעטער פאר די בני-ישראל.

דאס לאנד פעניקיע פארנעמט א שמאלן פאס ערד, וואס איז זאמדיק, פארשאטן מיט גרויסע שטיינער. ניט פאר ערד-ארבעט און ניט פאר בהמות-האדעווען איז דא ניט געווען קיין פלאץ. דעריבער האבן די פעניקיער זיך פארנומען צוערשט

מיט פאַנגען פיש. אַזוי האָבן זיי זיך אויסגעלערנט צו בויען שיפן און פאָרן אויף זיי און האָבן אָנגעהויבן האַנדלען, פירן סחורות פון איין ברעג-שטאָט צו אַן אַנדערער. אַ לאַנגע צייט פלעגן זיי שווימען אַלץ נאָנט צום ברעג, אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי זיך אַלץ מער צוגעוואוינט צום ים און האָבן אָנגעהויבן פאָרן אין ווייטע מקומות. זיי האָבן געפירט סחורות פון מצרים קיין סיריע און קיין בבל און אין אַנדערע לענדער. אַזוי זיינען די פעניקיער געוואָרן אַ האַנדלס-פאָלק, און פון האַנדל איז מען אויך אין יענע צייטן שטאַרק רייך געוואָרן. האָבן די פעניקישע שטעט צור און צידון געשמט אויף דער וועלט מיט זייער רייכקייט.

איבערן מיטעללענדישן ים פלעגן די פעניקיער דערפאָרן ביז גריכנלאַנד און אַנדערע לענדער פון אייראָפּע און אַרויספירן פון דאָרט קופּער, זילבער, בורשטין, פאַרבן און אויך מענטשן, וואָס זיי פלעגן אַרייננאַרן צו זיך אויף די שיפן און דערנאָך זיי פאַרקויפן פאַר שקלאַפן אין אַזיע. קיין אייראָפּע פלעגן זיי פירן סחורות פון בבל און מצרים — געוואַנטן, געווער, כלים. אין יענער צייט זיינען די מצרים און בבלים געווען אַ סך געבילדעטער פאַר די פעלקער, וואָס האָבן דעמאָלט געוואוינט אין אייראָפּע, און האָבן געקאָנט אויסאַרבעטן אַ סך זאַכן, וואָס די אייראָפּעער האָבן ניט געקאָנט.

אַרומפאָרנדיק איבער גאָר דער וועלט, האָבן די פעניקיער זיך אויסגעלערנט צוביסלאַכווייז פאַרשיידענע מלאכות, און סוף-כל-סוף האָבן זיי אַליין אָנגעהויבן אויסאַרבעטן געווער, געוואַנטן, כלים און אַנדערע זאַכן. זיי האָבן זיך אויך אויסגעלערנט שרייבן. זייער שריפט איז געווען גרינגער און באַקוועמער, ווי די מצרישע. זיי פלעגן ניט מאָלן קיין בילדער, נאָר שרייבן איינציקע אותיות, ווי מיר טוען דאָס היינט. שפּעטער

האָבן ביי די פעניקיער איבערגענומען זייער אלף-בית אַלע פעלקער פון אייראָפּע און אַ סך פעלקער פון אַזיען. בכלל האָבן די פעניקיער אויסגעלערנט אַנדערע פעלקער אַ סך זאַכן; אויך יידן האָבן איבערגענומען ביי זיי.

קיניג אַחאָב (876—854) און די השפּעה פון די פעניקיער.

אין קיניג אַחאָבס צייט האָבן זיך אין שומרון באַוויזן אַ סך פעניקיער, און זייער השפּעה איז געוואַקסן וואָס פון יאָר. די בני-ישראל האָבן אויסגעלערנט זיך ביי די פעניקיער אייניקע מלאכות, איבערגענומען זייער כתב און פאַרקניפּט אַ לעבעדיקן האַנדל מיט די אַרמים. ישראלישע סוחרים האָבן אַזוי אָפּט אָנגעהויבן פאָרן אין דער נאָענטסטער גרויסער אַראַמישער שטאָט דמשק, אַז מען האָט פאַר זיי דאָרט אויסגעטיילט אַ באַזונדערן מארק-פּלאַץ.

חוץ האַנדל און מלאכות, זיינען אויך אין קיניגרייך ישראל אַריינגעדרונגען פעניקישע מנהגים און מדות. די ישראלישע חשובע לייט האָבן אַלץ מער באַקומען חשק צו לעבן אַ גוטן טאָג און האָבן נאָך שווערער געדריקט די אָרימע לייט פון פאָלק. די עלטסטע פלעגן אָפּטמאָל נעמען שוחד, געצאָלט פאַרן פּסקע־נען, און די פּסק-דינים זיינען געוואָרן אַלץ מער אומגערעכטע. ווער עס איז געווען רייכער און האָט געקאָנט געבן אַ גרעסערע מתנה דעם שופט, דער איז אויך געווען גערעכט אין משפט. אַחאָבס פרוי ווידער, די פעניקישע בת-מלכה איזבל, האָט איינ־געפירט דעם דינסט פון פעניקישן אָפּגאָט בעל. זי האָט זיך אַרומגערינגלט מיט כהנים פון בעל און די נביאים פון גאָט פון ישראל האָט זי גערודפט מיט גרימצאָרן.

נאָר ניט פארלאָזן האָט דאָך דאָס פאָלק דעם גאָט פון זיינע עלטערן. אפילו דער קיניג אַחאָב פלעגט אין שווערע צייטן שטענדיק פרעגן עצות ביי די נביאים פון גאָט.

17.

סיפורים פון תנ"ך וועגן קיניג אחאב און אליהו הנביא.

דער קאמף פון אליהו הנביא מיט די כהנים פון בעל.

האָט אליהו געזאָגט צום פאָלק: „איך בין געבליבן אליין אַ נביא צו גאָט, און די נביאים פון בעל זיינען פירהונדערט און פופציק מאַן. זאָל מען אונז געבן צוויי רינדער און זאָלן זיי זיך אויסקלייבן איין רינד, אים צעשניידן און אַרויפלייגן אויף האָלץ, נאָר קיין פייער זאָלן זיי ניט אונטערלייגן. און איך וועל רופן אין נאָמען פון גאָט. און עס וועט זיין, דער גאָט, וואָס וועט ענטפערן מיט פייער, דער איז גאָט". האָט דאָס גאַנצע פאָלק געענטפערט און געזאָגט: „גוט"!

האָבן זיי גענומען דעם רינד און צוגעגרייט און גערופן אין נאָמען פון בעל פון פרימאָרגן ביזן האַלבן טאָג, אַזוי צו זאָגן: „בעל, ענטפער אונז". נאָר קיין קול און קיין ענטפער איז ניט געווען. האָט אליהו געשפעט פון זיי און געזאָגט: „רופט מיט אַ הויכן קול: אפשר איז ער פאַרנומען אָדער ער שלאָפט, זאָל

ער זיך אויפכאַפּן". זיינען זיי געשפּרונגען אַרום דעם מזבח און גערופן מיט אַ הויכן קול און געשטאָכן זיך, ווי זייער שטייגער איז, מיט שווערדן און שפּיזן, ביז בלוט איז גערונען פון זיי. נאָר קיין קול און קיין ענטפער איז אַלץ ניט געווען.

האָט אליהו געזאָגט צום גאַנצן פאָלק: „גענענט זיך צו מיר". האָט דאָס גאַנצע פאָלק זיך גענענט צו אים. האָט אליהו גענומען צוועלף שטיינער, ווי די צאָל פון די שבטים בני־יעקב, און האָט פון די שטיינער געבויט אַ מזבח אין נאָמען פון גאָט. און ער האָט געמאַכט אַ גראָבן אַרום דעם מזבח, האָט צעלייגט דאָס האָלץ און צעשניטן דעם רינד און אַרויפגעלייגט אויפן האָלץ. און ער האָט געזאָגט: „פילט אָן פיר קריג מיט וואַסער און גיסט אַרויף אויף דער עולה און אויפן האָלץ". און ער האָט געזאָגט: „טוט דאָס אַ צווייטן מאָל" — און זיי האָבן געטאָן אַ צווייטן מאָל. און ער האָט געזאָגט: „חזרט איבער אַ דריטן מאָל" — און זיי האָבן איבערגעחזרט אַ דריטן מאָל. האָט דאָס וואַסער געפליסט אַרום דעם מזבח און אויך דעם גראָבן האָט ער פול אָנגעפילט מיט וואַסער.

און עס איז געווען אין דער צייט, ווען מען ברענגט די מנחה, איז אליהו הנביא צוגעטראָטן און האָט געזאָגט: גאָט פון אברהם, פון יצחק און ישראל, היינט זאָל ווערן באַוואוסט, אַז דו ביסט אַ גאָט אין ישראל, און אַז איך בין דיין קנעכט און לויט דיין וואָרט האָב איך געטאָן די אַלע זאַכן". איז געפאַלן אַ פייער פון גאָט און האָט פאַרצערט די עולה און דאָס האָלץ און די שטיינער און דעם שטויב, און דאָס וואַסער, וואָס אין גראָבן, האָט עס אויסגעלעקט. האָט עס דערזעען דאָס פאָלק, און זיי זיינען געפאַלן אויף זייערע פּנימער און געזאָגט: „יהוה איז גאָט, יהוה איז גאָט!"

האָט אליהו צו זיי געזאָגט: „כאַפּט די נביאים פון בעל,

זאָל קיינער פון זיי ניט אַנטרונען ווערן". און מען האָט זיי גע-כאַפּט, און אליהו האָט זיי אַראָפּגעפירט צום טייכל קישון און האָט זיי דאָרט געקוילעט.

אחאב און נבות.

נבות האָט געהאַט אַ וויינגאָרטן לעבן פּאַלאַץ פון אַחאָב דעם קיניג פון שומרון. האָט אַחאָב געזאָגט צו נבותן: „גיב מיר אַוועק דיין וויינגאָרטן, און זאָל ער מיר זיין פאַר אַ גרינס-גאָרטן, וואָרים ער איז נאָנט צו מיין שטוב, און איך וועל דיר געבן אַנשטאָט אים אַ בעסערן וויינגאָרטן, און אויב דיר איז גע-פעלן, וועל איך דיר געבן זילבער דעם פּרייז פון דעם". האָט נבות געזאָגט: „זאָל מיר גאָט אָפּהיטן פון אָפּצוגעבן דיר די ירושה פון מיינע עלטערן". איז געקומען אַחאָב אַהיים, באַ-טריבט און אויפגערייצט, האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, אָפּ-געווענדט זיין פּנים און ניט געגעסן קיין ברויט. איז געקומען צו אים זיין פרוי איזבל און געזאָגט צו אים: „וואָס איז עפּעס דיין געמיט באַטריבט, און דו עסט ניט קיין ברויט?" האָט ער צו איר געזאָגט: „איך האָב געזאָגט צו נבותן: גיב מיר אַוועק דיין וויינגאָרטן פאַר זילבער, אָדער אויב דו ווילסט, וועל איך דיר געבן אַן אַנדער וויינגאָרטן אַנשטאָט דעם. נאָר ער האָט געזאָגט: איך וועל דיר ניט געבן מיין וויינגאָרטן". האָט גע-זאָגט צו אים זיין פרוי איזבל: „אַזוי ווילסטו דאָס קיניגין איבער ישראל? שטיי אויף, עס ברויט, און זאָל דיין האַרץ באַגיטיקט ווערן. איך וועל דיר געבן נבותס וויינגאָרטן". און זי האָט געשריבן בריוו אין אַחאָבס נאָמען און געחתמעט מיט זיין זיגל און האָט געשיקט די בריוו צו די עלטסטע פון זיין שטאָט, וואָס וואוינען מיט נבותן. און זי האָט געשריבן אין די בריוו אַזוי: „רופט אויס אַ תענית און זעצט אַוועק נבותן בראש פון פאָלק,

און זעצט אַוועק קעגן אים צוויי נידערטרעכטיקע מענטשן, און זאָלן זיי קעגן אים עדות זאָגן: „דו האָסט געלעסטערט גאָט און דעם קיניג", און פירט אים אַרויס און פאַרשטיינט אים, און זאָל ער שטאַרבן".

האָבן די שטאָט־לייט, די עלטסטע און די פירשטן געטאָן, ווי איזבל האָט זיי געהייסן, און האָבן געשיקט זאָגן איזבלן: „נבות איז פאַרשטיינט געוואָרן און שוין געשטאָרבן".

מלחמות מיט די אַרמים.

היות ווי דורך ארץ־ישראל האָבן זיך געצויגן גרויסע האַנדלס־וועגן, פלעגן די מלכים פון ישראל באַקומען גרויסע הכנסות פון די האַנדלס־אָפּצאָלונגען, וואָס די סוחרים פלעגן צאָלן ביים דורכפאָרן דאָס לאַנד. דערפאַר אָבער האָבן די שכנישע פעלקער שטענדיק חשק געהאַט אַריינצוכאַפּן דאָס לאַנד אין זייערע הענט. דעריבער איז די בני־ישראל אויסגעקומען כסדר צו פאַרטיידיקן זייער לאַנד קעגן די שכנים און צו פירן מיט זיי מלחמות.

די מלכים פון הויז עמרי און אַנדערע מלכים פון ישראל האָבן אַ סך מלחמות געפירט מיט די אַרמים, וואָס האָבן געוואוינט אין צפון און מזרח־זייט פון ארץ־ישראל און וואָס האָבן אויך געהערט צו די סעמיטישע פעלקער. אַמאָל פלעגן צושטיין צו זיי אויך די בני־יהודה. אין דער צייט פון אַחאָבס זון יהורם (842—853), האָבן די אַרמים אפילו באַלעגערט די הויפּט־שטאָט פונם קיניגרייך ישראל. שומרון איז געוועזן גוט באַפעסטיקט, נאָר איננגיכן האָט זיך אויסגעלאָזט דאָרט שפּייז. עס איז אָנגעשטאַנען אַ שרעקלאַכער הונגער. פון טאָג צו טאָג האָט מען זיך באַדאַרפט ריכטן, אַז שומרון זאָל זיך אונטערגעבן. נאָר

מיטאַמאָל האָבן די אַרמים געקראָגן אַ ידיעה, אַז די אשורים זיינען אָנגעפאַלן אויף זייער לאַנד. דעמאָלט האָבן זיי געמוזט אָפּטרעטן פון שומרון, בכדי זיך אַליין צו ראַטעווען פון אומגליק. אַזוי זיינען די בני־ישראל אויסגעלייזט געוואָרן דאָס מאָל פון סכנה. אָבער דאָס איז געווען נאָר אויף דערווייל, אינגיכן האָט די מלחמה זיך ווידער אָנגעהויבן.

די מלחמות מיט די אַרמים האָבן בדלות געשטעלט דאָס קיניגרייך ישראל, ווען די אַרמים פלעגן מנצח זיין, פלעגן זיי אַוועקשלעפּן מיט זיך אַלע טייערע חפצים און טויזנטער מענטשן אַוועקפירן אין געפאַנגענשאַפט און פאַרקויפן פאַר שקלאַפן. פון יאָר צו יאָר איז ביי די בני־ישראל אַלץ ווינציקער געוואָרן חיל און קריגס־רייטוואָגנס, און אַלץ שווערער איז פאַר זיי געוואָרן אָפּצוטרייבן די פיינט.

נאָר גראָד אין יענער צייט, ווען עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פאַר די בני־ישראל איז שוין קיין הילף ניטאָ, איז אויף די אַרמים אָנגעשטאַנען אַ גרויסע סכנה. זייערע שכנים פון מזרח־זייט, די אשורים, האָבן אַלץ אָפטער אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף זיי און אָנמאַכן ביי זיי אין לאַנד חורבנות. דעריבער האָבן שוין די אַרמים זיך געמוזט אָפּזאָגן פונם געדאַנק איינצונעמען דאָס קיניגרייך ישראל און געמוזט אָנווענדן אַלע זייערע כחות אויף צו באַשיצן זייער אייגן לאַנד. איצט האָבן די אָנפאַלן פון די אַרמים אויפגעהערט, און די בני־ישראל זיינען אַ ביסל געקומען צו זיך.

די אַשורים.

די אשורים האָבן געוואוינט אין צפון־זייט פון אַרם־נהרים אָדער מעסאָפּאָטאַמיע, צווישן די צוויי טייכן פרת און חידקל,

אין זייער איבערשטער שטרעמונג. זיי האָבן גערעדט אויף אַ שפּראַך, וואָס איז נאָענט צו העברעאיש, און געהערט דעריבער אויך צו די שמישע אָדער סעמיטישע שפּראַכן. דאָס לאַנד אַשור איז פול בערג און ווינציק פּרוכפּעריק, דעריבער האָבן זיך זיינע איינוואוינער פון שטענדיק אָן פאַרנומען מיט געיעג און האָבן געהאַט אַ שם ביי די ארומיקע פעלקער, ווי געשיקטע יעגער און גוטע בויגן-שיסערס. מיט דער צייט האָבן די אשורים אָנגעהויבן אָנצופאַלן אויף זייערע שכנים, און פירן מלחמה מיט מענטשן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ בעסערן עסק, ווי כאַפּן ווילדע חיות. פון די מלחמות פלעגן די אשורים קומען אַהיים, באַלאָדן מיט אַלדאָס גוטס, אָנגערויבט פון די באַזיגטע שכנים. און היות ווי זיי האָט שטענדיק אָפּגעגאָלטן, זיינען זיי אַלץ געוואָרן דרייסטער. סוף-כל-סוף איז מלחמה געוואָרן זייער הויפּט-פּרנסה. זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין ווייטע מקומות, איינגענומען איין לאַנד נאָכן אַנדערן, און זייער שם פון גרויסע קריגסלייט איז כסדר געוואַקסן.

די אַשורישע זעלנער פלעגן טראָגן קופּערנע קיווערס מיט שאַרפע שפּיצן פון אויבן און פאַנצערס פון לעדער, באַשלאָגן מיט קופּערנע אָדער אייזערנע בלעכלעך. אין איין האַנט פלעגן די זעלנער האַלטן אַ שפּיז, אין דער אַנדער האַנט אַ שילד, באַשלאָגן מיט בראָנזע. זייערע פּיס זיינען געווען באַשיצט מיט מעטאַלענע בלעכן. חוץ פוסגייער, האָבן די אַשורים געהאַט נאָך קריגס-רייטוואָגנס, איינגעשפּאַנט מיט אַ פּאָר פערד. די רייטוואָגנס זיינען געווען באַשלאָגן מיט קופּער, און אין זיי פלעגן שטיין דריי מענטשן — אַן אָנטרייבער, אַ בויגן-שיסער אָדער שפּיז-וואַרפער און אַ וואָפן-טרעגער, וואָס האָט געהאַלטן דעם שילד. די רייטוואָגנס פלעגן זיך אויסשטעלן אין שלאַכט אין איין שורה און פלעגן געשווינד אַריינפאָרן צווישן די פיינט. די פיינט פלעגן זיך צעלויפן אין אַלע זייטן, און די אַשורים

פלעגן אַרויספאָרן אויף זיי און צעטרעטן זיי מיט זייערע רייט־וואָגנס.

ס׳איז קיין חידוש ניט, וואָס ביי אַזאַ באַוואָפענונג און ביי אַזאַ געלערנטקייט צו פירן מלחמה האָבן די אַשורים פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט. טויטן אַן אַשורישן קריגסמאַן איז געווען זייער שווער, און גאָר ווייניק פון זיי פלעגן אומקומען אין שלאַכט. דערפאַר האָבן די אַשורים קיינעם ניט געשוינט און פלעגן אָן רחמנות אויסהרגענען צענדליקער און הונדערטער טויזנטער מענטשן. עס פלעגט טרעפן, אַז זיי פלעגן אויסקוילן אַלע מאַנסבילן פון אַן איינגענומענעם לאַנד און די ווייבער און קינדער מאַכן פאַר שקלאַפן, נאָר אָפטער פלעגן זיי טויטן נאָר די הארן און גדולים פון פאָלק, און די איבעריקע איינוואוינער פלעגן זיי אַריבערשיקן אין גלות אין אַן אַנדער געגנט פון אַשור.

אויף די ווענט פון די פּאַלאַצן און טעמפּלען, אויף שטיינערנע זיילן און מצבות, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער הויפּטשטאָט פון אַשור, נינוה, און אין אַנדערע ערטער, זיינען געווען אויסגעמאָלט און אויסגעקריצט בילדער, וואָס באַווייזן די גרויסע גבורות, וואָס די מלכים פון אַשור האָבן אויפגעטאָן. דאָרט זיינען אויך געווען אויסגעקריצט דערציילונגען פון דעם, ווי אַזוי זיי האָבן מלחמה געפירט. די מלכים פון אַשור האָבן זיך גערימט מיט זייער אכזריות און רשעות און האָבן ניט אַנדערש געוואָלט, אַז די שפּעטערדיקע דורות זאָלן וויסן וועגן דעם. מיט גאוה דערציילן זיי, אַז זייער געווער פלעגט זיך באָדן אין בלוט פון זייערע פיינט, ווי אין אַ טייך, אַז קערפּערס פון הרוגים האָבן זיי אָנגעשאָטן, ווי בערג, און אַז די געפאַנגענע פלעגן זיי אָפּהאַקן די הענט.

מלחמות מיט די אַשורים.

פאַר דער צייט, וואָס די אַרמים האָבן געפירט מלחמה מיט די אַשורים, האָבן די בני־ישראל באַוויזן צו קומען צו זיך פון די פריערדיקע מפלות און האָבן פאַרגרעסערט זייער חיל, אויס־נוצנדיק די איצטיקע שוואַכקייט פון די אַרמים, זיינען די בני־ישראל אָנגעפאַלן אויף זיי און האָבן אָפּגעהאַלטן איבער זיי נצחונות. איין מאָל האָבן זיי אפילו איינגענומען די שטאָט דמשק, און די אַרמים זיינען געווען געצוואונגען זיי אָפּצוגעבן די שטעט, וואָס זיי האָבן פריער איינגענומען. אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט די גוטע צייט פאַר די בני־ישראל. באַלד האָבן זיי געמוזט זיך צונויפטרעפן מיט אַ גרעסערן און שטאַרקערן שונא, מיט די אכזריותדיקע אַשורים.

די מאַכט און גרויסקייט פון די אַשורים איז כסדר גע־וואַקסן. די בני־ישראל פלעגן פון צייט צו צייט צאָלן צינז די „גרויסע מלכים" פון אַשור, בכדי זיי זאָלן ניט אָנפאַלן אויף זיי, נאָר פאַר די אַשורים איז דאָס ווינציק געווען. זיי האָבן ניט אַנ־דערש געוואָלט איינגעמען אַלע לענדער, וואָס ליגן אויפן וועג צום מיטעללענדישן ים — פיניקיע, פּאַלעסטינע און סיריע, בכדי צוצוקומען צו מצרים און צו פאַרכאַפּן דאָס דאָזיקע רייכע לאַנד. איצט האָבן די אַרמים און די בני־ישראל אינאיינעם גע־האַט אַ בשותפישן שונא. די גרויסע סכנה האָט זיי געצוואונגען צו פאַרגעסן זייער פריערדיקע שנאה צו אַנאַנד און צו פאַר־בינדן זיך קעגן אַשור. זיי האָבן געהאָפט, אַז מיט פאַראייניקטע כוחות וועלן זיי קאָנען אָפּטרייבן די אַשורים. זיי האָבן אָבער אַ ביטערן טעות געהאַט, און דער בונד האָט נאָר פאַר־גיכערט זייער ביידנס סוף.

אַז די אַשורים זיינען געוואָר געוואָרן פונם בונד, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין קיין סיריע. באַלד האָבן זיי איינגענומען דמשק און פון דאָרט האָבן זיי זיך געלאָזט קיין ארץ־ישראל. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, איז שוין גליל און עבר־הירדן געווען אין זייערע הענט; בכדי אָפּצוראַטעווען די איבעריקע לענדער, האָט דער קיניג פון ישראל געמוזט צאָלן צינז די אַשורים.

אונטערגאַנג פונ'ם קיניגרייך ישראל.

שווער איז געווען די בני־ישראל צו צאָלן דעם צינז די אַשורים, און זיי האָבן נאָר אויסגעקוקט אויף אַ געלעגנהייט אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם יאָך. פונקט דאָס אייגענע האָבן ניט אויפגעהערט צו קלערן די פעניקיער און אַרמים. אַז דער קיניג פון אַשור איז געשטאָרבן, זיינען פעניקיע און סיריע אויפגעשטאַנען קעגן די אַשורים און האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון צו צאָלן צינז. צו זיי זיינען אויך צוגעשטאַנען די בני־ישראל. אַלע האָבן זיי גערעכנט, אַז דער קיניג פון מצרים וועט זיי קומען צו־הילף. זיי האָבן זיך אָבער גענאַרט אין חשבון.

דער נייער קיניג פון אַשור, שלמנאסר, איז אַריינגעדרונגען אין ארץ־ישראל. אַלע שטעט, וואָס ער האָט באַגעגנט אויפן וועג, האָט ער חרוב געמאַכט און איז צוגעטראָטן צו שומרון. דריי יאָר האָבן די אַשורים באַלעגערט די הויפּטשטאָט פון קי־ניגרייך ישראל. די בני־ישראל האָבן זיך מוטיק פאַרטיידיקט, נאָר אין יאָר 722 האָבן די אַשורים, סוף־כל־סוף, איינגענומען שומרון און געמאַכט אַ סוף צו מלכות־ישראל. דעם קיניג הושע האָט מען אַריינגעזעצט אין תפיסה, און אין זיין פּלאַץ אין שומרון האָט זיך באַזעצט דער אַשורישער פאַרוואַלטער פון לאַנד. דאָס גאַנצע לאַנד איז בדלות געוואָרן, די הייליקטי־מער צעשטערט, טויזנטער פון די בני־ישראל, דער עיקר,

רייכע לייט, זיינען געוואָרן אוועקגעפירט אין גלות און באַזעצט אין ווייטע מדינות פון אשור. אָט דאָס איז דער גלות פון די עשרת השבטים, פון די צען שבטים פון ישראל, וואָס זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן אין ווייטע לענדער, און מען ווייסט עד היום ניט, וואו זיי זיינען אהינגעקומען.

בכדי פטור צו ווערן פונם יאָך פון אשור, האָבן אַ סך פון די בני־ישראל פאַרלאָזן זייער היים און זיינען אַנטלאָפן אין לאַנד יהודה אָדער קיין מצרים. אין געוועזענעם קיניגרייך ישראל זיינען געבליבן נאָר די אָרימע קלאַסן פון פאָלק, די ערדאַרבע־טער און די בעלי־מלאכות. אין די ליידיקע שטעט פון מלכות־שומרון האָבן די אשורים באַזעצט געפאַנגענע פון אַנדערע פעל־קער, און די ערד האָבן פאַרנומען אשורישע קריגסלייט.

עמוס און הושע — די נביאים פון ישראל.

אין יענער צייט, קורץ פאַרן חורבן פון שומרון, זיינען אויפ־געשטאַנען ביים פאָלק ישראל גרויסע נביאים. מיר ווייסן פון צוויי אַזעלכע נביאים, וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט: עמוס און הושע. די דאָזיקע נביאים האָבן ניט נאָר פאָראויס־געזאָגט וועגן דעם, וואָס ס׳וועט געשען אין קומענדיקע צייטן, און געוואָרנט דאָס פאָלק פאַר די אומגליקן, וואָס רוקן זיך אָן. זיי האָבן אויך געשטראָפט דאָס פאָלק און דעם קיניג און די שרים פאַר זייערע שלעכטע מעשים. די נביאים האָבן גע־לערנט, אַז דער גאָט פון ישראל איז אַ גערעכטער און אַ גוטער גאָט און האָט פיינט עוולות. זיי האָבן גערופן דאָס פאָלק צו טאָן גוטס, צו העלפן אָרימעלייט, צו באַשיצן אלמנות און יתומים. זיי האָבן גערעדט אין גאָטס נאָמען אָפן פאַר דער גאַנ־צער וועלט און האָבן פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט.

עמוס און הושע פלעגן שטראָפן דעם קיניג און די שרים פאַר זייערע זינד, וואָס זיי באַדריקן די אָרימעלייט, וואָס זייער איינציקער פאַרלאַנג איז צו לעבן אין וואוילטאָג, און זיי זוכן גאָרניט צו משפטן דאָס פאָלק מיט גערעכטיקייט. זיי האָבן פאָראויסגעזאָגט, אַז דאָס קיניגרייך ישראל וועט אונטערגיין פאַר זייערע זינד. זיי האָבן גערופן דאָס פאָלק צו טאָן תשובה, וואָרים גאָט פאַרלאַנגט בעסער גוטע מעשים פון מענטשן, איידער קרבנות. עמוס האָט אויך געלערנט דאָס פאָלק צו פאַרשטיין, אַז דער גאָט פון ישראל איז איין גאָט אויף דער וועלט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד און פירט אַלע באַשעפענישן אין גערעכטיקייט און גענאָד.

אין יענער צייט האָבן שוין אַ סך פון די בני-ישראל געקאָנט שרייבן. מחמת דעם האָט מען דעמאָלט צוערשט פאַרשריבן די סיפּורים וועגן די אָבות און פאַרשיידענע אַנדערע מעשיות, וואָס דאָס פאָלק פלעגט דערציילן. אויף אַזאַ אופן זיינען די אַלע מעשיות אָפּגעהיט געוואָרן ביז היינטיקן טאָג. אויך די נביאות פון עמוס און הושע זיינען פאַרשריבן געוואָרן. זיי געפינען זיך איצט אין תנ"ך.

פסוקים פון עמוסעס נבואות.

„ווייל איר האָט געטראָטן אויפן אָרימאַן און גענומען פון אים אַ גאָב פון תבואה, — דערפאַר וועט איר בויען הייזער פון געהאַקטע שטיינער, נאָר ניט וואוינען אין זיי, איר וועט פלאַנצן געלוסטיקע וויינגערטנער, נאָר ווײַן פון זיי ניט טרינקען. ווייל איך ווייס: פיל זיינען די פעלשונגען און גרויס זיינען אייערע זינד; איר באַדריקט דעם גערעכטן, נעמט שוחד און ווענדט אָפּ (דעם משפט) פון אָרימעלייט ביים טויער.

ער, וואָס האָט געשאַפן דעם זיבן־שטערן, וואָס מאַכט פון פינסטערער נאַכט פרימאָרגן און דעם טאָג צו נאַכט מאַכט ער פינסטער, וואָס ער האָט גערופן די וואַסערן פון ים און זיי צעגאָסן איבער דעם פנים פון דער ערד, — גאָט איז זיין נאָמען.

האָט פיינט בייזס און האָט ליב גוטס, שטעלט איין גערעכ־טיקייט און משפט, — אפשר וועט גאָט, דער גאָט פון די חילות רחמנות האָבן אויפן רעשט פון יוספן.

איך האָב פיינט, מיר זיינען דערווידער אייערע ימים־טובים, און איך טו ניט שמעקן דעם ריח פון אייערע יום־טובדיקע קרבנות. אַז איר ברענגט עולות, טו איך ניט קוקן. טוט אָפּ פון מיר דעם טומל פון אייערע לידער, דאָס שפּיל פון אייערע האַרפעס וויל איך ניט הערן. זאָל ווי וואַסער פליסן גערעכטיקייט, און אמת ווי אַן אייביקער קוואַל.

ווי געשריען צו די, וואָס ליגן אויף בעטן פון העלפאַנד־ביין, אויסגעצויגן אויף זייערע געלעגערס, עסן די פעטע שאָף און קעלבער פון פעטער פאַשע; וואָס צימבלען אויף דער האַר־פע, ווי דוד האָט זיך געמאַכט שפּילגעצייג; וואָס טרינקען ווין פון גרויסע בעכערס און שמירן זיך מיט די בעסטע איילן. דער־פאַר וועלן זיי איצט גיין אין די ערשטע רייען פון די פאַרטרי־בענע, און ענדיקן וועט זיך דאָס הוליען פון די פאַרשייטע״.

פסוקים פון הושעס נבואות.

„הערט גאָטס וואָרט, איר זין פון ישראל, וואָרים אַ משפּט האָט גאָט מיט די איינוואוינער פונם דאָזיקן לאַנד, וואָרים ס׳איז ניטאָ קיין אמת און קיין גענאָד און קיין קענטשאַפט פון גאָט אים לאַנד. פאַלש שווערן, אָפּנאַרן, רצחענען, גנבענען,

פאַרשייטקייט איז פאַרשפּרייט, און בלוט האָט אָנגערירט בלוט.

הערט דאָס איר, כהנים, און פאַרנעמט, הויז ישראל. הערט זיך צו, דעם קיניגס הויז, וואָרים מיט אייך איז דער משפּט. איר האָט איינגעוואָרצלט דעם שוחד פון אומגערעכטע שופטים, און איך וועל זיי אַלעמען באַשטראָפן — גענאָד באַגער איך, און ניט קיין געשאָכטנס.

עס שעכט פאַרן קאַלב, שומרון, — מיין צאָרן ברענט איבער זיי. וואָרים פון ישראל איז ער, און אַ מייסטער האָט אים געמאַכט, און קיין גאָט איז ער ניט".

18.

דאָס קיניגרייך יהודה.

(933—586).

פּרנסות און געזעלשאַפטלעכער לעבן-שטייגער.

דאָס לאַנד יהודה איז געווען אַ גאַנץ רייכע מדינה. דורכן קיניגרייך יהודה האָבן זיך געצויגן די האַנדלס-וועגן פון מצרים קיין בבל, און די אָרטיקע סוחרים האָבן געפירט אַ האַנדל מיט די דאָזיקע לענדער און אויך מיט אַראַביע און אינדיע. נאָר דער גרעסטער טייל פון די יידן האָבן זיך נאָך אַלץ פאַרנומען מיט באַאַרבעטן די ערד, פלאַנצן סעדער און וויינגערטנער. עס זיינען אויך געווען צווישן זיי בעלי-מלאכות — שמידן, וועבערס, טעפּערס, בוימייסטערס, מויערערס און אַנדערע. די פּויערים און

בעלי־מלאכות האָבן זיך געלעבט אָרים און פּשוט, זייערע שטיבלעך, די שטוביקע בעל־הבתישקייט, זייער שפּייז און קליידונג, און בכלל זייער גאַנצער שטייגער פון לעבן זיינען געבליבן כמעט ווי פריער, אין גאָר אַלטע צייטן.

דערפאַר אָבער האָבן די רייכע סוחרים און די גדולים פון דער מלוכה געפירט אַ לעבן אין וואוילטאָק און לײדיקגיין. זייערע הייזער זיינען געווען ריין און פאַרפּוצט גאָר אַ פּראַכט. זיי האָבן זיך געשמירט מיט שמעקעדיקע אייל, זיך אָנגעטאָן אין טייערע געוואַנטן. אַ סך פון זיי האָבן פאַרבראַכט די גאַנצע צייט אין פריילעכע סעודות, האָבן פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט געטרונקען טייערן וויין, און שפּילערס האָבן פאַר זיי געשפּילט אויף האַרפעס, גיטאַרעס און פייקלעך. איבערהויפּט שטאַרק האָבן זיך געפּוצט די רייכע פרויען. זיי פלעגן טראָגן מענטעלעך און שלייערס פון דורכזיכטיקע געוואַנטן און שפּיצן און גיין באַהאַנגען מיט כלערליי צירונג — אויערינגלעך, בראָנזעלעטן, קייטלעך און פאַרשיידענע פליטערלעך. רינגען פלעגן זיי טראָגן ניט נאָר אויף די פינגער, נאָר אויך אין נאָז, בראָנזעלעטן ניט נאָר אויף די הענט, נאָר אויך אויף די פיס.

מיט דער צייט איז דער אונטערשייד צווישן רייך און אָרים אַלץ שטאַרקער געוואָרן. די גבירים און די שׂרים האָבן אַלץ מער געדריקט די אָרימעלייט, אַ סך פון זיי האָבן געמוזט ווערן קנעכט, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן זייערע חובות, און אַזוי באַווייזן זיך, חוץ געפאַנגענע, וואָס מען האָט זיי גענומען אין מלחמות, אויך יידן שקלאַפן. אין יענער צייט אָבער איז דער מצב פון די קנעכט ניט געווען אַזוי גוט, ווי אין דער עלטסטער צייט. איצט זיינען זיי שוין ניט געווען מער פאַררעכנט פאַר בני־בית. נאָר זיי האָבן געמוזט טאָן די שווערסטע אַרבעטן.

יידן האָבן דעמאָלט געמעגט האָבן צו עטלעכע פרויען. אָבער די פרויען האָט מען באַדאַרפט קויפן. דעריבער האָבן נאָר רייכע לייט געקאָנט האָבן אַ סך פרויען. די פּויערים און בעלי־מלאכות פלעגן נעמען ניט מער ווי צו איין פרוי. מער ניט דעמאָלט, ווען די ערשטע פרוי האָט קיין קינדער ניט געהאַט, פלעגן אויך אָרימע נעמען אַ צווייטע פרוי. די פרויען ביי אָרימעלייט פלעגן געוויינלאַך טאָן די שווערסטע אַרבעטן אין דער שטוביקער בעל־הבתישקייט — טראָגן וואַסער, מאָלן מעל, באַקן ברויט וכדומה. יידן פלעגן אָפטמאָל חתונה האָבן מיט נאָנטע קרובים. די מאַכט פונם מאַן און פאָטער איז געווען זייער גרויס: ער האָט געקאָנט אָפּגטן די פרוי, ווען ער האָט געוואָלט, און די קינדער האָט ער אפילו געמעגט פאַרקויפן פאַר שקלאַפן.

די צייט פון קיניג רחבעם און זיינע יורשים.

דאָס קליינע לאַנד יהודה מיט זיינע ווינציק איינוואוינער האָט געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון אַלע שכנים אַרום, איבער־הויפּט שווער זיינען געווען די מלחמות מיט מלכות ישראל; זיי האָבן געדויערט כמעט אָן אויפהער אין משך פון פופציק יאָר. די בני־ישראל זיינען געווען אַ סך מער, ווי די בני־יהודה, דעריבער האָט מען געקאָנט מורא האָבן, אַז דאָס קיניגרייך יהודה וועט ניט קאָנען זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן שטאַרקן שונא, און אַז די מלכים פון ישראל וועלן עס סוף־כל־סוף איינגעמען. נאָר די בני־יהודה האָבן געהאַט הצלחה אין די מלחמות מיט די בני־ישראל און האָבן זיי אָפּגעטריבן.

אַלע מלכים פון יהודה האָבן געשטאַמט פון דודס הויז, און די ממשלה פלעגט געוויינלאַך איבערגיין פון פאָטער צום זון. דערפאַר זיינען אין מלכות יהודה ניט געווען אַזעלכע מהומות,

ווי אין מלכות-ישראל. דאָס פאָלק פון יהודה האָט געקאָנט צע־נויפנעמען אַלע זיינע כוחות אויף צו פאַרטיידיקן זיין קליינע מלוכה און אָפּצושלאָגן די שונאים. אינגאַנצן האָט דאָס קיניג־רייך יהודה זיך איינגעפעסטיקט אין דער צייט פון קיניג יהושפט (873—849), וואָס האָט געקיניגט אין דערזעלבער צייט, וואָס דער קיניג אַחאָב פון ישראל. יהושפט האָט חתונה געמאַכט זיין זון מיט אַחאָבס טאָכטער, האָט אים געהאָלפן אין די מלחמות קעגן די אַרמים, און אויף אַ געוויסער צייט האָט די פיינטשאַפט צווישן מלכות-יהודה און מלכות-ישראל אויפגעהערט.

די יידן פלעגן מנדב זיין אַ סך געלט אויף צו פוצן דעם בית-המקדש אין ירושלים, אַזוי אַז דאָרט האָבן זיך אָנגעקליבן רייכע אוצרות פון גאָלד און זילבער. אין שלעכטע צייטן פלעגט מען אויסניצן די דאָזיקע אוצרות אויף אויסצוקויפן זיך פון שונאים — פון די מצרים, אַרמים, אַשורים. די כהנים, וואָס האָבן געדינט אין בית-המקדש, האָט מען געהאַלטן מיט גרויס כבוד. דער הויפּט-כהן, דער כהן-גדול, פלעגט אפילו זאָגן אַמאָל אַ דעה אין די ענינים פון דער מלוכה. נאָר אויך די בני-יהודה האָבן אָנגעהויבן נאָכטאָן די מנהגים פון די פעני־קיער. זייער שטאַרק זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן פעניקישע מידות אין דער צייט פון דער קיניגין עתליה, דער טאָכטער פון אַחאָב און איזבל.

עתליה איז געווען די פרוי פון יהושפטס זון, יורם. נאָך דעם, ווי עס זיינען געשטאָרבן איר מאַן און איר זון, האָט זי פאַרכאַפּט די ממשלה אין איר האַנט און האָט אין משך פון זעקס יאָר געקיניגט איבער יהודה. זי האָט געפירט איר הער־שאַפט מיט גרויס אכזריות, און דאָס פאָלק האָט זי פיינט גע־האַט. סוף-כל-סוף האָט מען מורד געווען קעגן איר און זי געטויט.

סיפור פון תנ״ך וועגן דער קיניגין עתליה.

אז עתליה, אחזיהוס מוטער, האָט דערזען, אַז איר זון איז געשטאָרבן, איז זי אויפגעשטאַנען און האָט פאַרטיליקט די גאַנצע קיניגלעכע משפחה. האָט יהושבע, דעם קיניג יהורמס טאָכטער, אַ שוועסטער פון אחזיהו און די פרוי פון יהוידע דעם כהן, גענומען יואָשן דעם זון פון אחזיהו, האָט אים אַרויסגעגנבעט פון צווישן דעם קיניגס קינדער, וואָס דאַרפן געטויט ווערן, און האָט אים באַהאַלטן פון עתליה, און מען האָט אים ניט געטויט. ער איז געווען מיט זיי אין גאָטס הויז באַהאַלטן זעקס יאָר, און עתליה האָט געקיניגט איבערן לאַנד.

אויפן זיבעטן יאָר האָט יהוידע זיך געשטאַרקט און האָט גענומען די עלטסטע איבער די הונדערטער און די לויפערס, האָט זיי געבראַכט אין גאָטס הויז, געשלאָסן מיט זיי אַ בונד, באַשוואוירן זיי אין גאָטס נאָמען און באַוויזן דעם קיניגס זון. און דער כהן האָט געגעבן די עלטסטע איבער די הונדערטער שפּיזן און שילדן פונם קיניג דוד, וואָס זיינען געווען אין גאָטס הויז. און די לויפערס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט, איטלעכער מיט זיין געווער אין דער האַנט פון דער רעכטער זייט הויז ביז דער לינ־קער ביים מזבח און ביים הויז אַרום קיניג. און ער האָט אַרויס־געפירט דעם קיניגס זון און אַרויפגעלייגט אויף אים די קרוין און די צירונג, און זיי האָבן אים געמאַכט קיניגן און געזאַלבט אים און געפּלעסקעט מיט די הענט און געזאָגט: „לעבן זאָל דער קיניג!“

האָט עתליה דערהערט דעם קול פון פאָלק, וואָס לויפט, און איז געקומען צום פאָלק אין גאָטס הויז אַריין. און זי האָט דערזען: דער קיניג שטייט ביים זייל, ווי דער דין איז, און די

שרים און די טרומייטן זיינען לעבן קיניג, און דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד פרייט זיך און בלאָזט אין טרומייטן. און עתליה האָט צעריסן אירע קליידער און האָט געשריען: „אַ בונט! אַ בונט!" האָט דער כוהן יהוידע באַפוילן די עלטסטע איבער די הונדערטער און געזאָגט צו זיי: „פירט זי אַרויס הינטער די רייען, און דער, וואָס גייט אַרויס נאָך איר, זאָל געטויט ווערן מיטן שווערד". איז זי אַוועק דורך דעם פערד-אַריינגאַנג אין קיניגס הויז און איז דאָרט געוואָרן געטויט. האָט דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד זיך געפרייט, און די שטאָט איז שטיל געוואָרן.

ישעיהו הנביא.

אַז דאָס קיניגרייך שומרון איז חרוב געוואָרן, איז אָנגעפאַלן אַ גרויסע מורא אויף די יידן פון מלכות יהודה. אַ סך האָבן געגלויבט, אַז דאָס אומגליק, וואָס איז געקומען אויף מלכות-ישראל, איז געווען אַ שטראָף פון גאָט פאַר די זינד, און זיי האָבן אָנגעהויבן קלערן וועגן דעם, ווי אַזוי איבערצובייטן דעם פריערדיקן שטייגער לעבן, בכדי מלכות-יהודה זאָל אויך ניט האָבן דעמזעלבן ביטערן סוף. זינט יענער צייט האָבן יידן אָנגעהויבן מער זיך צוהערן צו די שטראָף-רייד פון די נביאים.

אין יענער צייט האָט געלעבט דער גרויסער נביא ישעיהו. פונקט ווי די נביאים פון ישראל, עמוס און הושע, איז ישעיהו אויסן געווען צו פאַרבעסערן די מידות אין דעם אויפפיר פונם פאָלק. אין זיינע נביאות פלעגט ער שטענדיק אויסריידן די יידישע גבירים פאַר זייער תאוה צו געלט און פאַר זייער רשעות; דערפאַר, וואָס זיי טראַכטן נאָר וועגן לעבן און וואוילטאָק און דריקן אָרימעלייט, האָט ער זיי געשראָקן, אַז גאָט וועט זיי שטראָפן מיט דחקות, הונגער און קנעכטשאַפט. נאָר ישעיהו האָט געגלויבט, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט ניט אונטערגיין,



ישעיהו הנביא

אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען רשעות און בייז וועט פאַר־שווינדן פון דער וועלט, און אַלע מענטשן וועלן לעבן, ווי ברי־דער צווישן זיך, אין שטענדיקן שלום און גליק.

ישעיהו הנביא האָט אויך געגלויבט, אַז דער גאָט פון ישראל איז דער איינציקער גאָט אין דער וועלט, דער גאָט פון אַלע פעלקער. נאָר אין יענער צייט זיינען נאָך געווען אין פאַר־שיידענע ערטער פון מלכות-יהודה געצנבילדער, וואָס דאָס פאָלק האָט געדינט צו זיי. ישעיהו האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ גרויסן חטא און האָט געפאָדערט פון פאָלק, זיי זאָלן אַוועק־וואַרפן די געצן און זיך אָפּזאָגן פון די פאַרשיידענע מנהגים, וואָס זיי האָבן געהאַלטן.

פסוקים פון ישעיהוס נבואות.

„צו וואָס דאַרף איך אייערע פיל קרבנות? — זאָגט גאָט. איך בין איבערזאַט פון די עולות פון שאָפּבעק און פונם חלב פון געפּיטערטע קעלבער; דאָס בלוט פון רינדער, שעפּסן און בעק וויל איך ניט האָבן. און אַז איר שטרעקט אויס אייערע הענט, באַהאַלט איך מיינע אויגן פון אייך; אַז איר וועט אפילו אַ סך מתפּלל זיין, הער איך ניט — אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט. וואַשט זיך, רייניקט זיך אָפּ, דערווייטערט אייערע שלעכטע מעשים פון מיינע אויגן, הערט אויף שלעכטס טאָן! לערנט זיך אויס גוטס טאָן, זוכט גערעכטיקייט, האַלט אָפּ דעם רויבער, משפּט אַ יתום, שטעלט זיך איין פאַר אַן אלמנה!

ווי געשריען צו די, וואָס רוקן צו אַ שטוב צו אַ שטוב, דערנענטערן אַ פעלד צו אַ פעלד — אַזוי, אַז עס בלייבט קיין אָרט ניט איבער! ווי געשריען צו די, וואָס שטייען אויף אין־דערפרי צו זוכן שיכרות-געטראַנקן, וואָס זיצן ביז שפּעט אין־

דערנאכט, צעהיצט פון וויין! גיטארע און הארף, פויק און פייפל, און וויין איז אויף זייערע מאלצייטן. דערפאר וועט מיין פאלק אוועק אין געפאנגענשאפט, און זיינע מכובדים וועלן הונגערן, און זיינע אויסברענגער—געפייניגט ווערן פון דארשט.

ווי געשריען צו די, וואס רופן אן שלעכטס — גוטס און גוטס — שלעכטס! ווי געשריען צו די, וואס מאכן גערעכט דעם רשע פאר שוחד און די גערעכטיקייט פונם צדיק טוען זיי אפ פון אים. דערפאר האט אויפגעפלאקערט גאטס צארן איבער זיין פאלק, און ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנט איבער דעם און האט עם געשלאגן, און די בערג זיינען פארציטערט געווארן; און זייערע טויטע פגרים זיינען אויסגעשפרייט, ווי מיסט, אי־בער די גאסן.

עס וועט זיך אומקערן דער איבערגעבליבענער רעשט פון יעקב צום שטארקן גאט. און עס וועט וואוינען א וואלף מיט א שעפעלע, און א לעמפערט מיט א ציגעלע וועט זיך לאגערן. און א קו מיט א בער וועלן אינאיינעם ווייַדן, און א לייב וועט, ווי א רינד, עסן שטרוי. און שפילן וועט א זויג־קינד ביי דער לאך פון א ברען־שלאנג, און צום נעסט פון א וויפער־שלאנג וועט אן אנטווינטע קינד זיין האנט פירן. זיי וועלן ניט קיין בייז טאן און ניט שאדן ברענגען אויף גאר מיין הייליקן בארג, ווארים פול איז געווארן די ערד מיט קענטשאפט פון גאט, ווי וואסערן, וואס באדעקן דעם ים.

די צייט פון קיניג חזקיהו (727—699).

די נביאות פון ישעיהו הנביא האבן געהאט א גרויסע וויר־קונג אויף דעם קיניג חזקיהו. ער האט באשטימט מבטל צו זיין די היידנישע מנהגים און האט געהייסן אומעטום צעשטערן די געצן־בילדער, אויסהאקן די הייליקעביימער און אראפרייסן די

מזבחות אויף די בערגלאַך. נאָר דאָס פאָלק האָט דאָס ניט גע־וואָלט ליידן, ווייל עס איז שווער געווען זיך אָפּצוגעוואוינען פון די איינגעשטעלטע מנהגים. אויך די כהנים, וואָס האָבן געדינט ביי די אָרטיקע מזבחות, זיינען ניט געווען צופרידן דערמיט, וואָס עס ווערן בטל די במות, וואָרים, אַז די מזבחות און דער דינסט אויף זיי ווערן בטל, האָבן די כהנים באַדאַרפט פאַרלירן זייער פרנסה פון וואָס זיי האָבן זיך געשפּייזט.

נאָר קעגן קיניגס רצון האָבן זיי ניט געקאָנט גיין, און ער־טערווייז זיינען טאַקע די אָרטיקע היילִיקטימער געוואָרן צע־שטערט. אָבער ווי נאָר דער קיניג חזקיהו איז געשטאָרבן, האָבן אַ סך באַלד ווידער אויפגעריכט די במות.

אין יענער צייט (7 יאָרהונדערט) זיינען שוין אין מלכות־יהודה געווען אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט לייענען און שרייבן. חוץ די כראָניקעס, אָדער דברי־הימים, דאָס איז טייטש: „די פּאַסירונגען פון דער צייט“, וואָס מען האָט פאַר־שריבן ביי איטלעכן קיניגס הויף נאָך זינט די צייטן פון דוד און שלמה, האָט מען איצט געהאַט שוין געשריבענע מעשיות פון דער אַמאָליקער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

איבערהויפּט שיין זיינען געווען געשריבן די מזמורים פון תהלים. דאָס זיינען תפילות און געזאַנגען, וואָס יידן פלעגן זיי זינגען אין אַ צייט פון טיפן טרויער אָדער שטאַרקער פרייד. און נאָך ביזן היינטיקן טאָג גיסן אויס יידן זייער געמיט צו גאָט אין די דאָזיקע הארציקע תפילות. אויך קריסטן באַנוצן זיי ביי זייער דינסט אין די קירכעס.

געשריבן האָבן יידן אין יענער צייט אויף געטריקנטע און באַאַרבעטע בלעטער פון אַזאַ מין געוויקס, וואָס מען רופט עס אַן „פּאַפּירוס“; דעם פּאַפּירוס פלעגט מען ברענגען צו פירן פון

מצרים. קיין ביכער מיט דפים זיינען דעמאָלט ניט געווען, נאָר מגילות, ווי די איצטיקע ספרי־תורות. די מגילות האָבן געקאָסט זייער טייער, און דערפאַר זיינען זיי געווען זייער ווינציק.

די צייט פון קיניג יאשיהו (640—609).

מיט דער צייט האָבן די געדאַנקען פון די נביאים זיך אַלץ מער פאַרשפרייט צווישן יידן. עס איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן דער גלויבן אין איין איינציקן גאָט, און אַלץ מער זיינען געוואָרן די געגנער פון געצנדינעריי. נאָר ערשט אין יאָר 623, כמעט אין הונדערט יאָר אַרום נאָך חזקיהוס טויט, האָט מען זיך גענומען פאַרן אָפּשאַפן פאַרשיידענע היידנישע מנהגים. געטאָן האָט דאָס דער קיניג יאשיהו, חזקיהוס אייניקל. ער האָט געהייסן אַרויסטראָגן פון בית־המקדש אין ירושלים אַלע זאַכן, וואָס זיינען דאָרט געשטעלט געוואָרן לכבוד די היידנישע געטער, און עס זיינען צעשטערט געוואָרן די מזבחות אויף די במות, און די פּלעצער, וואו זיי זיינען געשטאַנען, האָט מען אײַבערגעלאָזט אויף אָפּצוואוואַרפן אַהין מיסט. דאָס מאָל האָט שוין קיינער זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט קעגן קיניגס פאַרלאַנג. דער קיניג יאשיהו האָט געהאַט מער מזל פאַר זיין זיידן, און דער גרעסטער רוב פון פאָלק איז געווען צופרידן פון זיין אויפטו.

חוץ די נביאים און דעם קיניג, האָבן אויך די כהנים פון ירושלים פאַרלאַנגט, אַז די במות זאָלן ווערן צעשטערט. זיי האָט עס געלוינט, אַז אַלע מזבחות זאָלן פאַרשווינדן, און מען זאָל קאָנען ברענגען קרבנות נאָר אין בית המקדש, וואָרים פון איטלעכן קרבן פלעגן די כהנים באַקומען אַ טייל, און וואָס מער קרבנות עס זיינען געווען, אַלץ גרעסער זיינען געווען זייערע הכנסות.

דער אויפטו פונם קיניג יאשיהו האט אריינגעבראכט א גרויסן שינוי אינם לעבן פון יידישן פאלק. אז די מזבחות זיינען בטל געווארן, זיינען פארשוואונדן געווארן די ערטער, וואו אזעלכע, וואס האבן געהרגעט א מענטשן בשוגג, האבן געקאנט זיך באהאלטן. די כהנים ווידער, וואס האבן געדינט ביי די במות, זיינען געבליבן אן פרנסה און האבן געמוזט זיך אריבערקלייבן קיין ירושלים. צו ביסלעכווייז זיינען אויך בטל געווארן די ארטיקע ימים-טובים, און אין די שלש-רגלים האבן די איינוואוינער פון אלע שטעט און דערפער געמוזט אויפגיין קיין ירושלים, ווארים נאר דארט האט מען געמעגט ברענגען קרבנות. אזוי האבן די געזעצן, וואס זיינען געווען פארשריבן אין דעם „ספר התורה", ארויסגעשטופט די אלטע מנהגים, און דער אויפפיר פון יידישן פאלק האט זיך שטארק אומגעביטן.

19.

סיפורים פון תנ"ך וועגן קיניג יאשיהו און וועגן דעם ספר התורה.

דער אויפטו פון קיניג יאשיהו.

עס איז געווען אין אכצנטן יאר פון קיניג יאשיהו, האט דער קיניג געשיקט שפנען, דעם זון פון אצליהו דעם זון פון משלם, דעם סופר אין גאטס הויז, און געזאגט צו אים: „גיי ארויף צום כהן גדול חלקיהו, און זאל ער איבערציילן דאס זילבער,

וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין גאָטס הויז, וואָס די טיר־היטערס האָבן צונויפגעקליבן פון פאָלק, און זאָל מען עס געבן די בעלי־מלאכות, וואָס אין גאָטס הויז, צו פאַרריכטן דאָס הויז: די בוימייסטערס און די מויערערס און די בויערס און צו קויפן האָלץ און געהאַקטע שטיינער, צו פאַרפעסטיקן דאָס הויז".

האָט געזאָגט חלקיהו דער כהן גדול צו שפן דעם סופר: „דעם ספר התורה האָב איך געפונען אין גאָטס הויז". און חלקיהו האָט געגעבן דעם ספר שפנען, און ער האָט אים געלייענט. האָט שפן דער סופר געזאָגט צום קיניג: „אַ ספר האָט מיר געגעבן חלקיהו דער כהן". און עס האָט אים פאָרגעלייענט שפן פאַרן קיניג. אַז דער קיניג האָט געהערט די רייד פונם ספר התורה, האָט ער צעריסן זיינע קליידער. און דער קיניג האָט באַפוילן: „גייט און פאָרשט גאָט וועגן מיר און וועגן דעם פאָלק און וועגן גאַנץ יהודה איבער די רייד פון אָט דעם געפונענעם סופר. וואָרים גרויס איז דער צאָרן פון גאָט, וואָס ברענט איבער אונז, ווייל אונזערע עלטערן האָבן ניט געהערט צו די רייד פונם דאָזיקן ספר, צו טאָן אַליץ, ווי עס איז געשריבן אויף אונז". איז געגאַנגען חלקיהו דער כוהן און אחיקם און עכבור און שפן און עשיה צו חלדה דער נביאה און האָבן גערעדט צו איר. האָט זי צו זיי געזאָגט: „אַזוי זאָגט גאָט דער גאָט פון ישראל: זאָגט צו דעם מאַן, וואָס האָט אייך געשיקט צו מיר: אַזוי זאָגט גאָט: איך וועל ברענגען אַן אומגליק אויפן דאָזיקן אָרט און אויף זיינע איינוואוינער, ווי די אַלע רייד פונם ספר, וואָס דער קיניג פון יהודה האָט געלייענט. דערפאַר, ווייל זיי האָבן מיך פאַרלאָזט און גערויכערט צו פרעמדע געטער, בכדי מיך צו דערצאָרענען מיטן גאַנצן טואָכץ פון זייערע הענט, איז אָנגעצונדן מיין צאָרן איבער דעם אָרט און וועט ניט אויסגעלאָשן ווערן". האָט מען די רייד איבערגעגעבן דעם קיניג.

האָט דער קיניג געשיקט, און מען האָט צונויפגעקליבן ביי אים אַלע עלטסטע פון יהודה און ירושלים. און אויפגעגאַנגען איז דער קיניג אין גאָטס הויז, און אַלע מענער פון יהודה און די איינוואוינער פון ירושלים מיט אים, די כהנים און די נביאים און דאָס גאַנצע פאָלק פון קליין ביז גרויס. און ער האָט געלייענט פאַר זיי אַלע רייד פונם ספר, וואָס איז געפונען געוואָרן אין גאָטס הויז.

האָט דער קיניג באַפוילן חלקיהו דעם כהן גדול און די צווייטע כהנים און טיר-היטערס אַרויסצוטראָגן פון גאָטס היכל אַלע כלים, וואָס זיינען געווען געמאַכט פאַרן בעל און פאַר דער אשרה און פאַרן גאַנצן חיל פון הימל, און פאַרברענען זיי אויסער דער שטאָט ירושלים אין די פעלדער פון קדרון. און ער האָט אָפּגעשאַפט די כמרים, וואָס די מלכים פון יהודה האָבן געשטעלט אויף צו רויכערן אויף די במות אין די שטעט פון יהודה און ארום ירושלים, און יענע, וואָס האָבן גערויכערט צום בעל, צו דער זון, צו דער לבנה, צו די מזלות און צום גאַנצן חיל פון הימל.

רעליגיעזע חוקים פון ספר התורה.

דו מעגסט קוילן פון דיינע שאָף און פון דיינע רינדער, וואָס גאָט האָט דיר געגעבן, ווי איך האָב דיר באַפוילן, און מעגסט עסן אין דיין וואוין-אָרט, ווי דיין האַרץ געלוסט. נאָר שטאַרק זיך, ניט צו עסן קיין בלוט. וואָרים בלוט איז דער נפש... זאָלסט עס ניט עסן, אויף דער ערד גיס עס אויס, ווי וואַסער.

היט דעם חודש אָביב, און זאָלסט מאַכן פסח פאַר גאָט, דיין גאָט, וואָרים אין חודש אָביב האָט דיך אַרויסגעפירט דיין גאָט פון מצרים ביינאַכט. און זאָלסט שעכטן אַ קרבן פסח צו גאָט,

דיין גאָט, שאָף און רינדער. אין דעם אָרט, וואָס גאָט וועט אויס־קלייבן צו לאָזן רוען זיין נאָמען, דאָרט זאָלסטו ניט עסן קיין חמץ, זיבן טעג זאָלסטו עסן מצות, אָרים ברויט, בכדי דו זאָלסט געדיינקען דעם טאָג, ווען דו ביסט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אַלע טעג פון דיין לעבן.

זיבן וואָכן זאָלסטו זיך אָפציילן, זינט דער שנייד־מעסער ווערט דורכגעפירט צוערשט איבער די זאַנגען, און זאָלסט מאַכן דעם יום־טוב שבועות. און דו זאָלסט זיך פרייען פאַר גאָט, דו און דיין זון און דיין טאָכטער און דיין קנעכט און דיין דינסט און דער לוי (באַדינער אין בית־המקדש), וואָס אין דיינע טויערן, און דער פרעמדער און דער יתום און די אלמנה, וואָס זיינען צווישן דיר.

דעם יום־טוב סוכות מאַך זיבן טעג, ווען דו קלייבסט צונויף פון דיין שייער און פון דיין קעלטער. און דו זאָלסט זיך פרייען אין דיין יום־טוב, דו און דיין זון און דיין קנעכט און דיין דינסט און דער לוי און דער פרעמדער און דער יתום און די אלמנה, וואָס אין דיינע טויערן.

דריי מאָל אין יאָר זאָלן זיך ווייזן אַלע דיינע מאַנסבילן פאַר גאָט, דיין גאָט, אין דעם אָרט, וואָס ער וועט אויסקלייבן, אין דעם חג המצות, אין חג השבועות און אין חג הסוכות. עס זאָל זיך ניט באַווייזן קיינער פאַר גאָט מיט ליידיקע הענט, נאָר איטלעכער מיט דער מתנה פון זיין האַנט, לויט דער ברכה פון גאָט, וואָס ער האָט געגעבן.

געזעצען וועגן משפט.

דריי שטעט זאָלסטו אָפּשיידן אין דיין לאַנד. זאָלסט צו־גרייטן דעם וועג און דריטלען דעם גבול פון דיין לאַנד, וואָס דיין גאָט מאַכט דיך אַרבן. און עס זאָלן זיין צום אַנטלויפן פאר איטלאַכן רוצח. און דאָס איז דער דין פונם רוצח, וואָס מעג אַנטלויפן אַהין און בלייבן לעבן. דער, וואָס וועט הרגענען זיין חבר אָן צו וויסן, און ער איז אים ניט קיין שונא פון נעכטן און אייערנעכטן; דער, וואָס וועט גיין מיט זיין חבר אין וואַלד אַריין צו האַקן האָלץ, און עס וועט געשטויסן ווערן זיין האַנט צו האַקן דעם בוים, נאָר דאָס אייזן וועט אַראָפּפאַלן פון האָלץ און טרעפן דעם חבר, און ער וועט שטאַרבן, — יענער מעג לויפן אין איינער פון די דאָזיקע שטעט און בלייבן לעבן. עס זאָל ניט נאָכלויפן דער אויסלייזער פונם בלום נאָכן רוצח, ווייל זיין האַרץ וועט אין אים זיין צעקאָכט, און ער זאָל אים ניט דערגרייכן, ווייל דער וועג איז צו לאַנג, און טויטן, בעת אים קומט ניט קיין טויט, ווייל ער איז ניט געווען אים קיין שונא פון נעכטן און אייערנעכטן.

ווען איינער וועט זיין אַ שונא זיין חבר און וועט לאָקערן אויף אים און אויפשטיין און אים שלאָגן, און ער וועט שטאַרבן, און דערנאָך וועט ער אַנטלויפן אין איינער פון די דאָזיקע שטעט,—דעמאָלט זאָלן שיקן די עלטסטע פון זיין שטאָט און צונעמען אים פון דאָרטן און איבערגעבן אים אין האַנט פונם בלוט־אויסלייזער, און זאָל ער שטאַרבן. זאָלסט אויף אים קיין רחמנות ניט האָבן און זאָלסט אָפּראַמען אומשולדיק בלוט פון ישראל, בכדי דיר זאָל גוט זיין.

עס זאָל ניט אויפשטיין איין עדות קעגן אַ מענטשן אין איט־לעכער זינד און איטלעכן חטא; דורך צוויי עדות אָדער דריי

עדות זאָל אַ זאַך באַשטיין. ווען עס וועט אויפשטיין אַ פאַל־שער עדות קעגן אַ מענטשן צו באַווייזן קעגן אים בייז, זאָלן זיך שטעלןביידע מענער, וואָס צווישן זיי איז דער שטרייט, פאַר גאָט, פאַר די כוהנים און שופטים, וואָס וועלן זיין אין יענער צייט. און די שופטים וועלן גוט אויספאָרשן, און אַז עס וועט זיך ווייזן, אַז דער עדות איז אַ פאַלשער, אַז ליגן האָט ער באַוויזן קעגן זיין ברודער, — דעמאָלט זאָלט איר מיט אים טאָן, וואָס ער האָט געמיינט צו טאָן מיט זיין ברודער. און דו זאָלסט פאַר־טיליקן דאָס שלעכטס פון צווישן דיר. און די איבעריקע וועלן הערן און מורא האָבן און וועלן שוין מער ניט טאָן אַזאַ שלעכטס. און דו זאָלסט קיין רחמנות ניט האָבן. לעבן פאַר לעבן, אויג פאַר אויג, צאָן פאַר צאָן, האַנט פאַר האַנט, פוס פאַר פוס.

כללים און מידות.

דו זאָלסט ניט זען דיין ברודערס אָקס אָדער זיין שעפּס פאַרבלאָנדזשעט, און זיך אָפּוועגדן פון זיי; אומקערן זאָלסטו זיי צו דיין ברודער. אַזוי זאָלסטו טאָן מיט זיין אייזל, אַזוי זאָלסטו טאָן מיט זיין קלייד און אַזוי זאָלסטו טאָן מיט איטלע־כער זאַך פון דיין ברודער, וואָס וועט פאַרלאָרן גיין פון אים, און דו וועסט זי געפינען — דו טאָרסט זי ניט אויסבאַהאַלטן.

דו זאָלסט ניט זען דיין ברודערס אייזל אָדער אָקס געפאַלן אין וועג און זיך אָפּוועגדן פון זיי; העלפן זאָלסטו אים אויפ־הייבן זיי.

ווען דו וועסט אַנטלייען דיין חבר עפּעס, זאָלסטו ניט קומען צו אים אין שטוב אַריין צו נעמען אַ משכון, אינדרויסן זאָלסטו שטיין, און דער מאַן, וואָס איז דיר שולדיק, זאָל דיר דעם משכון אַרויסטראָגן. אויב ער איז אַן אָרימאַן, זאָלסטו זיך ניט לייגן

שלאָפן מיט זיין משכון. אומקערן זאָלסטו אים דעם משכון, ווען די זון גייט אונטער, און זאָל ער זיך לייגן שלאָפן אין זיין קלייד און בענטשן דיך — און דו וועסט זיין גערעכט פאַר גאָט דיין גאָט.

דו זאָלסט ניט באַדריקן אַ געדונגענעם, אַן אָרימאַן און אַ נויטבאַדערפטיקן פון דיינע ברידער אָדער פון די פרעמדע, וואָס אין דיין לאַנד, אין דיינע טויערן. אין זעלבן טאָג גיב אים אָפּ זיין לוין, איידער די זון גייט אונטער, ווייל ער איז אָרים, און צו אים גלוסט זיין האַרץ. און זאָל ער ניט רופן אויף דיר צו גאָט, און עס וועט זיין אויף דיר אַ זינד.

עס זאָלן ניט געטויט ווערן עלטערן פאַר קינדער און קינדער זאָלן ניט געטויט ווערן פאַר עלטערן; איטלעכער זאָל גע־טויט ווערן פאַר זיין פאַרברעך.

זאָלסט ניט פאַרדרייען דעם משפט פון אַ פרעמדן און פון אַ יתום. און זאָלסט ניט נעמען אין משכון דאָס קלייד פון אַן אלמנה. זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביזטו געווען אין מצרים, און גאָט האָט דיך אויסגעלייזט פון דאָרט.

מלכות יהודה אונטער דער אויבערהערשאפט פון אשור.

נאָך איידער שומרון איז חרוב געוואָרן, איז אָחז, דער קיניג פון יהודה (736—726), געווען געצוואונגען אונטערצוגעבן זיך אונטער דער אויבערהערשאַפט פונם קיניג פון אַשור און צו צאָלן אים צינז. נאָר פונדעסטוועגן איז מלכות יהודה נאָך גע־בליבן שטיין 136 יאָר, נאָכדעם ווי די אַשורים האָבן געהאַט איינגענומען שומרון.

פאַר דער צייט האָבן די יידן עטלעכע מאָל געפּרואווט פּטור ווערן פון דער ממשלה פון אַשור, נאָר די מעכטיקע אַשורים האָבן געקוקט אויף די אויפשטאַנדן פונם קליינעם פאָלק, ווי אויף אַ גרויסער עזותקייט. זיי פלעגן שטרענג באַשטראָפן די ווידערשפּעניקע יידן און אַרויפלייגן אויף זיי שווערן צינז. נאָר די יידן האָבן ניט אָנגעוואוירן די האָפענונג אויסגעלייזט צו ווערן פונם אַשורישן יאָך און זיי האָבן כסדר מלחמה געפירט פאַר זייער פרייהייט.

אין דער צייט פון קיניג יאשיהו האָט די מלוכה פון אַשור שוין אָנגעוואָרן איר פריערדיקע־מאַכט, און דער קיניג פון יהודה האָט אויסגענוצט דעם שונאס שוואַכקייט. ער האָט אויפגעהערט צו צאָלן צינז און האָט אפילו איינגענומען עטלעכע שטעט פונם געוועזענעם קיניגרייך ישראל. אויפגעמונטערט דורך זיין הצלחה, האָט יאשיהו געוואָלט ווייטער גיין און צונעמען גאַנץ מלכות ישראל, בכדי אויפצוריכטן דוד המלכס קיניגרייך. נאָר די דאָזיקע האָפענונג פונם קיניג איז ניט מקויים געוואָרן.

די מלחמה מיט די מצרים און די ממשלה פון פּרעה איבער מלכות־יהודה.

אין יאָר 609 האָט דער קיניג פון מצרים זיך געלאָזט גיין מיט אַ גרויסן חיל קיין אַזיע, בכדי איינצונעמען סיריע. די ידיעה וועגן דעם האָט שטאַרק אויפגערודערט דעם קיניג יאשיהו: ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועלן די מצרים דערגיין ביז צו מלכות יהודה. דעריבער האָט ער אויך צונויפגעקליבן זיין חיל און איז אַרויס אַנטקעגן דעם קיניג פון מצרים, בכדי אים צו פאַרשטעלן דעם וועג. אָבער דעם קיניגס איינשטעלעניש האָט ניט געקאָנט אויסלייזן דאָס

לאנד יהודה פון דער סכנה. אין דער שלאכט, וואס איז פאר־געקומען צווישן די מצרים און די יידן, איז דער קיניג יאשיהו געפאלן טויט, און מלכות יהודה האט געמוזט ווערן אונטער־טעניג דעם קיניג פון מצרים. אז די יידן זיינען געוואר געווארן וועגן טויט פון יאשיהו, האבן זיי אויסגעקליבן פאר א קיניג זיין זון יהואחז. נאר דער פרעה האט ניט געוואלט אנערקענען דעם אויסגעקליבענעם קיניג און האט באשטימט פאר א קיניג יאשיהום אן אנדער זון, יהויקים. אויף די יידן האט ער ארויפ־געלייגט צינז און יהואחזן האט ער אוועקגעפירט קיין מצרים.

נאר די מצרים האבן לאנג ניט געוועלטיקט איבער מלכות יהודה. אין דריי יאר ארום, אין יאר 606, האבן די מדיים און בבלים חרוב געמאכט די הויפטשטאט פון אשור, נינוה, און עס איז געקומען א סוף צום אשורישן קיניגרייך. דערנאך האט נבוכדנצר, דער קיניג פון בבל, געצוואונגען דעם פרעה אפצו־לאזן די געוועזענע אשורישע מדינות. אויף אזא אופן זיינען די יידן אויסגעלייזט געווארן פון דער ממשלה פון די מצרים. אבער פון א פרעמדן יאך זיינען זיי ניט פטור געווארן און האבן גע־מוזט צאלן צינז די בבלים.

דער אויפשטאנד פון די יידן קעגן דעם קיניג פון בבל.

די יידן איז זייער שווער געווען צו צאלן צינז דעם קיניג פון בבל און צו זיין אים אונטערטעניג. דעריבער האבן זיי בא־שטימט מורד צו זיין קעגן די בבלים. אבער ווי נאר נבוכדנצר איז געוואר געווארן וועגן דעם, אז עס גרייט זיך אן אויפשטאנד, איז ער באלד געקומען צו גיין קיין מלכות יהודה. די יידן האבן זיך ניט געהאט געריכט אויף זיין קומען און האבן ניט געקאנט מלחמה האלטן מיטן בבלישן חיל. בכדי אויסצומיידן דעם קי־

ניגם שטראָף, האָבן זיי זיך געמוזט אונטערגעבן און אָפּלייגן
דעם אויפשטאַנד אויף אַ מער פּאַסיקערע צייט.

דריי יאָר האָבן די יידן געצאָלט צינז דעם קיניג פון בבל.
דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן די בבלים און
צווישן די מצרים און פעניקיער. אַז די יידן זיינען דאָס געוואָר
געוואָרן, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז איצט איז געקומען די צייט,
ווען זיי קאָנען קומען צו זייער פרייהייט, און האָבן אויפגעהערט
צו צאָלן צינז. נאָר מלכות-יהודה איז ניט לאַנג געבליבן פריי.
עס זיינען נאָך קיין צוויי יאָר ניט אַריבער (אין יאָר 592), איז
נבוכדנצר געקומען צו ירושלים און האָט באַלעגערט די שטאָט.
אַז דער קיניג פון יהודה און זיינע שרים האָבן איינגעזען, אַז זיי
קאָנען זיך מער שוין ניט האַלטן, זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען פון
שטאָט, בכדי צו בעטן גענאָד ביים קיניג פון בבל. נאָר דאָס
מאָל האָט אָבער נבוכדנצר באַשטימט שטאַרק צו באַשטראָפן
די יידן, בכדי אָפּצונעמען ביי זיי דעם חשק צו אויפשטאַנדן. ער
האָט צוגענומען אַלע אוצרות פון בית-המקדש און פון די פּאַ-
לאַצן אין ירושלים און האָט אַוועקגעפירט אין גלות דעם קיניג
פון יהודה, זיינע פרויען, זיינע הויפלייט און שרים, אַלע קריגס-
לייט און געווער-שמידן, עטלעכע טויזנט יידן זיינען אַזוי פאַר-
טריבן געוואָרן קיין בבל. פאַר אַ קיניג פון יהודה איז געוואָרן
באַשטימט צדקיהו, דעם פריערדיקן קיניגס אַ פעטער.

דער קיניג פון בבל האָט ניט געוואָלט אינגאַנצן חרוב מאַכן
דאָס קיניגרייך יהודה, פאַר אים האָט עס געלוינט, אַז עס זאָל
זיין אַ קליינע מלוכה צווישן בבל און מצרים, וואָרים סיי-ווי-
סיי האָט ער געפירט דעמאָלט אָפטע מלחמות מיט די מצרים,
און פאַר די בבלים וואָלט עס געווען שווערער, ווען די מצרים
זאָלן זיין זייערע נאָנטערע שכנים. נאָר דאָס, וואָס נבוכדנצר
האָט אָפּגעטאָן מיט די יידן, האָט געבראַכט דערצו, אַז די יידן

זיינען נאָך מער געווען אומצופרידן מיט דער אויבערהערשאַפט פון די בבלים. די, וואָס זיינען געזעסן אין גלות, האָבן געברענט פון פארלאַנג זיך אומצוקערן אַהיים און האָבן שטענדיק גע־וועקט אין פאָלק די שנאה צו די זיגערס. ווי נאָר די יידן זיינען געקומען צו זיך נאָך דער מפלה, האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן זיך גרייטן צו אַן אויפשטאַנד.

ירמיהו הנביא.

ירמיהו הנביא האָט פאָראויסגעזען, אַז די מרידות וועלן ברענגען נאָר צו נייע צרות, דעריבער האָט ער צוגערעדט די יידן, זיי זאָלן זיך אונטערגעבן און איבערטראָגן רואיק די אויבערהערשאַפט פון די בבלים, ער האָט געפאָדערט פון פאָלק, עס זאָל בעסער אַוועקלייגן זיינע כוחות אויף צו פארבעסערן די מידות, אויף אָפּצושאַפן שלעכטס און אומגערעכטיקייט. נאָר ירמיהוס נביאות, וואָס האָבן פאָראויסגעזאָגט נאָר שלעכטס, און זיינע שטראָף־רייד האָבן גורם געווען דערצו, אַז כמעט אַלע זיינען געווען אויף אים אין כעס. דאָס פאָלק האָט געוואָלט זיין פריי און האָט געשטרעבט מורד צו זיין; דער נביא אָבער, לא די, וואָס ער האָט זיי ניט אויפגעמונטערט און געשטאַרקט, נאָר ער האָט נאָך דערשטיקט די לעצטע האָפענונג. ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס דער צאָרן קעגן ירמיהו איז אַלץ געוואַקסן, און די יידן האָבן אים אויף אלערליי אופנים גערודפט. נאָר ער איז געווען גרייט אַוועקצוגעבן זיין לעבן פאַרן אמת און פאַרן גליק פון זיין פאָלק, און ער איז געווען זיכער, אַז דאָס פאָלק טאָר קיין מלחמה ניט פירן. ער פלעגט זיין אומעטום אין די גאַסן און אויף פאַרזאַמלונגען און שטענדיקריידן צום פאָלק אין גאָטס נאָמען. ער האָט געגלויבט, אַז גאָט הייסט אים ריידן, און ער טאָר ניט שווייגן. מיט אַ ווייטאָג אין האַרצן האָט ער פאַר־



ירמיהו הנביא

אויסגעזען דעם נאָנטען חורבן פון מלכות־יהודה און האָט ניט אויפגעהערט צו שטראָפן די כוהנים, די שרים און דעם קיניג.

פסוקים פון ספר ירמיהו.

אַזוי זאָגט גאָט: „טוט גערעכטיקייט און וואָרהאַפטיקייט און ראַטעוועט אַרויס דעם באַרויבטן פונם באַדריקערס האַנט, און אַ פרעמדן, אַ יתום און אַן אלמנה זאָלט איר ניט אָפּנאַרן און ניט באַרויבן, און אומשולדיק בלוט זאָלט איר ניט פאַרגיסן. אויב איר וועט ניט פאָלגן די דאָזיקע רייד, שווער איך, זאָגט גאָט, אַז צו חורבות וועט ווערן דאָס דאָזיקע הויז.

קיניגסטו דען דערפאַר, ווייל דו האָסט זיך אַרומגעצוימט מיט צעדערביימער? דיין פאָטער האָט דאָך אויך געגעסן און געטרונקען, נאָר ער האָט געטאָן גערעכטיקייט און וואָרהאַפּטיקייט — דעמאָלט איז אים גוט געווען. נאָר דיינע אויגן און דיין האַרץ זיינען געווענדעט נאָר אויף דיינע רווחים, אויף אומשולדיק בלוט צו פאַרגיסן, אויף רויב און באַדריקונג צו טאָן.

אַז ירמיהו האָט געענדיקט צוריידן אַלץ, וואָס גאָט האָט אים באַפוילן צו ריידן צום גאַנצן פאָלק, האָבן אים געכאַפּט די כוהנים און די נביאים און דאָס גאַנצע פאָלק און האָבן געזאָגט: „דו מוזט שטאַרבן! פאַרוואָס זאָגסטו נביאות אין גאָטס נאָמען: ווי שלה וועט זיין דאָס דאָזיקע הויז, און די דאָזיקע שטאָט וועט ווערן וויסט, אָן אַן איינוואוינער“.

האָט ירמיהו געזאָגט צו אַלע שרים און צום גאַנצן פאָלק: „גאָט האָט מיך געשיקט נביאות צו זאָגן אויפן דאָזיקן הויז און אויף דער דאָזיקער שטאָט אַלע די רייד, וואָס איר האָט געהערט. און איך בין אין אייערע הענט, טוט מיט מיר וואָס גוט און רעכט איז אין אייערע אויגן. נאָר וויסן זאָלט איר וויסן זיין,

אַז אויב איר וועט מיך טויטן, לייגט איר אַרויף אומשולדיק בלוט אויף זיך און אויף דער דאָזיקער שטאָט און אויף אירע איינוואוינער". דעמאָלט האָבן געזאָגט די שרים און דאָס גאַנצע פאָלק צו די כוהנים: „עס קומט ניט דעם מאַן קיין טויט־שטראָף, וואָרים אין נאָמען פון גאָט אונזער גאָט האָט ער גע־רעדט צו אונז".

אַזוי זאָגט דער גאָט פון די חילות, דער גאָט פון ישראל: איך האָב באַשאַפן די ערד, די מענטשן און בהמות, וואָס אויף דער ערד, מיט מיין גרויסן כוח און מיט מיין אויסגעשטרעקטן אָרים, און האָב זי אַוועקגעגעבן דעם, וואָס איז וואוילגעפעלן אין מיינע אויגן, און איצט גיב איך איבער אַלע לענדער אין האַנט פון נבוכדנצר, דעם קיניג פון בבל, מיין קנעכט. און עס וועט זיין, דאָס פאָלק און די מלוכה, וואָס וועט אים ניט דינען, נבוכדנצרן, דעם קיניג פון בבל, און וואָס וועט ניט בויגן זיין האַלז אונטערן יאָך פון קיניג פון בבל, — מיט שווערד און מיט הונגער און מיט פעסט וועל איך שטראָפן אָט יענעם פאָלק, זאָגט גאָט, ביז איך וועל עס פאַרטיליקן. און ניט צוהערן זיך זאָלט איר צו די רייד פון די נביאים, וואָס זאָגן צו אייך: „איר וועט ניט דינען דעם קיניג פון בבל", — ווייל ליגן זאָגן זיי אייך; ניט צוהערן זאָלט איהר זיך צו די רייד פון אייערע נביאים, וואָס זאָגן אייך נביאות: „אָט גיך ווערן די כלים פון גאָטס הויז אומ־געקערט פון בבל", — וואָרים ליגן זאָגן זיי אייך. פאָלגט זיי ניט און דינט דעם קיניג פון בבל און בלייבט לעבן: צוליב וואָס זאָל די דאָזיקע שטאָט ווערן פאַרוויסט?

האָבן געזאָגט די שרים צום קיניג: „זאָל געטויט ווערן דער דאָזיקער מאַן, ווייל ער שוואַכט אָפּ די הענט פון די קריגס־לייט, וואָס בלייבן אין דער דאָזיקער שטאָט, און די הענט פונם גאַנצן פאָלק, צו ריידן צו זיי אַזעלכע רייד; דער דאָזיקער מאַן

וויל ניט גוטס פארן דאָזיקן פאָלק, נאָר בייז". האָט דער קיניג צדקיהו געזאָגט: „ער איז אין אייערע הענט". האָבן זיי גענומען ירמיהון און אַראָפּגעלאָזן אים מיט שטריק אין אַ גרוב; אין גרוב איז ניט געווען קיין וואַסער, נאָר ליים. און איינגעזונקען איז ירמיהו אינם ליים. האָט דערהערט עבד־מלך דער כושי, אַ באַדינטער אין קיניגס הויז, אַז מען האָט ירמיהון אַריינגעוואָרפן אין גרוב, האָט ער געזאָגט צום קיניג: „שלעכט האָבן געטאָן די דאָזיקע לייט, וואָס זיי האָבן געטאָן מיט ירמיהו הנביא, וואָס זיי האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין גרוב, וואָרים ער וועט שטאַרבן פון הונגער". האָט דער קיניג באַפוילן עבד־מלך דעם כושו אַזוי צו זאָגן: „נעם מיט זיך פון דאַנען דרייסיק מאַן און צי אַרויף ירמיהו הנביא פון גרוב, ער זאָל ניט שטאַרבן". און זיי האָבן אַרויסגעצויגן ירמיהון מיט שטריק און האָבן אים אַרויפגעבראַכט פון גרוב.

דער אונטערגאַנג פון מלכות יהודה און חורבן ירושלים.

עס האָבן ניט געהאָלפן ניט ירמיהו הנביאס שטראָף־רייד, ניט די אָנלערעניש פון די פריערדיקע מרידות, וואָס האָבן זיך ניט איינגעגעבן. די יידן האָבן ניט געוואָלט בלייבן אונטערטעניג דעם קיניג פון בבל. די אויפרעגונג איז ניט שטיל געוואָרן, און אָלץ מער זיינען צוגעקומען אָנהענגערס פון דער מרידה. אין יאָר 588 האָט דער קיניג פון יהודה זיך ווידער אָפּגעזאָגט פון צו צאָלן צינז נבוכדנצרן. דער קיניג פון בבל איז דעמאָלט געווען אַריינגעטאָן אין דער מלחמה קעגן מצרים און פעניקיע, און די יידן האָבן געהאָפט, אַז דער פרעה וועט זיי העלפן. נאָר זייערע האָפענונגען האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

חורבן ירושלים

דער אויפשטאַנד פון דער קליינער מדינה, וואָס האָט אויס־געוויזן איינגאַנצן אָפּגעשוואַכט און אונטערטעניג, האָט נבוכדנצרן שטאַרק אַריינגעבראַכט אין כעס. ער איז באַלד אַריינגעדרונגען מיט אַ טייל פון זיין חיל אין פּאַלעסטינע און האָט אָנגעהויבן צעשטערן די יידישע שטעט, חרוב געמאַכט שיר ניט גאַנץ מלכות־יהודה. צולעצט האָט נבוכדנצר באַלעגערט ירושלים.

דער קיניג פון בבל האָט געהאַט אַ שטאַרקן חיל, און די איינוואוינער פון ירושלים האָבן באַלד איינגעזען, אַז זיי וועלן זיך סוף־כל־סוף מוזן אונטערגעבן. נאָר זיי האָבן ניט אויפגע־הערט צו פאַרטיידיקן זיך מיט דער גרעסטער גבורה, צולעצט האָט אָנגעהויבן אויספעלן ברויט אין שטאָט, און עס איז גע־וואָרן אַ הונגער. נאָר ניט הונגער און ניט קראַנקהייטן און ניט אַנדערע שרעק פון דער מלחמה האָבן ניט געקאָנט צווינגען די יידן זיך אונטערצוגעבן דעם שונא.

ערשט אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום האָט זיך נבוכדנצרן איינגעגעבן איינצונעמען ירושלים, און דעמאָלט האָט ער אויס־געלאָזן זיין גאַנצן גרימצאָרן צו די יידן. דעם קיניג צדקיהוס זין זיינען געטויט געוואָרן פאַרן פאָטער אין די אויגן. דעם קיניג גופא האָט מען אויסגעשטאָכן די אויגן און אַוועקגעשיקט קיין בבל, און די גרעסטע שרים זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן.

דער קיניג פון בבל האָט געהייסן צעשטערן די טויערן פון ירושלים און פאַרברענען דעם בית־המקדש, די פּאַלאַצן און היי־זער. די חשובע לייט פון יהודה, די כהנים, קריגסלייט און אַ סך איינוואוינער פון דער הויפּטשטאָט זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל. ירושלים איז אינגאַנצן ליידיק געבליבן פון איינ־וואוינערס, און אין לאַנד יהודה זיינען געבליבן כמעט נאָר פּויערים.

אַז נבוכדנצר האָט זיך דערוואוסט, אַז ירמיהו הנביא האָט די גאנצע צייט גערופן די יידן, זיי זאָלן זיך אונטערגעבן, האָט ער אים פריי געלאָזט פון געפאַנגענשאַפט. ירמיהו איז געווען שטאַרק דערשלאָגן איבערן חורבן פון דער הייליקער שטאָט. ער איז געבליבן אינאיינעם מיטן פאָלק און האָט געטרייסט די יידן, אויפגעמונטערט זיי צו בלייבן אין לאַנד, באַארבעטן די ערד און ווידער אויפריכטן די שטעט פון די חורבות. אין פאָלק האָט מען שפּעטער דערציילט, אַז ירמיהו הנביא איז דאָס דער מחבר פון מגילת „איכה", וואָס יידן לייענען זי נאָך ביז היינטיקן טאָג אין די שולן תשעה באב, ניין טעג אין חודש אב, אין יענעם טאָג, ווען דער בית-המקדש איז פאַרברענט געוואָרן.

פסוקים פון מגילת איכה.

עס גייען אוים מיינע אויגן פון געוויין, פאַרברענט זיינען מיינע געדערים איבערן בראָך פון מיין פאָלק. וואָס זאָל איך דיר אָנווייזן, וואָס קאָן איך צו דיר פאַרגלייכן, דו טאָכטער פון ירושלים? גרויס, ווי דער ים, איז דיין בראָך, ווער קאָן דיך היילן? עס שלאָגן איבער דיר די הענט צוזאַמען אַלע וואַנדערערס פון וועג און שאָקלען מיטן קאָפּ אויף דער טאָכטער פון ירושלים: „צי דאָס איז די שטאָט, וואָס מען זאָגט אויף איר: די קרוין פון שיינקייט, די פרייד פון דער גאַנצער ערד?"

די ערשטע יאָרן פון דער אויבערהערשאפט פון די בבלים.

נאָכדעם ווי נבוכדנצר האָט צעשטערט די יידישע מלוכה, האָט ער אַוועקגעזעצט איבערן חרובן לאַנד אַ פאַרוואַלטער, אַ יידן מיטן נאָמען גדליהו בן אחיקם. ער האָט געדאַרפט פאַר-

וואַלטן איבערן לאַנד אין נאָמען פונם קיניג פון בבל. אין דער פאַרוויסטער הויפּטשטאָט ירושלים איז ניט געווען וואו צו וואוינען, און דערפאַר האָט זיך גדליהו באַזעצט אין דער שטאָט מצפה. ער האָט געפּרואווט צו באַרואיקן די באַפעלקערונג און צוריק איינשטעלן אָרדענונג. ביסלעכווייז האָט דאָס לאַנד יהודה אָנגעהויבן קומען צו זיך. די איינוואוינערס, וואָס האָבן זיך געהאַט באַהאַלטן אין די בערג, האָבן אָנגעהויבן זיך אומקערן צוריק אין די שטעט און זיך נעמען פאַר זייער פריערדיקער אַרבעט. נאָר ניט אַלע זיינען נאָך געווען צופרידן מיט דער נייער לאַגע. באַלד האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אומרוען, און די מורדים האָבן דערהרגעט דעם קיניגלעכן פאַרוואַלטער.

די ידיעה וועגן דעם, אַז גדליהו איז דערהרגעט געוואָרן, האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די איינוואוינער פון לאַנד יהודה. אַ סך זיינען באַלד אַנטלאָפן קיין מצרים, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן קיניג פון בבל. און זייער שרעק איז ניט געווען קיין אומזיסטע. אַז נבוכדנצר האָט זיך דערוואוסט פון דער מעשה, האָט ער געשיקט קיין יהודה אַ גרויסן חיל. דאָס לאַנד איז ווידער געוואָרן פאַרוויסט, און עטלעכע הונדערט משפחות זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל.

20.

די צייט פֿון גלות בבל.

די בבלים אָדער כשדים.

די מלוכה פֿון בבל איז געלעגן אין דרום-טייל פֿון מעסאָ-פּאָטאַמיע (ארם נהרים), אַרום דער אונטערשטער שטראָמונג פֿון פרת און חידקל, לעבן דעם פּערסישן ים-אויסגוס. פּונקט ווי די אַשורים, זיינען די בבלים געווען סעמיטן, וואָס האָבן זיך געהאַט אויסגעמישט מיט דער פֿריערדיקער באַפעלקערונג פֿון יענע ערטער. די גרויסע טייכן פֿאַרפֿלייצן דאָ אויך דאָס לאַנד אַלע יאָר, ווי דער נילוס. דעריבער האָבן אויך די בבלים, פּונקט ווי די מצרים, זיך אויסגעלערנט זינט גאָר אַלטע צייטן צו גראָבן קאַנאַלן, בויען דאַמבעס און וואַסער-בעקנס. נאָך מיט דריי טויזנט יאָר פֿאַר דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג זיינען שוין צווישן זיי געווען מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט לייענען און שרייבן.

אין בבל זיינען קיין בערג ניטאָ. זי איז אָפֿן פֿון אַלע זייטן, און אַהין איז געווען גרינג צוצוקומען סיי פֿון סיריע און פֿון אַראַביע, און סיי פֿון די מזרחדיקע סטעפּעס און אפילו פֿון אינ-דיע. דערפֿאַר האָבן אַלע שכנישע פֿעלקער אַריינגעפֿירט זייערע סחורות קיין בבל און אויסגעביטן זיי אויף תבואה, געוועבער, כלים און פֿאַרשיידענע געוואַנטן. פֿון צפֿון פֿלעגט מען ברענגען צו פֿירן מעטאַלן און געשטיין, פֿון די סטעפּעס — בהמות, וואָל און פֿעלן, פֿון דרום-אַראַביע—גאָלד, איידעלע שטיינער און ווייַ-ראַך, פֿון אינדיע—העלפֿאַנדביין און בשמים.

די מלכים פון בבל און זייערע שרים האָבן אויפגעפּאַסט, אַז דער האַנדל זאָל צוגיין אָן אָפּנאַרעריי, אַז די סוחרים זאָלן ניט באַנוצן קיין פאַלשע מאָס און וואָג און זאָלן ערלעך זיך אָפּרע־כענען מיט די קונים.

אַ דאַנק דעם מסחר, זיינען אין בבל געווען אַ סך רייכע לייט. די סוחרים אין בבל, די כהנים און שרים האָבן געוואוינט אין גרויסאַרטיקע הייזער און האָבן געטראָגן טייערע קליידער. אין דער שטאָט בבל, דער הויפּטשטאָט פון מלוכה, זיינען געווען גלייכע גאַסן און גרויסע פּלעצער, וואָס אויף זיי זיינען געשטאַ־נען פּאַלאַצן און טעמפּלען, און פאַר זייערע טויערן זיינען אַוועק־געשטעלט געווען פאַר אַ צירונג גרויסע פיגורן פון געפליגלטע אָקסן מיט מענטשישע קעפּ. נאָר די בבלים האָבן ניט נאָר גע־קאָנט בויען הייזער און טעמפּלען און אויסהאַקן סטאַטועס. זיי האָבן אויך שטודירט די נאַטור, אַזוי אַז ביי זיי האָט געבליט, חוץ דער קונסט, אויך וויסנשאַפט. גרויס כבוד האָבן געהאַט ביי זיי געלערנטע כהנים, מער פון אַלץ האָבן די בבלישע כהנים זיך פאַרנומען מיט שטודירן דעם גאַנג פון די שטערן אין הימל. זיי האָבן די ערשטע צונויפגעשטעלט אַ לוח, וואָס כמעט אַלע איבעריקע פעלקער האָבן שפּעטער איבערגענומען פון זיי.

די פּרנסות פון די יידן אין בבל.

די יידן, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד, האָט דאָס לעבן אין דער פרעמד אויסגעוויזן, ווי אַ שווערע שטראָף. אָבער זיי האָבן ניט געקאָנט האָפן גיך זיך אומצו־קערן קיין ארץ־ישראל, און דערפאַר האָבן זיי סוף־כל־סוף גע־מוזט, ווי עס איז, איינלעבן זיך אויף די נייע ערטער. צום גליק, האָבן די בבלים ניט געהאַט אָפּגענומען ביי די פאַרטריבענע זייער אייגנס, און צווישן זיי זיינען געווען אַ סך רייכע לייט.

ווער עס האָט געקאָנט, האָט זיך איינגעשאַפּט אַ הויז אָדער אַ מאַיאָנטעק, די איבעריקע ווידער האָבן זיך גענומען פאר די־זעלביקע פרנסות, וואָס זיי זיינען געווען צו זיי צוגעוואוינט פון דער היים. ביסלעכווייז האָט זיך ביי די פאַרטריבענע איינגע־שטעלט אַ שטיקל לעבן: מען האָט זיך פאַרנומען איינער מיט ערדאַרבעט און סעדעריי, איינער מיט מלאכה, איינער מיט האַנדל.

דער גרעסטער רוב פון די יידן האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט בבל און איר סביבה. די דאָזיקע ערטער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פרוכפּערקייט, און די פאַרטריבענע האָבן אָנגעהויבן דאָרט באַאַרבעטן די ערד און פלאַנצן סעדער. נאָר די בעסטע פרנסה איז געווען מסחר. ווי שטאַרק די יידן האָבן זיך ניט אָפּגעזונדערט פון די בבלים, פאָרט האָבן זיי אי־בערגענומען ביי זיי פאַרשיידענע זאַכן. אויסלערנען זיך נייע מלאכות איז געווען שווערלעך; דערפאַר האָבן די פאַרטריבענע זיך גענומען צום האַנדל. אינגיכן האָבן די יידישע סוחרים שוין געפירט אַ לעבעדיקן האַנדל מיט יענע לענדער, וואָס די בבלים האָבן מיט זיי געהאַנדלט, און אַ סך האָבן אָנפאַרדינט גרויס עשירות.

דער סדר פון די קהילות.

מען האָט געקאָנט זיך ריכטן, אַז דער קיניג פון בבל וועט אָנטאָן די יידן גרויסע צרות, און די פאַרטריבענע האָבן זיך גע־גרייט אויסצושטיין שרעקן און פיין. נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך פאַרקערט. אמת, די פאַרטריבענע איז געווען פאַרבאָטן זיך אומצוקערן אין מלכות יהודה, נאָר אין בבל גופא האָבן זיי קיין גרויסע גזרות ניט געליטן.

אָפּגעריסן פון דער היים, האָבן די יידן זיך געפילט, ווי מער צוגעבונדן צו אַנאַנד; זיי פלעגן זיך באַזעצן נית צו איינציקע משפחות, נאָר גאַנצע קהילות. די עלטסטע פון איטלעכער קהילה האָבן געפירט אַלע יידישע ענינים: געמשפּט אין פּראָ־צעסן, געזאָרגט וועגן אלמנות און יתומים און וועגן אמונה־זאכן. די בבלישע רעגירונג האָט דערין קיין שטערונג נית געמאַכט. זי האָט נאָר געפאָדערט, אַז די יידן זאָלן צאָלן צו דער צייט זייערע אָפּצולונגען און אָפּטאָן זייערע חובות צו דער מלוכה. אין אַלע איבעריקע זאַכן האָבן די בבלים זיי געלאָזט טאָן, וואָס זיי ווילן, און האָבן זיי נית געצוואונגען איבערבייטן זייערע מנהגים און גלויבן.

ווי אַזוי די פאַרטריבענע האָבן געהאַלטן זייער אמונה.

אין בבל האָט דער טאָג פון שבת געקראָגן אַ גרויסע חשיבות ביי יידן. זיי האָבן אים נית געפייערט מיט מוזיק און גע־זאַנג און נית מיט גרויסע סעודות. שבת איז געווען פאַר זיי אַ טאָג פאַר אָפּרו און תפילה. יידן פלעגן זיך צונויפקלייבן אַלע אינאיינעם אין באַזונדערע בתי־תפילה און פלעגן דאָרט דאַווי־נען, געווענדט מיטן פּנים צו ירושלים; מען פלעגט פירלייענען פאַר זיי פון די הייליקע ספרים און דרשות פון די נביאים.

די טעג, ווען ירושלים איז איינגענומען געוואָרן (שבעה עשר בתמוז, 17 טעג אין תמוז), ווען דער בית־המקדש איז פאַר־ברענט געוואָרן (תשעה באָב, ניין טעג אין אָב) און ווען גדליה איז דערהרגעט געוואָרן (צום גדליה, אויף מאָרגן נאָך ראש־השנה), זיינען ביי די פאַרטריבענע געווען תעניתים און טעג פון טרויער. זיי פלעגן זיך צונויפקלייבן מתפלל זיין און דער־מאָנען זיך אָן די צרות, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געליטן.

די פארטריבענע האבן געגלויבט, אז דער חורבן פון דער מלוכה איז זיי געקומען, ווי א שטראף פון גאט פאר זייערע זינד. איצט האבן זיי תשובה געטאן און געהאפט, אז גאט וועט זיי מוחל זיין און אויסלייזן פון גלות. דערפאר פלעגן זיי קומען מיט גרויס חשק שבת אויף די פארזאמלונגען און האבן אפגעהיט די תעניתים און אנדערע דינים.

די כהנים.

אן א בית-המקדש האט ניט געקאנט זיין ניט קיין פייער-לעבער דינסט, ניט קיין עבודה, ניט קיין קרבנות. דעריבער האבן די כהנים אין בבל ניט געהאט וואס צו טאן. די שבתדיקע פאר-זאמלונגען אין די בתי-תפלה האבן זיי ניט געקאנט געניג פאר-נעמען, און עס איז זיי געבליבן פרייע צייט. דעריבער האבן א סך כהנים גענומען זיך לערנען די ספרים פון די נביאים, די כראניקעס און אנדערע הייליקע שריפטן. אויף אזא אופן זיינען דא צונויפגעשטעלט געווארן די ספרים „שמואל" און „מלכים", וואס אין זיי ווערט דערציילט די געשיכטע פון יידישן פאלק פון שאול המלכס צייטן ביז גלות בבל.

אין גלות, צווישן די פרעמדע בבלים, האבן די כהנים שטארק טייער געהאלטן זייערע ספרים. אנדערע האבן גע-וואוסט אויף אויסווייניק כמעט איטלעכס ווארט פון די כתבי-הקודש. א באזונדער חשיבות האט ביי זיי געהאט דער „ספר התורה", וואו עס זיינען פארשריבן די דינים, וואס יידן מוזן אפ-היטן. דאס פאלק האט איצט אין אלצדינג געפאלגט די כהנים און נביאים, און זיי האבן געפאדערט, אז עס זאלן שטרענג אפ-געהיט ווערן אלע דינים וועגן כשר און טריף, וועגן מילה, א. אנד.

יחזקאל הנביא.

אַ גרויסע השפּעה האָט געהאַט צווישן די פאַרטריבענע דער נביא יחזקאל, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער משפּחה פון כהנים. די פריערדיקע נביאים האָבן מער פון אַלץ געטראָפן דאָס פאָלק פאַר רשעות, ליגן, פאַלשקייט, אומגע־רעכטיקייט. זיי האָבן געגלויבט, אַז ביי גאָט איז אָנגענומען מער פון אַלץ גוטהאַרציקייט, גערעכטיקייט און ערלאַכקייט, און ניט קרבנות און צערעמאָניעס... יחזקאל אָבער האָט געהאַלטן, אַז אָפּהיטן די דינים פון דער תורה און די יידישע מנהגים איז אויך אַ וויכטיקע זאַך.

די מעשה דערפון איז דאָס, וואָס די נביאים און כהנים האָבען ניט געוואָלט, אַז די יידן זאָלן ווערן צו־נאָנט מיט די בבלים און זאָלן זיך מיט זיי מתחתן זיין. וואָרים אויב די יידן וואָלטן זיך ניט מל געווען און וואָלטן געגעסן דיזעלבע שפּייז, וואָס די בבלים, וואָלט אפשר, סוף־כל־סוף, פאַרשוואונדן גע־וואָרן איטלעכער חילוק צווישן זיי, און זיי וואָלטן זיך, פריער אָדער שפּעטער, צונויפגעגאָסן צו איין פאָלק. אָט פאַרוואָס יחזקאל האָט שטענדיק געפאָדערט, יידן זאָלן אָפּהיטן די דינים. מחמת דעם זיינען די פאַרטריבענע געבליבן אָפּגעזונדערט און אָפּגעפרעמדט פון די בבלים, ניט געקוקט אויף דער נאָענטער שכנות. זייער ווינציק זיינען געווען אַזעלכע יידן, וואָס האָבן איבערגענומען די רעליגיע פון די בבלים, אָנגעוואוירן דעם צו־נויפבונד מיט זייער פאָלק און צונויפגעגאָסן זיך מיט די בבלים.

יחזקאל האָט זיך געפונען אין געפאַנגענשאַפט זינט דעם יאָר 597. ער איז געווען קעגן דעם, אַז יידן זאָלן זיך אַנטקעגנ־שטעלן קעגן די בבלים ; נאָר נאָכן חורבן ירושלים האָט ער גע־זען מיט אַלע כוחות צו טרייסטן די פאַרטריבענע און אונטער־

האַלטן אין זיי די האָפענונג אויף בעסערע צייטן. ער האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען יידן וועלן אויסגעלייטערט ווערן פון זינד, און זייער נשמה וועט באַנייט ווערן. דעמאָלט וועט גאָט זיי מוחל זיין פאַר זייערע פריער־דיקע עבירות און אומקערן זיי צוריק אַהיים. דאָס וויסטע און ליידיקע לאַנד יהודה וועט ווערן אַ בליענדיקער גאָרטן, און אין ירושלים וועט ווערן אויסגעבויט אַ בית־המקדש, שענער פאַרן ערשטן. דאָס באַנייטע ידישע פאָלק וועט הויך שעצן זיינע כהנים; נאָר אַ באַזונדער חשיבות און פיל מאַכט וועלן געניסן די כהנים פון דער משפחה פון צדוק הכהן, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון דוד און שלמה און וואָס זיינע קינדער און קינדסקינדער האָבן קיינמאָל ניט געהאַלטן קיין היידנישע מנהגים.

יחזקאלס נביאות זיינען צום טייל מקויים געוואָרן. אין יאָר 538 האָט כורש דער קיניג פון פרס איינגענומען בבל. ער האָט דערלויבט די יידן זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל. אַזוי האָט דער גלות בבל געדויערט 49 יאָר.

פסוקים פון ספר „יחזקאל".

איינער, וואָס וועט זיין אַ גערעכטער און ער וועט טאָן, וואָס איז געזעץ און גערעכטיקייט, ער וועט קיינעם ניט אָפּ־נאַרן, דעם משכון וועט ער צוריקגעבן דעם בעל־חוב, ער וועט קיינעם ניט באַגזלענען, זיין ברויט וועט ער געבן דעם הונגעריקן, דעם נאַקעטן וועט ער באַדעקן מיט קליידונג, אויף פּראָצענט וועט ער זיין געלט ניט געבן און פאַרמערונג וועט ער ניט נעמען, פון עולות וועט ער צוריקציען זיין האַנט, אַ ריכטיקן משפט וועט ער מאַכן צווישן מאַן און מאַן, אין מיינע חוקים וועט ער גיין און מיינע געזעצן

אָפּהיטן, צו טאָן וואָרהאַפטיקייט, — אַ גערעכטער איז ער, לעבן וועט ער, זאָגט גאָט. — אַ זון וועט ניט ליידן פאַר די זינד פונם פאָטער, און אַ פאָטער וועט ניט ליידן פאַר די זינד פונם זון. און דער רשע, ווען ער וועט תשובה טאָן פון אַלע זיינע זינד, וואָס ער האָט געטאָן, און וועט אָפּהיטן אַלע מיינע חוקים און טאָן לויט געזעץ און גערעכטיקייט, — לעבן וועט ער און ניט שטאַרבן.

איך וועל אייך אַרויסנעמען פון די פעלקער און וועל אייך צונויפקלייבן פון די לענדער און ברענגען אייך אין אייער לאַנד אַריין. איך וועל אייך געבן אַ נייע האַרץ און אַ נייעם גייסט וועל איך אַריינטאָן אין אייך. איך וועל מאַכן, אַז איר וועט אין מיינע חוקים גיין און מיינע געזעצן אָפּהיטן און טאָן. און איר וועט זיצן אין לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן אייערע עלטערן, און איר וועט מיר זיין אַ פאָלק, און איך וועל אייך זיין אַ גאָט.

21.

די צייט פון דער פערסישער איבערהערשאַפט.

(538—332).

די פערסער.

די פערסער האָבן געוואוינט אין דעם בערג־לאַנד, וואָס ליגט אין מזרח־זייט פון בבל, ביים פערסישן ים־אויסגוס. זיי האָבן גערעדט אויף אַ שפּראַך, וואָס איז נאָנט צו די שפּראַכן פון די אייראָפּעאישע פעלקער — פראַנצויזיש, איטאַליעניש, דייטש,

רוסיש, א. אַז. וו. — וואָס די אַלע שפּראַכן אינאיינעם ווערן אָנגערופן אַרישע. לויט זייערע מנהגים, מידות, גלויבן און שפּראַך זיינען זיי געווען שטאַרק פאַרשיידן פון די שכנישע סעמיטישע פעלקער.

די פּערסער האָבן דעמאָלט געלעבט, ווי אַן איינגעזעסן פאָלק; זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט באַארבעטן די ערד און האָבן געהאַט אַ שם פאַר פלינקע רייטערס און געשיקטע בויגן־שיסערס. זיי האָבן ניט פאַרמאָגט קיין קונסט, זיי האָבן אויך ניט געקאָנט שרייבן; ערשט שפּעטער האָבן זיי זיך אויסגע־לערנט ביי זייערע שכנים, די בבלים. ביזן 6־טן יאָרהונדערט איז פּרס געבליבן אַ קליינע מלוכה. ערשט דעמאָלט האָט זיך דעם קיניג כורש איינגעגעבן אין אַ קורצער צייט איינצונעמען בבל און גאַנץ סיריע, און פּרס איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ גרויסע און מעכטיקע מלוכה.

דער קיניג כורש איז ניט געגאַנגען אין די וועגן פון די אשורים און בבלים, וואָס האָבן געדריקט די איינגענומענע פעל־קער. אשור און בבל האָבן דורך דעם אַרויסגערופן שנאה צו זיך מצד די אונטערטעניגטע פעלקער, און דערפאַר האָבן זיי ניט געקאָנט לאַנג זיך האַלטן. דער פּערסישער קיניג, פאַרקערט, האָט געוואָלט זיך ווייזן פאַר אַ גוטהאַרציקן אויבערהאַר. די פעלקער, וואָס כורש האָט אונטערטעניג געמאַכט, האָט ער ניט געלאָזט אויסהרגענען און באַרויבן. אַלע איינוואוינער פון די איינגענומענע לענדער זיינען געבליבן זיצן אויף זייערע ער־טער, און זייער אייגנס איז ניט געמינערט געוואָרן. דערפאַר האָט דאָס, וואָס די ממשלה איז איבערגעגאַנגען פון די בבלים צו די פּערסער, ניט אָנגעמאַכט קיין גרויסע מהומות. דער גרעס־טער רוב פון די איינגענומענע פעלקער האָט אפילו קוים גע־פילט דעם שינוי, וואָס איז פאָרגעקומען. אפילו די בבלים גופא

האָבן זיך אָן טענות אונטערגעגעבן דעם קיניג פון פּרס און האָבן אָנגעהויבן אים צאָלן צינז.

די יידן קערן זיך אום קיין ארץ-ישראל.

די מפּלה פון די בבלים האָט פאַרשאַפט די יידן אַ גרויסע שמחה. זיי האָבן צוגענומען דעם קיניג פון פּרס, ווי זייער אויסלייזער. און זייער פרייד איז טאַקע ניט געווען אומזיסט. כורש האָט זיי דערלויבט זיך אומצוקערן קיין ארץ-ישראל. דער קיניג פון פּרס האָט זיך געגרייט מלחמה האַלטן מיט מצרים, און דערפאַר האָט אים שטאַרק געלוינט צו האָבן אויף זיין צד די איינוואוינער פון מלכות יהודה, וואָס ליגט אויפן גרעניץ פון מצרים. דערפאַר טאַקע איז ער געווען אַזוי גוט גענייגט צו די יידן. נאָר די פאַרטריבענע זיינען געווען מלא שמחה אי־בער דער דאָזיקער בשורה און האָבן געדאַנקט און געלויבט כורשן. 49 יאָר האָבן זיי אַלץ געחלומט וועגן דעם טאָג, ווען זיי וועלן שוין קאָנען זיך אומקערן אַהיים, און איצט איז זייער האָפענונג מקויים געוואָרן.

באַלד האָבן צענדליקער טויזנטער פאַרטריבענע זיך גע־לאָזט אין וועג אַריין קיין ארץ-ישראל. מען איז געריטן אויף קעמלען, אייזלען און דאָס אייגנס און עסנוואַרג האָט מען אויפ־געלאָדן אויף קעמלען, אייזלען און מוילאייזלען. צווישן די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט, זיינען געווען סיי מיוחסדיקע לייט און סיי מענטשן פון המון, סיי כהנים און סיי שקלאַפן. דער וועג איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער; נאָר זיי זיינען געווען גרייט אַריבערצוטראָגן כלערליי שוועריקייטן, אַבי צו קומען אַהיים. אין עטלעכע חדשים אַרום זיינען די וואַנדערער אָנגע־קומען קיין ארץ-ישראל, נאָר זיי זיינען נאָך געשטאַנען פאַר גרויסע נסיונות.

דאָס לאַנד יהודה האָט דעמאָלט אויסגעזען חושך. די בבלים האָבן די איינגעװאָנומענע מלוכה געלאָזט אויף הפקר, און זי איז געבליבן שטיין נאָכן חורבן, ווי זי איז געװען — אין ירושלים האָבן זיך אומעטום געוואַלגערט הויפנס חורבות, און איר פאַרוויסטע סביבה האָט געהאַט דאָסזעלביקע טרויעריקע, חושכדיקע אויסזען. אין בית-לחם, יריחו און אַנדערע יידישע שטעט זיינען געבליבן ווייניק איינוואוינער. אין די דערפער, פאַרקערט, זיינען אומעטום געווען געאַקערטע פעלדער פון די פויערים, בליענדיקע סעדער און וויינגערטנער.

די פרנסות.

די יידן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון בבל, האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים און אַנדערע ערטער. פרייע ערד איז געווען גענוג, אָרט האָט געקלעקט פאַר אַלעמען, און ביסלעכווייז האָבן זיך אַלע גענומען פאַר די געוויינלעכע פרנסות: פאַר ערדאַרבעט, גערטנעריי, מלאכות און האַנדל.

אין יענער צייט האָבן זיך שוין דורך פאַלעסטינע ניט געצויגן די גרויסע שליאַכן קיין מצרים, בבל, פעניקיע און אַראַביע; דורך איר פלעגן שוין ניט גיין אין אַלע זייטן מחנות אייזלען און קעמלען, באַלאָדן מיט פאַרשיידענע סחורות. די מלחמות האָבן ניט אויפגעהערט, און די וועגן זיינען געוואָרן אַלץ געפערלאַכער: די קאַראַוואַנעס פלעגן אָפט באַרויבט ווערן, און דעריבער האָבן די סוחרים זיך געמיט אויסצומיידן פאַלעסטינע. איצט האָבן ניט נאָר די פעניקיער, נאָר אויך די מצרים, גריכן און אַנדערע פעלקער זיך געהאַט אויסגעלערנט צו בויען שיפן און צו פאָרן איבער ימים. זיי אַלע האָבן בעסער געוואָלט פירן זייערע סחורות איבער די ים-וועגן, איבערן מיטעללענדישן

און רויטן ים (ים־סוף), וואָס זיינען געווען ווייניקער געפער־
לעך.

אויף אַזאַ אופן האָט דאָס לאַנד יהודה אַנגעוואוירן זיין
פריערדיקע חשיבות, ווי אַ מסחר־לאַנד. די סחורות פון פע־
ניקיע, בבל און אַנדערע לענדער פלעגן שוין מער ניט דורכגיין
דורך די הענט פון די יידישע סוחרים, און זיי זיינען געבליבן
אָן די פריערדיקע רוחים. אַנשטאָט צו פאַרקויפן די מצרים
בבלישע געוואַנטן, געווער און כלים, און די בבלים פאַרקויפן
מצרישע רייטוועגן און פערד, האָבן די יידישע סוחרים זיך
איצט געמוזט באַנוגענען מיט קליינעם האַנדל. זיי האָבן גע־
האַנדלט נאָר מיט תבואה, וויין, איילבערטן און אַנדערע פראָ־
דוקטן, וואָס עס האָבן אויסגעאַרבעט די יידישע פויערים.

פונקט ווי גאָר אין אַמאָליקע צייטן, איז ווידער ערד־אַרבעט
געוואָרן די הויפּט־פרנסה פון יידן. זיי האָבן ליב געהאַט זיי־
ערע לאַנקעס, פעלדער, וויינגערטנער און סעדער. קיין זאַך
האָט ניט געקוויקט אַזוי זייער האַרץ, ווי די פעטע פּאַשע־
פלעצער, באַדעקט מיט טשערעדעס שאָף און רינדער, די גע־
דיכטע באַזייטע פעלדער, בליענדיקע סעדער און וויינגערטנער.

דאָס כלל־לעבן.

אין דער ערשטער צייט נאָך גלות־בבל זיינען צווישן יידן
ניט געווען קיין סך רייכע סוחרים און פריצים; די יידישע
פויערים האָבן געלעבט אין דחקות און נויט, זיי האָבן געמוזט
צאָלן צינז דעם קיניג פון פרס. צושטעלן האָלץ, בהמות, תבואה,
בוימל פאַר די כהנים און פאַר די קרבנות. אַריינטראָגן אָפּצאָ־
לונגען אויף צו באַפעסטיקן די מויערן פון שטאָט, אויף צו בויען
דעם בית־המקדש וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכן. אויף אַזאַ אופן
האָבן די פויערים געדאַרפט אַזויפיל אָוועקגעבן, אַז זיי פלעגט

אָפּטמאָל ניט בלייבן מיט וואָס צו דערנערן זיך און זייערע משפּחות.

גאָר שווער פלעגט זיין די פּויערים אין אַ יאָר פון ניט-גע־רעטעניש. בכדי ניט צו שטאַרבן פון הונגער, פלעגן זיי בעטן הילף ביי די רייכע לייט. יענע ווידער פלעגן געוויינלעך זען צו ציען רוחים פון דער נויט פון די פּויערים. זיי פלעגן אויפמאָנען פון זיי צוויי מאָל אַזויפיל. איז דאָס נאָך ווייניק, פלעגן די גבירים נעמען פאַר משכנות די פעלדער, סעדער, ווייגערטנער פון די פּויערים; ווען דער פּויער פלעגט צו דער צייט ניט קאָנען באַצאָלן זיין חוב, פלעגט זיין ערד בלייבן ביים רייכן. עס פלעגט אפילו טרעפן, אַז די הונגעריקע פּויערים פלעגן אָפּגעבן פאַר משכנות זייערע זין און טעכטער, און די קינדער פון די פּויערים פלעגן בלייבן אַזוי לאַנג קנעכט, ביז דער חוב איז ניט געווען באַצאָלט.

די אויבערהערשאַפט אָבער פון די פּערסער האָט באַפרייט די יידן פון מלחמות, און זיי האָבן געקאָנט רואיק אַרבעטן. מחמת דעם איז אין משך פון צייט דער מצב פון די פּויערים און בעלי-מלאכות אַביסל בעסער געוואָרן, דער וואוילשטאַנד איז כסדר געוואַקסן, און אין 4-טן יאָרהונדערט, צום סוף פון דער פּערסישער אויבערהערשאַפט, זיינען אין מלכות יהודה ווי־דער געווען אַ סך פאַרמעגלעכע און רייכע לייט. אַז די נויט איז קלענער געוואָרן, האָבן די יידן געקאָנט מער אַרומזען זייערע קינדער. עס זיינען ווייניקער געוואָרן חולאתן, מען איז ווינ־ציקער געשטאָרבן, און די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרמערט.

ווי אַזוי איז מלכות-יהודה געוואָרן רעגירט.

אין לאַנד יהודה האָבן געוואוינט די פּאַרוואַלטערס אָדער פּ ח ו ת פון פּערסישן קיניג און פאַרשיידענע באַאמטע. זיי האָבן געדאַרפט געבן השגחה, אַז די איינוואוינער זאָלן צו דער צייט צאָלן צינז און בלייבן געטריי דעם קיניג, אין אַלע איבע-ריקע זאַכן זיינען די יידן געווען אין זייער אייגענעם רשות און האָבן געמעגט זיך פירן, ווי זיי ווילן. זיי האָבן געמעגט האָבן זייער אייגענעם בית-דין און זייערע אייגענע געזעצן. די פּער-סישע רעגירונג האָט ניט געזאָגט קיין דעה אין די עסקים פון יידן צווישן זיך. אינגיכן האָבן אַריינגעכאַפּט די גאַנצע ממשלה פון לאַנד יענע יידישע מיוחסים און גדולים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון בבל.

פון בבל זיינען געקומען צוריק אַ סך גבירים און כהנים. זיי זיינען געווען אַ סך געבילדעטער, רייכער, ווי די פּויערים, וואָס זיינען פאַרבליבן אין ארץ-ישראל. דערצו זיינען זיי אין דער צייט פון גלות-בבל צוגעוואוינט געוואָרן צו אַן אייגענער הנהגה, צו זאָרגן וועגן די נויטבאַדערפענישן פון זייער קהילה, בכן האָבן די גדולים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט, באַלד אָנ-געהויבן צו מאַכן אָרדענונג אין חרובן לאַנד.

קודם כל האָבן די עלטסטע אָנגעהויבן באַזעצן די פּאַרוויס-טע שטעט און גענומען זיך בויען דעם בית-המקדש, די הייזער און די מויערן פון די שטעט. דער אויבערשטער ראַט פון די עלטסטע האָט זיך געפונען אין ירושלים, און די גדולים און שרים, וואָס זיינען געזעסן אינם דאָזיקן ראַט, האָבן געגעבן השגחה איבער דער אָרדענונג, געמשפּט דאָס פאָלק און איינגע-שטעלט אָפּצאָלונגען. אַלע איבעריקע שטעט האָבן געהאַט זיי-ערע עלטסטע, אַזוי ווי דאָס איז געווען אין אַמאָליקע צייטן.

די פויערים האָבן גערן געפאָלגט די עלטסטע, געטאָן, וואָס זיי האָבן געהייסן, געצאָלט די אָפּצאָלונגען, וואָס זיינען געווען אויף זיי אַרויפגעלייגט, אויסגעפירט אַלע נויטיקע אַרבעטן, מחמת אויך זיי האָבן געוואָלט, אַז די פּאַרוויסטע ערטער זאָלן ווערן באַזעצט, אַז דער בית-המקדש זאָל ווערן אויסגעבויט און די עבודה באַנייט. חוץ דעם, האָבן די פויערים געהאָפט, אַז די עלטסטע וועלן איינשטעלן אַ ריכטיקן משפט, און קיינער וועט ניט טאָרן אומבאַשטראָפט צונעמען פרעמדע גוטס, הרגענען, מזיקן אָדער באַדריקן דעם שוואַכן. נאָר די עלטסטע האָבן באַלד אָנגעהויבן אויסנוצן זייער מאַכט צום בייזן: זיי האָבן פאַרכאַפּט אַ סך ערד, גענומען ביי די פויערים צו גרויסע אָפּ-צאָלונגען און אפילו אָפּגעגזלט ביי די פויערים זייערע סעדער און וויינגערטנער.

די כהנים גדולים.

די כהנים האָבן מער פאַר אַלץ געקוקט אויף די ענינים פון דער אמונה. זיי האָבן שטרענג אויפגעפּאַסט, אַז יידן זאָלן אָפּהיטן אַלע דינים און זיך ניט צונויפמישן מיט די אַרומיקע פעלקער; פאַראיינם מיט זיי זיינען געווען די עלטסטע. די כהנים האָבן פון יאָר צו יאָר געקראָגן אַלץ מער חשיבות, אי-בערהויפּט שטאַרק איז געוואָרן די מאַכט פונם כהן-גדול, דעם אויבערשטן כהן פון ירושלים.

מיט דער צייט איז דער כהן-גדול געוואָרן דער חשובסטער מענטש אין גאַנץ מלכות יהודה. ער איז געווען אַזוי ווי אַנ-שטאָט אַ קיניג. דער כהן-גדול פלעגט ווערן באַזעצט אויף זיין שטעל מיט גרויס פּאַראַד; ער פלעגט אָנטאָן אַ מאַנטל פון פּור-פּור-וואָל און ווערן געזאַלבט ווי אַ קיניג; זיין שטעל פלעגט איבערגיין בירושה פון פאָטער צום זון. שפּעטער זיינען די

כהנים גדולים געשטעלט געוואָרן בראש פונם ראַט פון די עלטס־טע, וואָס איז באַשטאַנען פון 70 מאַן כהנים און גרויסע לייט. דער דאָזיקער ראַט האָט לאָ די וואָס געפירט די ענינים פון דער מלוכה, נאָר ער האָט אויך באַשטימט די דינים פון דער רעליגיע, וועגן חתונות, גטן וכדומה.

דער צווייטער בית-המקדש ווערט געבויט.

באַלד נאָכדעם, ווי די פּאַרטריבענע האָבן זיך אומגעקערט פון בבל — עס איז געווען סוכות-צייט — איז דאָס פאָלק זיך צונויפגעקומען פון אַלע עקן לאַנד קיין ירושלים, לויט ווי עס איז געווען דער אַלטער מנהג. צווישן די חורבות פונם בית־המקדש, אין יענעם אָרט, וואו עס איז פריער געשטאַנען דער קופערנער מזבח, האָט מען איצט אויסגעבויט אַ נייעם מזבח און מען האָט געבראַכט קרבנות. דאָס זיינען געווען די ערשטע קרבנות נאָכן חורבן ירושלים.

אויפן דאָזיקן יום-טוב האָט אַלעמען אָנגענומען אַ שטאַר־קער חשק אויסצובויען אַ נייעם בית-המקדש, נאָר אויספירן דאָס איז ניט גרינג געווען. ערשט אין 16 יאָר אַרום, אין יאָר 520, האָט מען זיך גענומען נעמען פאַרן בויען דעם בית-המקדש, און אין פיר יאָר אַרום איז ער פאַרטיק געוואָרן און געהיי־ליקט. צו דער חנוכת-הבית האָט זיך צונויפגעקליבן דאָס פאָלק פון גאַנץ מלכות-יהודה. און בכדי מכפר צו זיין אויף די זינד פון פאָלק ישראל, האָט מען מקריב געווען אַ סך אָקסן, שאָף־בעק און בעק.



דאָס בויען פון צווייטן בית המקדש

די התקרבות פון די יידן צו די שכנישע פעלקער.

אין דער צייט פון גלות-בבל האָבן אַ סך יידן, וואָס זיינען געבליבן אין לאַנד יהודה, גענומען פרויען פון די עמונים און שומרונים, און פאַרקערט, די עמונים, שומרונים און אַנדערע האָבן גענומען יידישע פרויען. די שומרונים האָבן געוואוינט אין געוועזענעם קיניגרייך ישראל. זיי האָבן אָפּגעשטאַמט פון אַשורישע איינוואַנדערערס, וואָס האָבן זיך צונויפגעמישט מיט די בני-ישראל, און אויך זייער אמונה איז געווען אַ געמישטע— זיי האָבן געדינט ניט נאָר צום יידישן גאָט, נאָר אויך צו די געטער פון די בבלים, פעניקיער און אַנדערע פעלקער.

די פּרומע לייט צווישן ייִדן האָבן ניט געוואָלט, אַז ייִדן זאָלן זיך מתקרב זיין צו די שכנישע פעלקער. זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער נעמען ייִדן איבער די פרעמדע מנהגים און גלויבונגען, טאָמער מישן זיי זיך אויס מיט זיי. נאָר די איינ־וואוינערס פון מלכות יהודה האָבן דערויף ניט געוואָלט אַכטן. הגם זיי זיינען געווען שטאַרק צוגעבונדן צו זייער אמונה, פונ־דעסטוועגן האָבן זיי זיך ניט אָפּגעפרעמדט פון די שכנים און פלעגן זיך מיט זיי מתחתן זיין. די ייִדן האָבן געקאָנט זיך גרינג צונויפריידן מיט די שומרונים און מיט די סירישע פעל־קער, ווייל זיי אַלע האָבן גערעדט אויף אַרמיש; העברעאיש האָט מען באַנוצט נאָר ביים דאַווגען. ס'זיינען אַוועק אַ סך יאָרן, געמישטע שידוכים האָבן אַלץ ניט אויפגעהערט, און די פּרומע האָבן גאָרניט געקאָנט פועלן קעגן דעם.

צולעצט זיינען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין ארץ־ישראל, צו די ייִדן, וואָס זיינען געבליבן אין בבל. צווישן זיי זיינען געווען אַ סך פּרומע לייט, וואָס האָבן געוואָלט אָפּהיטן די ריינקייט פון דער ייִדישער אמונה, און ביי זיי איז געווען שטאַרק דער רצון אָפּצוראַטעווען דאָס פאָלק פון דער השפּעה פון די שכנים. אין 80 יאָר אַרום נאָכן סוף פון גלות בבל, אין יאָר 458, זיינען אַוועק קיין מלכות־יהודה הונ־דערטער ייִדן, וואָס זייער הייסער פאַרלאַנג איז געווען צו העלפן זייערע ברידער און ניט לאָזן זיי אויסמישן זיך צווישן אַנדערע פעלקער. געפאָרן זיינען זיי מיטן הסכם פונם פּערסישן קיניג און האָבן געפירט מיט זיך אַ סך גאָלד און זילבער, וואָס די ייִדן פון בבל האָבן מנדב געווען. בראש פון די נייע איינוואַנ־דערערס איז געשטאַנען עזרא הסופר, אַ גרויסער קענער פון דער תורה, א כהן פון דער משפחה פון צדוק.

עזרא הסופר.

אין הערבסט פון יאָר 458 איז עזרא מיט זיינע באַגליי־טערס אָנגעקומען אין ירושלים און איז באַלד ארויסגעטראָטן קעגן די געמישטע שידוכים. בכדי אָפּצוזונדערן די יידן פון די אַרומיקע פעלקער, האָט ער לא די וואָס פאַרבאָטן זיי חתונה צו האָבן מיט די טעכטער פון די עמונים און שומרונים, נאָר ער האָט אפילו געפאָדערט, אַז זיי זאָלן זיך גטן מיט זייערע פרעמד־לענדישע ווייבער און אַוועקשיקן די קינדער, וואָס זיי האָבן פון זיי. נאָר דאָס איז שוין געווען אַ צו שטרענגע פאָדערונג.

אמת, עזראס תפילה, וואָס ער האָט מתפלל געווען, שטיי־ענדיק אויפן פלאַץ פאַרן בית־המקדש, אַרומגערינגלט פון דער גאַנצער עדה יידן, האָט געמאַכט אויף די פאַרזאַמלטע אַ גרויסן רושם. אַלע האָבן איינגעזען זייערע זינד און האָבן געוואָלט תשובה טאָן, און אין דער הייסער מינוט זיינען אַ סך מיט אַן אמת געווען גרייט אַוועקצואוואַרפן זייערע משפחות. נאָר דער גרעסטער רוב האָט ניט געקאָנט זיך גובר זיין. אַלע די, וואָס זיינען געווען צוגעבונדן צו זייערע ווייבער און קינדער, האָבן ניט געקאָנט פועלן ביי זיך איבערצולאָזן זיי אויף הפקר און זיינען געבליבן וואוינען מיט זיי אינאיינעם. גאָר ווינציק יידן האָבן געטאָן עזראס פאַרלאַנג, בכלל אָבער איז אַלץ געבליבן ווי פריער.

פסוקים פון ספר עזרא.

די פאַרטריבענע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון געפאַנ־גענשאַפט, האָבן געבראַכט עולות צום גאָט פון ישראל: רינדער צוועלף פאַר גאַנץ ישראל, שאָף־בעק זעקס און ניינציק, שעפּסן —זיבן און זיבעציק, בעק פאַר די זינד — צוועלף.

ווי דאָס איז געענדיקט געוואָרן, זיינען געקומען צו מיר די שרים און האָבן געזאָגט: „ניט אָפּגעשיידט האָבן זיך דאָס פאָלק ישראל און די כהנים און די לוויים פון די פעלקער פון אַנדערע לענדער—פונם כנעני, החתי, פריזי, יבוסי, עמוני, מואבי, מצרי, אמורי, — זיי האָבן גענומען פרויען פון זייערע טעכטער פאַר זיך און פאַר זייערע זין, און די שרים און די אָנפירערס האָבן דעם ערשטן חלק אין דער דאָזיקער פעלשונג". און אַז איך האָב געהערט די דאָזיקע זאַך, האָב איך צעריסן מיין אונטערשטן און אויבערשטן בגד און געריסן זיך פאַר די האָר פון מיין קאָפּ און באָרד און געבליבן זיצן נידערגעשלאָגן. אין דער צייט פון דער פאַרנאַכטיקער מנחה בין איך אויפגעשטאַנען פון מיין תענית און אין מיין צעריסענעם אונטערשטן און אויבערשטן בגד האָב איך אַנידערגעקניט און אויסגעשפרייט מיינע הענט צו גאָט און האָב געזאָגט: „מיין גאָט, איך שעם זיך אויפצוהויבן מיין פּנים צו דיר, וואָרים אונזערע זינד זיינען פיל אַריבערן קאָפּ, און אונזער שולד איז גרויס ביזן הימל. פון זינט די טעג פון אונזערע עלטערן זיינען מיר אין אַ גרויסער שולד ביזן היינטיקן טאָג, און פאַר אונזערע זינד זיינען מיר אַוועקגעגעבן געוואָרן, אונזערע מלכים און כהנים, אין האַנט פון די מלכים פון פרעמדע פעלקער, דורך שווערד, געפאַנגענשאַפט, רויב און שאַנד, ווי דעם היינטיקן טאָג. און איצט איז אויף אַ קליינער ווילע געווען די גענאָד פון אונזער גאָט איבערצולאָזן אונז אַ רעשט און צו געבן אונז אַן אָנהאַלט אין זיין הייליקן אָרט, צו מאַכן ליכטיק אונזערע אויגן און צו געבן אונז אַ ביסל לעבן אין אונזער קנעכטשאַפט. וואָרים קנעכט זיינען מיר און אין אונזער קנעכטשאַפט האָט אונז ניט פאַרלאָזן אונזער גאָט און ער האָט אונז צוגענייגט די גוטוויליקייט פון די מלכים פון פרס צו לאָזן אונז לעבן, אויפצוריכטן דאָס הויז פון אונזער גאָט, אויפצושטעלן זיינע חורבות און צו געבן אונז אַ פאַרצאַמונג אין

יהודה און ירושלים. און איצט, וואָס וועלן מיר זאָגן, אונזער גאָט, נאָך דעם, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזן דיינע געבאָטן"... און אַז עזרא האָט מתפלל און זיך מתודה געווען, וויינענדיק און אַנידערפאַלנדיק פאַר גאָטס הויז, האָבן זיך צונויפגעקליבן פון ישראל זייער אַ גרויסע עדה, מאַנסבילן און ווייבער און קינדער, און געוויינט האָט דאָס פאָלק פיל.

און מען האָט געלאָזט אויסרופן אין גאַנץ יהודה און ירושלים צו די געוועזענע פאַרטריבענע, זיי זאָלן זיך אויפקלייבן אין ירושלים; איטלעכער, ווער עס וועט ניט קומען נאָך דריי טעג, לויט דער באַשטימונג פון די שרים און די עלטסטע, וועט מען מחרים זיין זיין גאַנץ אייגנס, און ער וועט אָפּגעשטופּט ווערן פון קהל פון די פאַרטריבענע.

האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע מענער פון יהודה און בנימין קיין ירושלים אויפן דריטן טאָג, דאָס איז אין נייטן חודש, צוואַנציק טעג אין חודש. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן פּלאַץ פאַר גאָטס הויז, ציטערנדיק פון דער זאַך און פונם רעגן. איז אויפגעשטאַנען עזרא דער כהן און האָט צו זיי געזאָגט: „איר האָט געפעלשט און גענומען פרעמדלענדישע פרויען צו פאַרגרעסערן די שולד פון ישראל. איצטער זייט זיך מתודה פאַר גאָט דעם גאָט פון אייערע עלטערן און טוט זיין ווילן און שיידט זיך אָפּ פון די פעלקער פון פרעמדע לענדער און פון פרעמדע פרויען". האָט די גאַנצע פאַרזאַמלונג געענטפערט הויך אויפן קול: „אַזוי איז דאָס, אויף אונז איז אַ חוב צו טאָן לויט דיינע רייד".

נחמיה.

איז געווען אַ ייד פון בבל. ער האָט פאַרנומען ביים פער־סישן הויף די הויכע שטעל פון אַ שר המשקים און האָט געפונען חן אין די אויגן פונם קיניג ארתחשסתא (אַרטאַקסערקס). נאָר נחמיה איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צום יידישן פאָלק, און עס האָט אים שטענדיק אינטערעסירט צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין לאַנד יהודה. אַז ער איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם, אַז עזראס פרואוו אָפצושטעלן די געמישטע שידוכים האָט זיך ניט איינגעגעבן, האָט ער באַשלאָסן אַליין זיך צו נעמען פאַר דער זאַך.

אין יאָר 444 האָט דער קיניג פון פרס דערלויבט נחמיהן אָפצופאָרן קיין ארץ־ישראל און האָט אים באַשטימט פאַר אַ פאַרוואַלטער (פחה) איבערן לאַנד יהודה. אויף אַזאַ אופן איז נחמיה געקומען קיין ירושלים, ווי אַ הויכער שר, געשיקט פון קיניג, און אַלע האָבן געמוזט אים פאָלגן אָן טענות. קודם כל האָט ער זיך גענומען באַפעסטיקן די הויפטשטאָט. די עמונים, שומרונים און אַנדערע שכנים האָבן מיט אַלע מיטלען גע־פלייסט זיך צו שטערן דאָס בויען פון די מויערן. נאָר נחמיה האָט זיך ניט געלאָזט אָנשרעקן. ער האָט אַוועקגעשטעלט אַר־מעטום קריגסלייט. און אַ סך האָבן מיט איין האַנט געאַרבעט און אין דער אַנדערער געהאַלטן אַ שווערד. געאַרבעט האָבן ביים בויען די איינוואוינער פון גאַנץ יהודה, און נחמיה האָט טאָג און נאַכט אויפגעפאַסט אויף דער אַרבעט און אומעטום אַליין איינגעשטעלט.

מחמת דער פעסטקייט און אויסגעהאַלטנקייט נחמיהס, איז די באַפעסטיקונג פון ירושלים אַוועק זייער גיך. נאָר פאַר די

פויערים איז אָט די נייע חוב־אַרבעט געװוען צו שווער. פאַר־נומען מיטן בויען די מויערן פון שטאָט, האָבן זיי ניט געקאָנט מפרנס זיין זיך און זייערע משפחות און זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרמשכנען ביי די גבירים זייערע פעלדער און וויינגערטנער און אפילו זייערע קינדער. צוערשט האָבן די אָרימעלייט געליטן און געשוויגן, אָבער סוף־כל־סוף האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַקלאָגן זיך. זיי האָבן געטענעט: „אונזערע לייבער זיינען אַזעלכע, ווי די לייבער פון אונזערע ברידער, אונזערע זין פונקט אַזעלכע, ווי זייערע זין, — און אָט מוזן מיר אָפּגעבן אונזערע זין און טעכטער פאַר שקלאַפן".

בכדי איינצושטילן די אומצופרידנקייט, האָט נחמיה געפאָדערט, אַז די גבירים זאָלן אָפּגעבן די פויערים דאָס פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן צוגענומען ביי זיי אין משכון; און קיינער האָט ניט געהאַט די העזה ניט צו פאָלגן דעם קיניגלעכן פאַרוואַלטער. אגב, האָט נחמיה גופא געדינט פאַר אַ מוסטער: ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון צו נעמען געצאָלט פאַר דער פאַרוואַלטונג און האָט יעדן טאָג געשפּייזט 150 אָרימעלייט.

תיקונים אין אמונה־זאַכן.

אַז די באַפעסטיקונג פון ירושלים איז פאַרענדיקט געוואָרן, און די יידישע הויפּטשטאָט האָט שוין ניט געדאַרפט מער מורא האָבן פאַר די אָנפאַלן פון די שכנים, האָט נחמיה זיך גענומען צו פאַרפעסטיקן די אמונה צווישן יידן. ער האָט געוואָלט איינשטעלן אַזוי, אַז דאָס גאַנצע לעבן זאָל זיך פירן לויט דער תורה. לויט זיין באַפעל האָט עזרה פאַרגעלייענט דעם פאָלק דעם ספר תורת כהנים.

אַז יידן האָבן געהערט לייענען די תורה, האָבן זיי איינגעזען, אַז ביז איצט האָבן זיי אַ סך מצוות ניט אָפּגעהיט; אַ סך

פון זיי האָבן דערויף שטאַרק חרטה געהאַט און האָבן געוואָלט אָנהויבן לעבן איצט גאָר אַנדערש. אינגיכן איז אָנגעקומען דער יום-טוב סוכות, און איצטיקס מאָל האָט מען אים געפייערט גאָר אויף אַ נייעם שטייגער. אָנשטאָט צו נעכטיקן אין בייד-לעך, אין סעדער און וויינגערטנער און זיך דאָרט משמח צו זיין, האָבן די יידן זיך אויסגעבויט סוכות אויף די פּלעצער און הויפן אָדער אויף די דעכער פון די הייזער און האָבן זיי אויס-געפּוצט מיט צווייגן פון איילבערט-ביימער, פּאַלמען און מירטן. דאָס מאָל זיינען אָפּגעהיט געוואָרן אַלע דינים פון תורת כהנים.

אַז דער יום-טוב איז אַריבער, האָט עזרא געהאַלטן אַ פלאַם-פייערדיקע דרשה וועגן די זינד פון פאָלק און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף די שרים, כהנים, לויים און אויפן גאַנצן פאָלק. אַלע האָבן באַלד אַ שבועה געגעבן, אַז זיי וועלן היטן אַלע חוקים און מצות.

חוקים פון תורת כהנים.

גנבעט ניט און זייט ניט פאַלש איינער קעגן אַנדערן.

זאָלסט ניט באַדריקן דיין חבר און ניט גזלענען; זאָלסט ניט לאָזן איבערנעכטיקן ביי דיר דעם לוין פון געדונגענעם ביז אינדערפרי.

זאָלסט זיך ניט נוקם זיין און ניט היטן קיין שנאה קעגן די זין פון דיין פאָלק און זאָלסט ליב האָבן דיין חבר, ווי זיך גופא.

אַז עס וועט וואוינען מיט דיר אַ פרעמדער אין דיין לאַנד, זאָלט איר אים ניט אָפּנאַרן, ווי אַן איינוואוינער פון אייך גופא זאָל פאַר אייך זיין דער פרעמדער, וואָס וואוינט מיט אייך, און

זאָלסט אים ליב האָבן, ווי זיך אַליין, וואָרים פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מצרים.

איר זאָלט ניט באַגיין קיין עולות אין משפט, אין וואָג און מאָס. אַ ריכטיקע וואָגשאָל, ריכטיקע וואָגן און מאָסן זאָלן זיין ביי אייך.

דו זאָלסט דיר אָפציילן זיבן יאָר־וואָכן, זיבן מאָל צו זיבן יאָר, און די צאָל פון די זיבן יאָר־וואָכן זאָלן דיר זיין ניין און פערציק יאָר. און איר זאָלט הייליקן דאָס פופציקסטע יאָר און אויסרופן פרייהייט אין לאַנד פאַר אַלע זיינע איינוואוינערס: אַ יובל־יאָר זאָל עס זיין פאַר אייך, און איר זאָלט זיך אומקערן איטלעכער צו זיין נחלה און איטלעכער צו זיין משפחה.

און קיין ערד זאָל ניט פאַרקויפט ווערן אויף אייביק, וואָרים צו מיר געהערט די ערד. ווען דיין ברודער וועט אָרים ווערן און וועט פאַרקויפן פון זיין נחלה, און ער וועט ניט האָבן קיין קרוב, ווער עס זאָל אים אויסלייזן, זאָל די פאַרקויפטע (נחלה) בלייבן אין רשות פונם קונה ביזן יובל־יאָר, און אין יובל זאָל עס אָפגיין פון אים, און ער (דער פאַרקויפער) זאָל זיך אומקערן צו זיין נחלה.

ווען דיין ברודער וועט אָרים ווערן און וועט זיך פאַרקויפן, זאָלסטו אים ניט לאָזן טאָן די אַרבעט פון אַ שקלאַף: ווי אַן איינוואוינער אַ געדונגענער זאָל ער זיין ביי דיר. ביזן יובל־יאָר זאָל ער אַרבעטן ביי דיר, און דערנאָך זאָל ער אַוועקגיין פון דיר, ער און זיינע קינדער מיט אים, צו זיין משפחה און צו דער נחלה פון זיינע עלטערן זאָל ער זיך אומקערן. וואָרים קנעכט זיינען זיי, וואָס איך האָב אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים. זאָלן זיי ניט פאַרקויפט ווערן, ווי מען פאַר־

קויפט קנעכט. פון די פעלקער, וואָס אַרום אייך, פון זיי מעגט איר קויפן אַ קנעכט און אַ דינסט, און איר מעגט זיי לאָזן בירושה צו אייערע זין נאָך אייך, ווי אַן אייביקע נחלה.

נחמיה קומט צופאָרן אַ צווייטן מאָל.

כל זמן נחמיה איז געזעסן אין יהודה, האָט מען די שבועה נאָך ווי עס איז געהאַלטן. נאָר אין צוועלף יאָר אַרום, אין יאָר 432, איז נחמיה אַוועקגעפאָרן קיין פּערסיע. דעמאָלט האָבן יידן ווידער אָנגעהויבן האַנדלען אום שבת, דעם מעשר פאַר די כהנים האָט מען ניט געצאָלט ווי געהעריק, און עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן שידוכים מיט שומרונים און אַנדערע פרעמדע. אפילו דער כהן גדול האָט זיך מתחתן געווען מיט אַן עמוני און האָט אים געגעבן אַ חדר (לשכה) אין בית-המקדש.

אַז נחמיה איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם, אַז יידן זיינען עובר אויף דער שבועה, האָט ער באַשלאָסן צו צווינגען די יידן מיט געוואַלד אָפּצוהיטן די דינים פון תורת כהנים. צוליב דעם איז ער ווידער אָפּגעפאָרן קיין ארץ-ישראל. אַז ער איז אָנגעקומען אַהין, האָט ער דערזען, אַז מען טרעט קעלטערס אום שבת, מען ברענגט די גאַרבן און מען לאָדט אויף אייזלען, און אויך ווין, וויינטרויבן און פייגן און כלערליי משאות פירט מען אַריין קיין ירושלים אום שבת.

בכדי אָפּצושטעלן דעם האַנדל אום שבת, האָט נחמיה געהייסן פאַרשליסן די טויערן פון ירושלים פרייטאָג פאַרנאַכט און האַלטן זיי צוגעשלאָסן ביז זונטאָג. אַז די הענדלערס האָבן געפּרואווט זיך אַוועקשטעלן אויף יענער זייט פון די טויערן, האָט נחמיה זיי אָנגעשראָקן, אַז ער וועט זיי אַוועקטרייבן. אַלע

האָבן געוואוסט, אַז דאָס זיינען ניט פּוסטע רייד, ווייל ער האָט געהאַט אין זיין רשות זעלנערס; דעריבער האָט מען געמוזט אים פאָלגן.

די זאַכן פונם עמוני האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון בית-המקדש, און די, וואס האָבן חתונה געהאַט מיט עמונישע, מואָבישע און שומרונישע פרויען, האָט נחמיה אָפּטמאָלם אַליין געשלאָגן און געריסן זיי פאַר די האָר. אוים מורא פאר שטראָף, זיינען יידן געווען געצוואונגען אָפּצוהיטן די דינים פון דער תורה.

אינדערפרי און פאַרנאַכט פלעגט מען אַלע טאָג פאַר-ברענען אין בית-המקדש צוויי יונגע שעפּסן און אַ באַשטימטע מאָס בוימל און זעמל-מעל. אין יום-טובדיקע טעג פלעגט מען נאָך ברענגען תודות, דאַנק-אָפּפערס, און חטאות, אויף מכפר צו זיין אויף זינד. צו די שלש רגלים — פסח, שבועות, סוכות, זיי-נען איצט צוגעקומען נאָך צוויי גרויסע ימים-טובים: ראש-השנה, דער ערשטער טאָג פון יאָר, און יום-כפור, צען טעג אין תשרי. יום-כפור פלעגט מען אַ גאַנצן טאָג פאַסטן און מתפלל זיין צו בעטן מחילה אויף די זינד.

מיט דער צייט איז די מאַכט פון די כהנים אַזוי שטאַרק געוואָרן, אַז דאָס פאָלק האָט געמוזט טאָן, וואָס זיי האָבן גע-וואָלט. יענע, וואָס האָבן ניט געוואָלט ליידן די נייע אָרדע-נונג, האָבן געמוזט אַוועקגיין פון דער היים און זיך אַריבער-קלייבן צו די שומרונים. די איינוואוינערס פון מלכות-יהודה האָבן זיך אַלץ מער אָפּגעזונדערט פון די אַרומיקע פעלקער און אָפּגעשיידט זיך פון זיי לויט זייער אמונה און מידות.

די פאָלקס-פאַרזאַמלונג, באשריבן אין ספר „נחמיה“.

עזרא דער כהן האָט געבראַכט די תורה פאַר דער פאַר-זאַמלונג, פון מאַנסבילן ביז פרויען, אַלע, וואָס פאַרשטייען, דעם ערשטן טאָג פון זיבעטן חודש. און ער האָט געלייענט אויפן פּלאַץ, וואָס פאַרן וואַסער-טויער, פון באַגינען ביז האַלבן טאָג פאַר מאַנסבילן און פרויען, וואָס פאַרשטייען, און די אויערן פון גאַנצן פאָלק זיינען געווענדט צו דעם ספר התורה. עזרא הסופר איז געשטאַנען אויף אַ הילצערנער בימה, וואָס מען האָט געמאַכט צוליב דעם, און ער האָט געעפנט דעם ספר פאַר די אויגן פונם גאַנצן פאָלק, ווייל ער איז געווען העכער פאַרן גאַנצן פאָלק; און אַז ער האָט געעפנט, איז דאָס גאַנצע פאָלק אויפגעשטאַנען. האָט עזרא געלויבט גאָט, דעם גרויסן גאָט, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט: אָמן! אָמן! — אויפ-געהויבן די הענט אין דער הויך, דערנאָך האָבן זיך אַלע גע-קניט און געבוקט פאַר גאָט מיטן פּנים צו דער ערד.

האָבן געזאָגט נחמיה און עזרא הכהן דער סופר און די לויים צום גאַנצן פאָלק: היינטיקער טאָג איז הייליק פאַר גאָט, אייער גאָט. איר זאָלט ניט טרויערן און ניט וויינען. — וואָרים געוויינט האָט דאָס גאַנצע פאָלק, ווען זיי האָבן געהערט די ווערטער פון דער תורה. — גייט און עסט פעטע שפייזן און טרינקט זיסע געטראַנקען און שיקט חלקים צו די, וואָס האָבן ניט צוגעגרייט, ווייל הייליק איז דער טאָג פאַר אונזער האַר. און דאָס פאָלק איז אַוועק צו עסן און צו טרינקען און צו שיקן מתנות און צו מאַכן אַ גרויסע שמחה.

די סופרים.

נאָך גלות בבל האָבן אין לאַנד יהודה זיך באַוויזן סופרים, דאָס זיינען געווען אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן געלערנט חומש, די ספרים פון די נביאים און אַנדערע הייליקע שריפטן. זיי האָבן ניט פאַרנומען קיין שטעלעס ביים בית־המקדש — זיי זיינען ניט געווען ניט קיין כהנים, ניט קיין לויים, ניט קיין זינגערס; די תורה האָבן זיי געלערנט ניט ווי אַ מוז־זאַך, נאָר מיטן גוטן ווילן, ווייל דאָס האַרץ האָט זיי געצויגן צום לער־נען. דערפאַר זיינען אויך די סופרים געשטאַנען נעענטער צום פאָלק, איידער די כהנים. זיי האָבן זייער קענטשאַפט ניט באַ־האַלטן פאַר זיך, נאָר זיי האָבן שטענדיק געלערנט מיטן עולם תורה און אויסגעטייטשט דעם פאָלק יענע פסוקים, וואָס זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען.

די כהנים האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, געקוקט אויפן פשוטן המון פון אויבן אַראָפּ און ווינציק געדאַגעט וועגן לערנען מיט אים. חוץ דעם, האָבן דאָך אַלע כהנים געוואוינט נאָר אין ירושלים אַרום בית־המקדש, און דאָס גאַנצע פאָלק פלעגט קומען אַהין נאָר דריי מאָל אין יאָר. אויף אַזאַ אופן איז נאָר אַ דאַנק די סופרים די תורה פאַרשפרייט געוואָרן צווישן אַלע יידן אין די שטעט און דערפער. דאָס פאָלק האָט די סופרים דערפאַר אָפּגעגעבן גרויס כבוד, און זייער ווירקונג איז כסדר געוואַקסן.

מיט דער צייט זיינען אין פאַרשיידענע ערטער פון לאַנד יהודה אויסגעבויט געוואָרן שולן, וואו יידן פלעגן זיך צונויפ־קלייבן אַלע שבת צו לייענען די תורה און זינגען מזמורים פון תהלים. אין די שולן זיינען ניט געווען ניט קיין עבודה און ניט

קיין קרבנות. נאָר דאָרט פלעגן יידן זיך באַקענען מיטן אַמאָליקן לעבן פון זייער פאָלק, מיט די רייד פון די גרויסע נביאים, מיט די מצוות פון דער תורה. איבער דעם האָט זיך אַלץ מער גע־שטאַרקט דער צונויפבונד צווישן יידישן פאָלק.

דער פאַרקער פון די יידן מיט שכנישע פעלקער.

צוליב זייערע געשעפטן האָבן יידן געהאַט אַ שטענדיקן פאַרקער מיט די אַרומיקע פעלקער. יענע האָבן אַלע כמעט גערעדט אַרמיש, מחמת דעם האָבן אויך יידן זיך אַלץ מער צוגעוואוינט צו ריידן אַרמיש. העברעאיש פלעגט דינען נאָר אויף צו שרייבן די הייליקע ספרים; די סופרים, וואָס האָבן געלערנט מיטן פאָלק די תורה און די שריפטן פון די נביאים, האָבן געמוזט פאַרטייטשן די פסוקים אויף אַרמיש, בכדי דאָס פאָלק זאָל פאַרשטיין, אויך זייערע דרשות האָבן זיי געמוזט זאָגן אויף אַרמיש.

נאָר אין יענער צייט איז שוין דער פאַרקער מיט די פרעמ־דע פעלקער ניט געווען קיין סכנה פאר דער ריינקייט פון דער יידישער אמונה. די יידן האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו די חוקים פון דער תורה און האָבן אויפגעהערט איבערצו־נעמען פרעמדע מנהגים. אין יענער צייט האָט אפילו די יידישע אמונה אָנגעהויבן זיך פאַרשפרייטן צווישן די שכנישע פעל־קער, און אַ סך זיינען געוואָרן יידן.

יידישע קאָלאָניעס.

נאָכן אונטערגאַנג פון דער בבלישער מלוכה, זיינען אין בבל, מצרים, פעניקיע און אַנדערע לענדער פאַרבליבן יידישע קאָלאָניעס, אַ סך יידן האָבן, ביי זייער גאַנצער ליבשאַפט צו

זייער היים, ניט געקאָנט פועלן ביי זיך צו פאַרלאָזן זייער מסחר, זייערע הייזער און מאַיאָנטקעס און זיינען פאַרבליבן אין דער פרעמד. אין אַ געוויסער צייט אַרום באַוויזן זיך יידישע קאָלאָניעס אויך אין שושן און אין אַנדערע שטעט פון פרס.

כמעט אַלע יידן, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט איבער פרעמדע לענדער, האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר. עס זיינען געווען צווישן זיי גרויסע סוחרים, וואָס האָבן געפירט אַ גרויסן האַנדל; זיי פלעגן אויפקויפן אַ סך סחורות און צעשיקן אויף שיפן אָדער קאַראַוואַנעס אין ווייטע לענדער. די קליינע הענדלערס ווידער פלעגן אויפלאָדן סחורות אויף אייזלען אָדער מויל-אייזלען און פונאַנדערפירן איבער די שכנישע שטעט און דערפער.

בעלי-מלאכות זיינען צווישן די קאָלאָניסטן געווען ווינציק, און ערדאַרבעטערס און גערטנערס נאָך ווינציקער; זייער הויפּט-פרנסה איז געווען מסחר.

די יידישע קאָלאָניסטן פלעגן זיך האַלטן אָפּגעזונדערט. די פּערסישע מלכים האָבן זיי ניט געשטערט צו לעבן אויף זייער שטייגער און האָבן זיי קיין שום נגישות ניט אָנגעטאָן. נאָר עס פלעגט מסתמא טרעפן, אַז די אָרטיקע איינוואוינערס פלעגן אַרויסווייזן שנאה צו די יידן, וואָס זיינען זיי פרעמד לויט זייערע מנהגים און גלויבן. אין תנ"ך איז פאַראַן אַ ספר, וואָס הייסט מגילת „אסתר", וואו עס ווערט דערציילט, ווי אַזוי יידן זיינען ניצול געוואָרן פון די הענט פון זייערע שכנים, וואָס האָבן געוואָלט זיי אויסהרגענען. צום אָנדענק אָן דער דאָזיקער געשעעניש איז איינגעשטעלט דער יום-טוב פורים.

פון מגילת „אסתר".

אַ ייד איז געווען אין שושן, דער הויפּטשטאָט. זיין נאָמען איז געווען מרדכי. ער איז געווען אַן ערציער פון הדסה, דאָס איז אסתר, זיין פעטערס טאָכטער, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין פאָטער און קיין מוטער. און דאָס מיידל איז געווען שיין אין געשטאַלט און גוט אין אויסזען. איז אסתר גענומען געוואָרן אין הויז פון אחשורוש. און דער קיניג האָט ליב געהאַט אסתרן מער פון אַלע פרויען, און ער האָט אַרויפגעלייגט אַ קיניגלעכע קרוין אויף איר קאָפּ און זי געמאַכט פאַר אַ קיניגין.

נאָך די דאָזיקע געשעענישן האָט דער קיניג אחשורוש גרויס געמאַכט המן בן המדתא און דערהויבן אים און געשטעלט זיין שטול העכער פון אַלע שרים, וואָס ביי אים. און אַלע קנעכט דעם קיניגס קניען און בוקן זיך פאַר המנען; נאָר מרדכי קניט און בוקט זיך ניט. אַז המן האָט געזען, אַז מרדכי קניט ניט און בוקט זיך ניט פאַר אים, איז ער פול געוואָרן מיט גרימצאָרן. איז פאַר אים ווינציק געווען אַרויפצולייגן זיין האַנט אויף מרדכין אַליין, — ווייל מען האָט אים געזאָגט ווער איז מרדכים פאָלק — נאָר ער האָט געוואָלט פאַרטיליקן אַלע יידן, וואָס אין קיניגרייך פון אחשורוש.

האָט המן געזאָגט צום קיניג אחשורוש: „פאַראַן אַ פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער אין אַלע מדינות פון דיין קיניגרייך. זייערע געזעצן זיינען פאַרשיידן, ווי ביי אַלע פעלקער, און דעם קיניגס געזעצן היטן זיי ניט, און דעם קיניג איז ניט כדאי צו לאָזן זיי צו רו. אויב דעם קיניג איז דאָס וואוילגעפעלן, זאָל ווערן אָנגעשריבן זיי צו פאַרטיליקן".

זיינען געשיקט געוואָרן בריוו דורך לויפערס אין אַלע מדינות פון קיניג צו פאַרטיליקן, צו טויטן און צו פאַרלענדן אַלע יידן, יונג און אַלט, קינדער און ווייבער אין איין טאָג, דעם דרייצענטן טאָג פון צוועלפטן חודש, דאָס איז חדש אדר, און צו רויבן זייער אייגנס.

מרדכי איז געוואויר געוואָרן, וואָס עס איז געשען. האָט ער צעריסן זיינע קליידער, אָנגעטאָן אַ זאַק און אַש און איז אַרומ־געגאַנגען אינמיטן שטאָט און געשריען אַ גרויס און ביטער געשריי. ער איז געקומען ביזן טויער פון קיניג.

און אין איטלעכער מדינה, אין איטלעכן אָרט, וואו עס קומט אָן דעם קיניגס וואָרט און זיין געזעץ, איז אַ גרויסער טרויער ביי יידן און פאַסטן און געוויין און קלאָגן, זעק און אַש איז אויסגעשפרייט פאַר אַ סך.

זיינען געקומען אסתרס דינסטן און אירע דינערס און האָבן איר דאָס דערציילט, איז די קיניגן שטאַרק דערשראָקן געוואָרן. האָט אסתר גערופן התך, איינעם פון דעם קיניגס דינערס, און געשיקט אים צו מרדכין זיך דערוויסן, וואָס איז דאָס און פאַר־וואָס דאָס איז. האָט אים מרדכי דערציילט, וואָס מיט אים האָט געטראָפן, און האָט געהייסן אָנזאָגן אסתרן, זי זאָל גיין צום קיניג, בעטן ביי אים רחמים און אויסבעטן ביי אים פאַרן פאָלק.

איז געגאַנגען התך און האָט איבערגעגעבן אסתרן מרדכיס רייד. האָט אסתר געזאָגט התכן און געהייסן איבערגעבן מרדכין: „אַלע קנעכט דעם קיניגס און דאָס פאָלק פון דעם קיניגס מדינות ווייסן, אַז איטלעכער, א מאַנסביל אָדער אַ פרוי, וואָס וועט קומען צום קיניג אין אינעווייניקסטן הויף אַריין, ניט גערופענערהייט, איז איין געזעץ פאַר אים — געטויט

צו ווערן, סיידן ווען דער קיניג שטרעקט צו אים אויס די גאָלדענע רוט, דעמאָלט בלייבט ער לעבן. און איך בין ניט גערופן געוואָרן צו קומען צום קיניג שוין דרייסיק טעג".

האָט מרדכי געהייסן ענטפערן אסתרן: „זאָלסט זיך ניט איינרעדן ניצול צו ווערן אין קיניגס-הויז פון אַלע יידן. אויב שווייגן וועסטו אין אַזאַ צייט, וועט דערלייכטערונג און אויסלייזונג אויפשטיין פאַר יידן פון אַן אַנדער אָרט, און דו מיט דיין פאָטערס הויז וועסט אונטערגיין"... האָט אסתר געהייסן ענטפערן מרדכין: „גיי קלייב צונויף אַלע יידן, וואָס געפינען זיך אין שושן, און פאַסט פון מיינעטוועגן, עסט ניט און טרינקט ניט דריי טעג, ביי טאָג און ביי נאַכט, און איך מיט מיינע דינסטן וועלן אויך פאַסטן. און אַזוי וועל איך גיין צום קיניג, הגם דאָס איז ניט לויטן געזעץ, און אויב איך וועל אומקומען — וועל איך אומקומען".

עס איז געווען דער דריטער טאָג, האָט אסתר זיך אָנגעטאָן קיניגלעכע קליידער און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אינעווייניקסטן הויף פון קיניגס הויז, קעגנאיבער דעם הויז פונם קיניג. אַז דער קיניג האָט געזען אסתר די קיניגין שטייט אין הויף, האָט זי געפונען חן אין זיינע אויגן, און ער האָט אויסגעשטרעקט צו אסתרן די גאָלדענע רוט, וואָס אין זיין האַנט, און אסתר האָט גענענט און אָנגערירט דעם שפּיץ פון דער רוט. האָט דער קיניג געזאָגט צו איר: „וואָס איז מיט דיר, אסתר המלכה, און וואָס איז דיין פאַרלאַנג? ביז אַ העלפט פונם קיניגרייך — וועט דיר געגעבן ווערן".

האָט אסתר געזאָגט: „אויב דעם קיניג איז וואוילגעפעלן, זאָל קומען דער קיניג מיט המנען היינט צום מאָלצייט, וואָס איך האָב געמאַכט פאַר אים". האָט דער קיניג געזאָגט: „ברענגט געשווינד המנען, צו טאָן לויט אסתרס רייד". איז

געקומען דער קיניג מיט המנען צום מאַלצייט, וואָס אסתר האָט געמאַכט. האָט דער קיניג געזאָגט צו אסתרן ביים טרינקען וויין: „וואָס איז דיין באַגער, און עס וועט דיר געגעבן ווערן, וואָס איז דיין פאַרלאַנג — אויב ביז אַ העלפט פון קיניגרייך, וועט עס געטאָן ווערן". האָט אסתר געענטפערט: „מיין באַגער און מיין פאַרלאַנג איז: אויב איך האָב געפונען חן אינם קיניגס אויגן, און אויב דעם קיניג איז וואוילגעפעלן צו געבן מיין באַגער און צו טאָן מיין פאַרלאַנג, זאָל קומען דער קיניג מיט המנען ווידער צום מאַלצייט, וואָס איך וועל זיי מאַכן, און מאָרגן וועל איך טאָן לויטן קיניגס וואָרט".

איז געקומען דער קיניג מיט המנען צום מאַלצייט ביי אסתר המלכה. האָט דער קיניג געזאָגט צו אסתרן אויך דעם צווייטן טאָג ביים טרינקען וויין: „וואָס איז דיין באַגער, אסתר המלכה, און עס וועט דיר געגעבן ווערן; וואָס איז דיין פאַרלאַנג?—אויב ביז דער העלפט פונם קיניגרייך, וועט עס ווערן געטאָן". האָט אסתר המלכה געענטפערט: „אויב איך האָב געפונען חן אין קיניגס אויגן און אויב דעם קיניג איז וואוילגעפעלן, זאָל מיר געגעבן ווערן מיין לעבן פאַר מיין באַגער, און מיין פאָלק—פאַר מיין פאַרלאַנג. וואָרים פאַרקויפט זיינען מיר, איך און מיין פאָלק, צו פאַרטיליקן און צו טויטן און צו פאַרלענדן"...

האָט דער קיניג אחשורוש געזאָגט צו אסתר המלכה: „ווער איז דאָס און וואו איז ער, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט דאָס צו טאָן?" — האָט אסתר געזאָגט: „דער דאָזיקער שונא איז אָט דער רשע המן".

איז המן פאַרציטערט געוואָרן פאַרן קיניג און דער קיניגן.

און דער קיניג איז אויפגעשטאַנען אין זיין גרימצאָרן פונם מאַלצייט און איז אוועק אין גאָרטן פון פאַלאַץ; המן איז אָבער

געבליבן בעטן אויף זיין לעבן ביי אסתר המלכה, ווייל ער האָט געזען, אַז עס איז אים אָנגעגרייט אַ שלעכטער סוף פונם קיניג...

און מען האָט אויפגעהאָנגען המנען אויפן בוים, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר מרדכין. און דעם קיניגס גרימצאָרן איז איינגעשטילט געוואָרן.